STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11687

FUN FEBRUAR BIZ OKTOBER 1917

I. N. Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. נ. שטיינבערג

פון פעברואר ביז אקטאבער 1917

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון רוסיש
— י. ראַפּאַפּאָרט.

פאַרלאַג בזשאָזאַ

וואַרשע 1928

Printed in Poland

Fun Februar biz Oktober / J. N. Szteinberga

Wydawnictwo Brzoza

Druk. Lewin-Epstein, Pawia 38

פון מחבר

דידאָזיקע אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1918. דערפאַר זענען אין איר נישט אַריין יענע מאַטעריאַלן און ידיעות, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשטעלט ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן; דערפאַר איז אין איר אויך נישט געגעבן געוואָרן קיין כאַראַקטעריסטיק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָדער פון דעם רעגירנדיקן באָלשעוויזם. דער ווונש פון דעם מחבר איז געווען נאָר צו געבן אַ היסטאָרישע און סאָציאַליסטישע דערקלערונג פון דער אנטשטעונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַ דערקלערונג, וועלכע איז, שיינט אים, געבליבן ריכטיק אויך אין יאָר 1927.

י. ש.

דער כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע

די אָקטאָבערשע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן קעגן זיך נישט נאָר אַן אָפענעם צאָרן מצד די הערשנדיקע קלאַסן פון דער גאַנצער וועלט. אויף אַזאַ באַציאונג האָט מען זיך געמוזט ריכטן פון אָנהויב אָן און די רעוואָלוציע שפּרייזט רויק און מוטיק אַריבער איבער איר. זי ווייס, אַז אַלע כּחות פון ערד און גיהנום וועלן געלאָזט ווערן אין באַוועגונג דורך דער צערודערטער וועלט-בורזשואַזיע, כּדי מיט קראַפט, אָדער דורך בלבולים אויסצולעשן דאָס ליכט, וואָס האָט אויפגעלויכטן אין מזרח-אייראָפּע. זי ווייס דאָס, און קעגן דעם דאָזיקן, היסטאָריש-אומפאַרמיידלעכן אָנגריף מאָביליזירט זי אירע כּחות כּדי אויסצוקעמפן אפשר דעם לעצטן אַנטשיידנדיקן קאַמף.

אָבער די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געהאַט קעגן זיך אויך אַנדערע קעגנער, וועלכע זי טאָר נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק. דאָס איז די שטים פון דער סאָציאַליסטישע עפנטלעכער מיינונג אין אייראָפּע, דאָ, אין דער דאָזיקער וועלט וואָס איז נאָענט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, האָבן זיי געהאַט אויסצוהערן די גרעסטע פאָרווורפן און ביטערסטע טענות. סיי דער מקור, סיי דער גאַנג פון דער געוואַלטיקער איבערקערעניש איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך אין אַ טייל ערלעכע און איבערגעגעבענע סאָציאַליסטישע קרייזן. מען איז אָפטמאָלס געווען גרייט אויפצופאַסן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווי עפּעס אַ „קאָנספּיראַטיוון אויפשטאַנד", צוגעגרייט און דורכגעפירט דורך אַ גרופּע באָלשעוויסטישע פאַר-

טיי־פירער. די דעמאָקראַטיש־איינגעשטעלטע סאָציאַליסטן האָבן באַזונדערס שאַרף אָנגעגריפן, למשל, יענעם אַקט פון דער סאָוועט־רעגירונג, וועלכער האָט צום בולסטסטן אונטערגע־שטראָכן איר אַנטי־דעמאָקראַטישע נאַטור: דאָס פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין יאַנואַר 1918. ווי איז דאָס מעגלאַך געווען — פרעגן זיי — אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פאַר וועלכער ס'האָבן געקעמפט אַ סך דורות אין רוסלאַנד, וועלכע האָט באַגייסטערט די רעוואָלוציעס פון 1905 און פון מערץ 1917 איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן דורך סאָציאַליסטן? ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען, אַז אַן אינסטיטוציע, וועלכע האָט געדאַרפט סימבאָליזירן דעם אידעאַל פון דעמאָקראַטיע, איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן דוקא לויטן ווילן פון די דעמאָקראַטישע פאַרטייען אין דער רעוואָ־לוציע?

אַזעלכע און נאָך אַנדערע וויכטיקע פראַגן ווערן עד היום געשטעלט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אויף די דאָזיקע פראַגן מוז געגעבן ווערן אַן ענטפער. דער דאָזיקער ענטפער דאַרף אָבער נישט אַרויספליסן בלויז פון ריין־פרינציפיעלע גע־דאַנקען, ער דאַרף זיך נישט שטיצן בלויז אויף דער, אָדער אַן אַנדערער טעאָריע פון סאָציאַליזם, אָדער דעמאָקראַטיע. ווייל אין דאָזיקן פאַל ווערט דער ענטפער אומפאַרמיידלעך אַריינ־געצויגן אין שטורמישן קעסלגרוב פון די צאָלרייכע אַנדערע פרינציפיעלע מיינונגען, און ווערט זיך פאַרלירן אינם ים פון טעאָרעטישע פראָבלעמען. חוץ דעם ווערט אַזאַ אַקאַדעמישער ענטפער לחלוטין נישט אָפּשפּיגלען יענע עכטע פאַקטס־איבערלע־בונגען און מעשים, וועלכע האָבן אַרויסגערופן, געמאַכט אומ־פאַרמיידלעך און האָבן רעאַליזירט די דאָזיקע תקופה פון דער רוסישער רעוואָלוציע. וואָרום אינדעראמתן איז די דאָזיקע תקופה מיט אַ קאָנסעקווענטער פּלאַנמעסיקייט אַרויס־געפלאָסן פון דער גאַנצער היסטאָרישער לאַגע אין יענער צייט, פון דער גאַנצער דעמאָלטיקער פאַנאַנדערטיילונג פון די קלאַסן־כּחות אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד.

מיר האלטן דעריבער פאר נויטיק פאנאנדערצוּוויקלען פארן לעזער אין א קורצער היסטאָרישער פארבינדונג דעם גאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, כדי אויפן פאָן פון די גרויסע פאָלקס-איבערלעבענישן, זאָל ער אַליין זיין אימשטאַנד צו פארשטיין דעם מזל פון אירע גרויסע געשעענישן. דאָס איז וויכטיק נישט נאָר פאר דער דערקענטניש פון רוסלאנד, נאָר אויך פאר דער צוגרייטונג פון א גייער ראדיקאַלער תקופה אין גאנץ איירָאָפּע.

בלויז א קורצזיכטיקן אויג פון אַ זייטיקן באָאָבאכטער אָדער פון א סאָציאַל-אומוויסנדיקן צוקוקער האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אז די רעוואָלוציע פון פעברואַר-מערץ פון 1917 האָט געטראָגן אַ נאציאָנאלן כאראַקטער. כדי די רעוואָ-לוציע זאָל זיין א נאציאָנאַלע האָט זי געדאַרפט אַנטשפרעכן צוויי באַדינגונגען. ערשטנס וואָלט זי געדאַרפט זיך שטיצן אויף איינער, (כאָטש נישט איינציקער!), וואָסער נישט איז מעכ-טיקער, פאָזיטיווער אידעע, וועלכע זאָל מיטרייסן נאָך זיך אַלע, אָדער, לכל הפחות, די הויפּט-קלאַסן פון לאנד. צווייטנס וואָלט זי געדאַרפט האָבן א וואָסער נישט איז איינעם, א שטיל-שווייגנדיק, אָדער באַוווסטזיניק אַנערקענטן העגעמאָן פון דער רעוואָלוציע, א וואָסער נישט איז אומצווייפלהאפטן קלאס-העגעמאָן. ווען מיר ריידן וועגן א נאציאָנאַלער רעוואָלוציע האָבן מיר אין זינען פראַנקרייכס 1789-טן יאָר. אָבער גראָד די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט באַפרידיקט די צוויי אויבנדערמאָנטע באַדינגונגען. זי האָט געטראָגן אין זיך די אַלגעמיין-נאציאָנאַלע אידעע פון פרייהייט (פון בירגערלעכער פרייהייט, עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט און פּאָליטישע רעכט). זי האָט אויך תיכף ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט א קלאַס, וועלכער האָט איבערגענומען די פירנדיקע ראָל אין דער רע-וואָלוציע — די בורזשואַזיע, ווייל דער פראַנצויזישער אַדל-שטאַנד האָט געהאַלטן אין שטאַרבן און דער פראָלעטאַריאַט

האָט זיך נאָך אויסבאַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער געשיכטע.

די דאָזיקע צווי אויסגערעכנטע באַדינגונגען האָבן אָבער געפעלט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. ווייל ס'איז דאָך אוממעגלעך געווען צו באַטראַכטן די פאַרניכטונג פון דער צאַרישער מאַכט פאַר יענער גרויסער פּאָזיטיווער אידעע, וועלכע שמידט צונויף אויף אַ געוויסן פּעריאָד פאַרשידענע קלאַסן. דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסט-הערשאַפט האָט בלויז געדויערט עטלעכע טעג און ווי-באַלד די דאָזיקע קורצדויערנדיקע אויפגאַבע איז אויסגעפירט געוואָרן זענען שוין תיכף אַרויפגעשווומען אַנדערע, וואָס צעשיידן. פון דער צווייטער זייט איז די רעוואָלוציע פאָרגעקומען אין אַ לאַנד, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע שולע פון פּאָליטישער און פאַרטייאישער דערפאַרונג, אין אַ לאַנד, וועלכע האָט גלייך אין ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט אַלע קלאַסן, וועלכע זי פאַרמאָגט. וועגן אַ וואָסער נישט איז אַלגעמיין-אַנערקענטן קלאַס-העגעמאַן האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין, ווייל אַלע הויפּט-קלאַסן האָבן זיך געשטעלט צו דער רעוואָלוציע באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס מיט היסטאָרישער און פּאָליטישער דערפאַרונג.

אויב אימיצער נויטיקט זיך אין אילוסטראַציעס צו די דאָזיקע צוויי הויפּטפאַקטן פון חודש מערץ, קען ער זיי לייכט באַקומען.

ווען מיליוקאָוו האָט איבם יעקאַטערינע-זאַל פון טאַורישן פּאַלאַץ פאַר אַ טויזנטקעפּיקן עולם דערקלערט וועגן דער געוווּנשנקייט און דער נויטווענדיקייט אויפצוריכטן אין רוסלאַנד דעם טראָן פון קעניג אַלעקסיי (ניקאָלייס זון), האָט ער מיט דעם אַליין צעקלאַפּט אַפילו יענע איינציקע און צייטווייליקע אַלגעמיינע אידעע, וועלכע וואָלט נאָך ביכלל געווען צו פאַראייניקן אַרום זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע לאַנד. און ווען אין זעלבן טאַורישן פּאַלאַץ האָט נעבן דער צייטווייליקער רעגירונג גענומען פונקציאָנירן דער ראַט פון אַרבעטער-און

זעלנער דעפוטאטן, איז דורכדעם צעקלאפט געווארן אויך דער צווייטער באדינג פאר א „נאציאנאלער״ רעוואלוציע, דער באדינג פון א אבסאלוטער העגעמאניע פון איין קלאס. שוין אין מערץ 1917 האט דער טאורישער פאלאץ סימבאלידירט מיט זיך נישט דעם קלארן רעוואלוציאנערן פנים פון לאנד, נאר דעם שלעכטן גלייכגעוויכט פון באלאנסירנדיקע כוחות.

בלויז די הילע פון דער רעוואלוציע האט געקענט גילטן פאר א נאציאנאלע, בלויז די פארמען פון דער פאלקס־באגייסטערונג מיטן פאלן פון צאריזם האבן געקענט צייטווייליק טראגן אויף זיך דעם שטעמפל פון גאנצן פאלק. אבער גלייך דער ערשטער וואכן־טאג, גלייך די ערשטע פראקטישע זארג פון דער רעוואלוציע האט געמוזט דורכרייסן די דאזיקע הילע. די דאזיקע דערשיינונג, וועלכע איז אומפאר־מיידלעך אין א רעוואלוציע פון XX יארהונדערט, האט, פאר־שטייט זיך, געקענט פארקומען א ביסל שפעטער, ווען אין רוסלאנד וואלט נישט געווען קיין ספעציעלער גרונט פאר איר דערשיינען. די דאזיקע פראקטישע זארג, די ערשטע און צאפלדיקסטע, דער דאזיקער וואכן־טאג איז דערשינען אין גע־שטאלט פון דער מלחמה־פראגע.

אויב די רעוואלוציע איז געווען דער פועל־יוצא פון אלע, אין דער אייראפעישער מלחמה פארבארגענע אויפ־רייס־כחות, האט די מלחמה, פון איר זייט, פארגעשטעלט מיט זיך א רעזערוואר פון די אויפרייס־כחות, וועלכע די רעוואלוציע האט פארבארגן אין זיך. די מלחמה האט מיט איין קלאפ אפגע־דעקט ביז די ווארצלען אלע קלאסן־גרופירונגען אין לאנד, זי האט זיי שנעל אויסגעשארפט לויט די הויפטטיילונגס־סימנים און כהרף עין אויסגעבויט די ערשטע קלאסן־באריקאדע פון דער רעוואלוציע.

פאר די רוסישע בורזשואזע קלאסן איז די רעוואַ־לוציע קודם כל געווען א מיטל צו פירן בעסער און מיט מער דערפאלג די מלחמה. אין דער רעוואלוציע האבן זיי, אזוי ארום, גיכער געזען די באפרייטע ארמיי, איידער דעם

באפרייטן פאָלק. האָט ביי האָנט מיט די פאַרבינדעטע גרויס-
מאַכטן, ביי דער פולער אונטערשטיצונג פון זייערע אַלע
אימפעריאַליסטישע פלענער, האָבן זיי געהאָפט צו באַגייסטערן
אויך די רוסישע אַרמיי פאַר די „אַלגעמיין־רוסישע" אינ-
טערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן, פאַר דעראָבערונג פון און נצחונות אויף
די שלאַכט־פעלדער. די נישטיקע, פאַרקויפטע צאַרישע באַאַמטנ-
שאַפט האָט געדאַרפט פאַרביטן ווערן מיט אַן ערלעכן, אַר-
בעטספעיקן אַפּאַראַט פון דער ליבעראַלער מאַכט, וועלכע
וועט מאַכן פאַרגעסן וועגן די מפּלות פון די צאַרישע גענע-
רעלער און זי וועט אריינפירן רוסלאַנד אַלס גלייכבאַרעכ-
טיקטן מיטגליד אינם קאָנצערט פון די אייראָפּעישע
גרויסמאַכטן. די פרייהייט-ליבנדיקע פראַזעאָלאָגיע פון דער
צאַרישער דיפּלאָמאַטיע האָט ערשט איצט, לויט דער מיינונג
פון די ליבעראַלן, געקענט ווערן ערלעך און אויפריכטיק:
דער ליבעראַליזם האָט דאָך מיט מער רעכט געקענט מיט-
רייסן נאָך זיך דאָס פאָלק און אים ריידן וועגן די „גרויסע
אידעאַלן" פון דער מלחמה, וועגן „נאַציאָנאַלע רעכט", וועגן
דער גערעכטיקייט פון דער פרידלעכער אַמעריקע און דער
רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך. חוץ דעם האָבן דער המשך פון
מלחמה און די פאַרויסגעזעענע נצחונות געקענט אונטער-
האַלטן אין פאָלק יענע פּאַטריאָטישע שטימונג, יענע נאַציאָנאַ-
לע באַגייסטערונג, וועלכע האָט אָפּגעטעמפּט (דורך באַזייטיקן
אויף אַ לאַנגע צייט) זיינע סאָציאַלע שטרעבונגען, זיינע פּאָלי-
טישע פּרעטענזיעס אויף הערשאַפט. מיט איין וואָרט, דער
המשך פון מלחמה האָט נישט נאָר באַפרידיקט די אימפּעריאַ-
יסטישע אַפּעטיטן פון דער בורזשואַזיע, נאָר ער האָט אויך
פאַרפעסטיקט אירע פּאָזיציעס אין דער רעוואָלוציע גופא אויפן
חשבון פון פאָלק.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז די מלחמה איז געווען אַ
רעאַקטיוו פון די פּלענער פון די אָדער יענע קלאַסן אין דער
רעוואָלוציע. אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, פאַרשטייט זיך, אַז
בלויז אין ספערע פון מלחמה האָבן זיך די בורזשואַזע

קלאַסן אָפּגעטיילט פון די דעמאָקראַטישע. ניין, די דאָזיקע
צעטיילונג איז געגאַנגען אויף אַלע ליניעס פון פּאָליטישן און
עקאָנאָמישן פראָנט.

די רוסישע אינדוסטריעלע, פינאַנסיעלע און האַנדלס-
בורזשואַזיע וועלכע האָט געפירט אויפן בוקסיר דעם ווירט-
שאַפטלעך-דעגענערירטן קלאַס פון די גוטבאַזיצער, האָט גע-
טרוימט וועגן שאַפן א שטאַרקע מאָנאַרכיסטישע, אָדער בור-
זשואַז-קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג. אין סיסטעם פון דער דאָזי-
קער אָרדנונג האָבן די ברייטע באַפעלקערונגס-שיכטן גע-
זאָלט באַקומען רעכט אויף פאָרשטייערשאַפט און אויף זאָגן
אַ דעה: רעכט אויף אַ פאַרלאמענט. אַנשטאָט דעם,
אָדער, ריכטיקער, צוגלייך מיט דעם האָט די בורזשואַזיע פאַר
זיך גענומען דאָס רעכט אויף אָנפירן מיט דער מלוכה:
רעכט אויף דער רעגירונגס-מאַכט. די הונדערט-
יאָריקע אייראָפּעישע דערפאַרונג האָט איר איבערצייגט אין
דער צוועקמעסיקייט פון אַזאַ מאַכט-פאַרטיילונג: פון איין
זייט דאָס פאָלק, וועלכעס שטימט, נישט צו אָפט, ביי וואַלן
צום פאַרלאַמענט, און פון דער צווייטער זייט דער רעגירונגס-
מעכאַניזם, וועלכער ווירקט הינטער די קוליסן. אַ מאָנאַר-
כיסטיש-קעפּל וואָלט זייער געשטאַנען צום פּנים דער דאָזיקער
סיסטעם: עס וואָלט אַביסל פאַרפּוצט די וולגאַרקייט פון דעם
נאַר-וואָס אָנגעוואָרפענעם בילד. אָבער אומבאַדינגט נויטיק
איז די מאָנאַרכיע נישט געווען: די זעלבע אייראָפּעישע
דערפאַרונג האָט באַוויזן, ווי אַזוי מ׳קען פירן אין רעפּובלי-
קאַנישע לענדער „אַ גוטע מאָנאַרכיסטישע פּאָליטיק". פאַרשטייט
זיך, אַז צום דאָזיקן פּאָליטישן אידעאַל האָבן די בורזשואַזע
קלאַסן פון רוסלאַנד נישט פאַרגעסן צוצושפּילען אויך זייערע געני
באַשטימטע עקאָנאָמישע מיינונגען. אין ניי-געבוירענעם רוס-
לאַנד האָט געדאַרפט איבערנעמען די הערשאַפט די אייראָ-
פעישע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, מיט איר ראַפינירט-אויסגע-
אַרבעטער עקספּלואַטאַציע-סיסטעם, מיט איר קלוג-איינגעאָרדנ-
טער סיסטעם אויף צו נאַרן די מאַסן. דער אינדוסטריעלער-

און פינאַנץ-קאַפּיטאַל האָט זיך שוין אויף פּאַרויס באַלעקט ביים געדאַנק וועגן די ברייטע מעגלעכקייטן אויסצונוצן דעם רייכן אינערלעכן מאַרק, די אויסלענדישע השפּעה-ספערן (טערקיי, פּערסיע, באַלקאַנען), די קאַפּיטאַליסטישע וועלט-קאָמבינאַציעס. אויסנוצנדיק די סך-הכּלען פון דער אייראָ-פּעישער דערפאַרונג, האָט די רוסישע בורזשואַזיע, ווי אין דער ספערע פון פּאָליטיק, זיך געקליבן פּאַרפעסטיקן אויך איר עקאָנאָמישע מאַכט אויף דער באַזע פון דער „סאָציאַ-לער געזעצגעבונג", וועלכע האָט דעם ציל אונטערצוקויפן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט מער אָדער ווייניקער „שיינע נדבות" און אים מאַכן אַזוי אַרום פאַרן פּריוויליקן נושא-כּלים פון אירע נצחונות. און דער קלאַס פון די גרונטבאַזיצער האָט זיך געקליבן פאַר דער אומפאַרמיידלעכער עקספּראָפּריאַציע פון זיינע ערד-שטחים באַקומען פון דער מלוכה אַ געהעריקן אויסקויף-געלט און מיט זיין הילף אַריינגיסן זיך מיט אַ נייעם טעטיקן שטראָם אין דער אַלגעמיינער בורזשואַז-קאַפּיטאַליס-טישער מלוכה-אָרדנונג. אַ מלוכה מיט אַ פּיל-מיליאָניקער באַפעלקערונג פון קליינע ערד-באַזיצער, מיט ברייטע מעג-לעכקייטן פון רייך ווערן, מיט אַ סאָציאַל-פּאַרפּירטן פּראָליע-טאַריאַט, מיט אַ מאַכטלאָזן פויערשן פּאַרלאַמענט און מיט אַ טומלדיקער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק — אָט אַזוי האָט אויסגעזען ביים פאַלן פון צאַריזם דער ווירטשאַפטלעך-פּאָליטישער אידעאַל פון דער רוסישער בורזשואַזיע, וועלכע איז גאַנץ געווען פּאַרווירקלעכט צו ווערן.

דער אידעאָלאָגישער וואָרט-פירער פון דער רוסישער בורזשואַזיע איז געווען די קאַדעטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין זיך אויף אַ גליקלעכן אופן פאַרייניקט די לעצ-טע אויספירן פון דער אייראָפּעישער דערפאַרונג מיט די נאַקעטע אינטערעסן פון גוט-באַזיצער, פון קאַפּיטאַליסט און פון באַנקיר. איר שטאַרקער סאָציאַלער חוט-השדרה האָט איר צוגעגעבן דעם עכטן קלאַסן-כאַראַקטער, און איר גלענצנדיקע „אינטעליגענטישע" סוויטע האָט איר גאַראַנטירט דעם נוי-

טיקן וויסנשאַפטלעכן און אייראָפּעישן גלאַנץ. אייניקע אַנ־דערע בורזשואַזע פּאַרטייען, אָדער קלאַסן־גרופּעס (דאָס מאָס־קווער און דרומדיקע סוחרטום) האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי.

פון וועמען האָבן זיי דערוואַרט די פאַרווירקלעכונג פון זייער אידעאַל? פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? אויף דער דאָזיקער פראַגע דאַרף מען ענטפערן קלאָר און דייטלעך: די בורזשואַזע קלאַסן פון רוסלאַנד האָבן קיינמאָל נישט גע־האַט צו איר קיין קלאָרע שטעלונג (אין משך פון דער רע־וואָלוציע האָבן זיי דריימאָל געביטן זייער באַציאונג צו איר, וועגן וואָס ס׳וועט זיין די רייד ווייטער). זיי האָבן צו איר קיינמאָל נישט געשטרעבט, זיי האָבן מורא געהאַט פאַר איר. אין ברען פון דער רעוואָלוציע האָט זי, פאַרשטייט זיך, גע־שטעלט אין סכנה דעם אידעאַל, וועלכן מיר האָבן אויבן גע־שילדערט, זי האָט געדראָט אַריינצוטראָגן אין אים „פאַר־קריפּלענדיקע" שטריכן. זי האָט געדראָט צו שטעלן פלוצלונג פאַר סאָציאַלע געשעענע פאַקטן, זי האָט געדראָט סאָציאַל צו קריסטאַליזירן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. און דעריבער טאַקע האָט דער קאָמיטעט פון דער „גאָסודאַרסטווענער" דומע — די ערשטע סטיכישע אינסטיטוציע פון די בורזשואַזע קלאַסן אין דער רעוואָלוציע — נישט דערמאַנט אין זיין פּראָגראַם וועגן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן ערשט אויף דער אויסדריקלעכער פאָדערונג פון ראַט פון אַרבעטער־און זעלנער־דעפּוטאַטן.

אָט איז דער פולער טעקסט פון דאָזיקן פונקט פון דער דעקלאַראַציע: „די תיכּפדיקע צוגרייטונג צענויפצורופן אויף די יסודות פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און גע־היימען וואַל־רעכט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט באַשטימען די רעגירונגס־פאָרם און די קאָנסטיטוציע פון לאַנד".

פון די קאַדעטישע רייען איז אויסגעדריקט געוואָרן דער ווונש אָפּצולייגן די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג

ביזן סוף מלחמה. די אומבאַשטימטע און פאָרמלאָזע באַוועגונג פון די פאָלקס-מאַסן אין דאָרף און אין שטאָט האָט זיי אַ לאַנגע צייט בעסער געשמעקט איידער די צענטראַליזירנדיקע פון דאָזיקן אָרגאַניזירנדיקן רעוואָלוציע-צענטער.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע האַרמאָנישע בורזשואזע אידעאַלן זענען נישט געווען די אידעאַלן פון די אַרבעטנדיקע פאָלקס-מאַסן, ד. ה. פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און פון האָרעפּאַשנעם-פּויערטום. ס'וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אומזין צו פאַרזיכערן, אַז די פאַרנעפּלטע האָפנונגען און גלויבונגען פון פאָלק האָבן גלייך מיטן אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אָנגענומען פאַרענדיקטע פאָרמען פון פּראָגראַמען און פאָדערונגען. ווייל די דאָזיקע פאָדערונגען האָבן זיך אַנטוויקלט און געענדערט אויפן גאַנצן משך פון דער רעוואָלוציע אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. אָבער די ג ר ו נ ט-ליניעס פון די דאָזיקע פאָדערונגען, געשאַפענע דורך דער פאַרגאַנגענער געשיכטע פונם לאַנד און דער פאָרויסגעגאַנגענער פּאָליטישער אַרבעט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן שוין עקסיסטירט און באַהערשט די מוחות פון די אַרבעטנדיקע.

פאַר די אַרבעטנדיקע קלאַסן פון רוסלאַנד האָט רעוואָלוציע בּ כ ל ל קודם-כל באַדייט דריי לאָזונגען: אַ באַפרייטער באָדן, פרייע אַרבעט, פּאָליטישע רעכט. אָבער די רעוואָלוציע אין 1917-טן יאָר האָט פאַר די אַרבעטנדיקע פון רוסלאַנד געבראַכט נאָך אַ פערטן לאָזונג, נאָך אַ שאַרפערן פאַר די ערשטע דריי, ווייל ער איז געווען אומדערוואַרטעטער פאַר זיי: — דעם לאָזונג פון ש ל ו ם. פאַר זיי איז די רעוואָלוציע, קודם כל, געווען אַ היסטאָריש-גליקלעכער מיטל אַ סוף צו מאַכן צו דער פעלקער-שחיטה, דעם ציל און זין פון וועלכער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט געקענט פאַרשטיין, ווייל זיי האָבן גאָרנישט עקסיסטירט. פאַר זיי איז די רעוואָלוציע מיט רעכט געווען אַ מיטל אומצוקערן זיך צו אַ פרידלעכער עקסיסטענץ און צו דער אויפלעבונג פון זייער

מידן, אומזיניקן און טרויעריקן לעבן. דעריבער אין דער שלום געווען פאר זיי יענער הייליקער טויער, דורך וועלכן מ׳דאַרף דורכגיין, כדי צו דערגרייכן אי די ערד, אי די פרייהייט און די פרייע אַרבעט. די רעוואָלוציע האָט געטראָפן דאָס רוסישע פאָלק אַ באַוואָפנטעס אַלס קאַמפס-אַרמיי און נישטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן, וואָס דאָס פויערטום וועלכעס האָט אויסגעמאַכט 90 פראָצ. פון דער דאָזיקער אַרמיי, און די אַרבעטער האָבן געוואָלט באַנוצן זייער געווער נישט קעגן פרעמדן שונא, נאָר פאַר זייערע אייגענע סאָציאַלע דערגרייכונגען.

אָבער זיך גרייטנדיק אומצוקערן אין זייערע דערפער און שטעט, האָבן די אַרבעטנדיקע מאַסן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט אומקערן זיך אין זיי אַלס בעלי-בתים, און נישט אַלס קנעכט, אָדער אַפילו אַלס פרייגעלאָזענע קנעכט. די אידעע פון דער פאָלקס-מאַכט, פון דער מאַכט פון פאָלק אַליין אין זיין אייגענעם לאַנד האָט זיך געטראָגן אין דערלופטן און זיך רעאַ, פאַרקערפערט אין די ראַטן פון אַרבעטער-זעלנער-און פויערים-דעפוטאַטן. די דאָזיקע שטיץ-פונקטן פון דער רעוואָלוציע האָבן שוין גלייך פון אָנהייב פאָרגעשטעלט מיט זיך אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן איבערגעשניטן דעם וועג די האָפענונגען פון די בורזשואַזע פאָליטיקער, ווייל אין די ראַטן איז דאָס פאָלק שוין נישט געווען קיין געצייג, נאָר אַ באַהערשער פון דער מאַכט. די ראַטן, וועלכע זענען צוערשט געווען קאָנטראָל-אָרגאַנען פון פאָלק איבער די האַנדלונגען פון דער צייטווייליקער רעגירונג און אירע קאָמיסאַרן, האָבן ארויסגעוויזן אַ טענדענץ זיך צו פאַרוואַנדלען אין אומיטלבאַרע פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג ס-אָרגאַנען איבערן לאַנד, אָן דעם אָנטייל פון דער בורזשואַזיע. ס׳האָט נאָך נישט עקסיסטירט קיין קלאָר פאָרמולירטע אידעע פון אַ ראַטן-רעפובליק, אָבער אינם באַוווסטזיין און אינם ווילן פון פאָלק זענען שוין געווען די עלעמענטן, וועלכע האָבן צעשטערט די אידעע פון אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעפובליק. די דאָזיקע אידעע פון

זיין אומטיילבאַרן ווילן אין לאַנד, האָט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק ארויסגעוויזן א סך בולטער אויפן געביט פון עקאָנאָמיק ווי אין דער פּאָליטיק. אין לאַנד, באַפרייט דורך דער רעוואָלוציע, האָט עס זיך דערשפּירט אַלס בעל-הבית נישט נאָר פון דער פּאָליטישער מאַכט, נאָר אויך פון זיינע עקאָנאָמישע רייכטימער. בנוגע צו דעם וויכטיקסטן פּראָדוציר-מיטל אין רוסלאַנד — דעם באָדן — האָט דאָס אַרבעטנדיקע פויערטום שוין פון לאַנג געהאַט זיין געהייליקטעס פּראָגראַם: דער גאַנצער באָדן, אָן אויסנאַם, אויך דער, וועלכער געפינט זיך אין פּריוואַטע הענט, האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן אָן אויסקויף-געלט אין אַרבעטס-רשות פון די אַרבעטנדיקע. אָבער בנוגע די פאַבריקן און באַטריבן, האָבן די רוסישע אַרבעטער נישט געקענט בלייבן שטיין ביי יענע איינצלנע רעפאָרמען, וועלכע האָבן באַצירט די פּראָיעקטן פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג פון דער בורזשואַזיע. די דאָזיקע אַלע רעפאָרמען (די פאַרקירצונג פון ארבעטס-טאָג, די העכערונג פון אַרבעטס-לוין, די פאַרבעסערונג פון די היגיענישע באַדינגונגען) האָבן געלאָזן אומבאַרירט, נאָכמער, זיי האָבן פאַרפעסטיקט דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, זיי האָבן צוגעגרייט זיין צוקונפטיקע פאַנאַנדערבליאונג. און דאָס אין דער צייט, ווען דער אַרבעטער-קלאַס, דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אירע נצחונות, האָט זיך געהאַלטן פאַר באַרופן צו אַ מער אַקטיווער ראָל נישט נאָר אין פּאָליטישן שאַפן, נאָר אויך אין דער פּראָדוקציע גופא פון לאַנד. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן די אידעע נישט נאָר עקאָנאָמיש אויסצובעסערן די אַרבעטער-לאַגע, נאָר אויך אַקטיוו צו רעגולירן די פּראָדוקציע, און זי שטעלן אונטערן קאָנטראָל פון אַרבעטער-קלאַס.

אונטערפירנדיק אַ סך-הכל פון די דאָזיקע צוויי פאַרשידענע פּראָגראַמען פון דער בורזשואַזיע און פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, קען מען זיי פאָרמולירן אַזוי: די ערשטע האָט פאַרקערפּערט דעם גייסט פון דער פּאָליטישער און סאָ-

ציאַלער ר ע פ אָ ר ם, וועלכע האָט געדאַרפט עפענען מיט זיך די תקופה פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה און געבוירן ווערן פון נצחונדיקן סוף פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה; די צווייטע אָבער האָט שוין פאַרקערפּערט מיט זיך די פּראָגראַם פון ס אָ צ י אַ ל ע ר ר ע װ ו אָ ל ו צ י ע, וועלכע האָט געדאַרפט פריימאַכן דעם וועג פאַר אַ סאָציאַליסטישער ענדערונג פון גאַנצן לעבן אין לאַנד און געבוירן ווערן פון אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה. די ערשטע פּראָגראַם האָט, קודם-כּל, געזוכט פאַר זיך מלחמה-טראָפּעען, דער צווייטער איז, קודם-כּל, נויטיק געווען די פאַרניכטונג פון דער מלחמה.

ווער האָט רעפּרעזענטירט אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש די פּראָגראַם פון די פאָלקס-מאַסן? אויך אַזאַ מין איינהייטלעכע פּאַרטיי, ווי די קאַדעטן פאַר דער בורזשואַזיע?

ניין! און אין דעם טאַקע איז פאַרבאָרגן געווען איינע פון די גרעסטע קאָמפּליקאַציעס פון דער רעוואָלוציע. די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אַלס זייערע היסטאָריש-באַרעכטיקטע פּאַרטייען געהאַט צוויי גרופּעס פּאַרטייען. דער פּראָלעטאַריאַט איז רעפּרעזענטירט געווען דורך די ס אָ צ י אַ ל - ד ע מ אָ ק ר אַ ט ן, די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, און דאָס אַרבעטנדיקע פּויערטום, אין אָנהויב רעוואָלוציע דורך דער איינהייטלעכער פּאַרטיי ס אָ צ י א ל י ס ט ן ר ע װ ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן, וועלכע האָט זיך דערנאָך געשפּאָלטן אויף אַ רעכטן און אַ לינקן פליגל (די לינקע סאָציאַל. רעוואָל.). נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אייראָפּעיִשע מלחמה האָט שוין געהאַט דורכגעפירט נייע שיידונגס-ליניעס אין די רייען פון די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צעטיילנדיק זיי אויף „אינטערנאַציאָנאַליסטן” און אויף „סאָציאַל-פּאַטריאָטן”, האָט פונדעסטוועגן אין פייער פון רעוואָלוציע ווידער אויפגעלעבט יענע גרופּירונג, וועלכע האָט פון תמיד אָן צעטיילט דעם סאָציאַליזם אין אַלע לענדער. מיר האָבן דאָ אין אויג די טיילונג אויף סאָציאַליסטן מעסיקע, אָפּאָרטוניסטן, און אויף

סאָציאַליסטן ראַדיקאַלע, לינקע. צום מעסיקן לאַגער האָבן געהערט די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פון רעכטן פליגל; צום ראַדיקאַלן לאַגער — די באָלשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פון לינקן פליגל.

און מ'דאַרף אויפריכטיק זאָגן, אַז נאָר די דאָזיקע צוויי ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבן פון סאמע אָנהויב רעוואָלוציע געמאַכט פאַר זייער פּראָגראַם די פּראָגראַם פון די אַרבעטנדי־קע מאַסן. אַ קאַמף פאַר אַ תיכפדיקן שלום אין אינטערנאַ־ציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַ קאַמף פאַר אַ שנעלער צוגרייטונג פון באָדן־סאָציאַליזאַציע, פאַר איבערגיין צום אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, פאַרן איבערגעבן די פּאָליטישע מאַכט אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן — אָט די פּראָ־גראַם האָט באַגייסטערט די ביידע פּאַרטייען, וועלכע האָבן פון אָנהייב אָן אָפּגעשאַצט די רוסישע רעוואָלוציע, אַלס אַ סאָ־ציאַלע.

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז ביידע אַנ־דערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די מענשעוויקעס און די סאָצ. רעוואָלוציאָנערן פון רעכטן פליגל, האָבן נישט אײַנגעזען דעם דאָזיקן גרונט־אונטערשייד צווישן דער בורזשואַזער און דער אַרבעטנדיקער רעוואָלוציע־פּראָגראַמען, אַז זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם קלאַסן־אונטערשלאַק פון די קאַדעטישע פּלענער. זיי האָבן דאָס אײַנגעזען און פאַרשטאַנען, זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז אויף צו פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם פון די פאָלקס־מאַסן זענען נאָך נישטאָ די נויטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען. אמת, די מענשעוויקעס און די סאָצ.־רעוואָלו־ציאָנערן פון רעכטן פליגל האָבן אין גרעסטן טייל זייערן אָנגענומען די ציממערוואַלד־אידעען, אמת, פון דער דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק האָבן זיי דערוואַרט, אַז זי וועט אײַנשטעלן אין לאַנד אַ רעאַלע פאָלקס־הערשאַפט, און די סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערן האָבן פאַרטיידיקט די סאָציאַליזאַציע פון באָדן, — און אין דער הינזיכט האָבן זיי זיך דערנענטערט צום גייסט פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן דערלאַנגט

דעם קאַפּיטאַליזם אַ טויט-קלאַפּ. אין דערזעלבער צייט האָבן זיי אָבער באַטראַכט פאַר אוממעגלעך צו ליקווידירן די מלחמה אָן דער באַווייליקונג און אָן דער מיטהילף פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן, זיי האָבן געהאַלטן פאַר אוממעגלעך, אַז די פּאָליטישע מאכט זאָל אינגאַנצן איבערגיין אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומפאַרמיידלעך, אין רוסלאַנד זאָל קומען צו דער הערשאַפט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. מיט אַנדערע ווערטער, די דאָזיקעביידע פּאַרטייען האָבן זיך געהאַלטן פעסט בײַ דער מיינונג, אַז די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע קענען נישט געלייזט ווערן אָן דער מיטהילף פון דער בורזשואַזיע, אַז די טעטיקייטס-ליניע פון דער רעוואָלוציע מוז זיין נישט אַנדערש ווי די מיטל-ליניע פון ביידע קלאַסן-לאַגערן פון לאַנד. זייער דאָזיקע געמיינזאַמע אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציע אַלס אַ בורזשואַזע, האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן פון איר זייט אַ געהעריקע טאַקטיק, אַ טאַקטיק פון קלאַסן-פאַרברידערונג און פון פּאָליטישן קאָמפּראָמיס. אַזאַ טאַקטיק האָט אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע ביידע פּאַרטייען ריכטיק אינמיטן צווישן דער בורזשואַזער פּראָגראַם און דער פּראָגראַם פון די אַרבעטנדיקע, זי האָט זייערע האַנדלונגען געמאַכט וואַקלדיק און אומזיכער און האָט פאַקטיש געשטאַרקט די פּאָזיציע פון די בורזשואַזע פּאַרטייען. זייער דאָזיקע מיטל-פּאָזיציע האָט געפירט ווייטער דערצו, אַז אין די דאָזיקע ביידע פּאַרטייען האָבן זיך געמוזט אַ לאָז טאָן גרויסע מאַסן פון די קליין-בירגערלעכע און בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע וועלן נאָך מער אַ רוק טאָן אויף רעכטס די הויפּט-כּוונות פון די דאָזיקע פּאַרטייען. אָבער אין דער ערשטער תּקופֿה פון דער רעוואָלוציע האָט די העגעמאָניע געהערט צו די דאָזיקע פּאַרטייען; זיי האָבן געהאַט הינטער זיך די ברייטע מאַסן.

ווי האָבן זיך באַצויגן די סאָציאַליסטן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג? ביידע גרופּעס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, סײַ די מעסיקע, סײַ די ראַדיקאַלע, האָבן אין אַ גלייכער

מאָס אָפּגעוואַרט די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, און דאָס האָט זיי שאַרף אָפּגעטיילט פון די בורזשואַזע פאַרטייען. פאַרשטייט זיך, אַז יעדע איינע פון די צוויי גרופּעס האָט דאַבײַ געהאַט פאַרשידענע צילן. די מענשעוויקעס און די רעכטע סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן האָבן דערוואַרט פון איר די דערגרייכונג פון יענעם קלאַסן-קאָמפּראָמיס, וועלכער איז, לויט זייער מיינונג, געווען דער ציל פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן די הערשנדיקע קלאַסן, און אין דער ערשטער ליניע דער גוטבאַזיצער-קלאַס, געדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון זייערע פּריווילעגיעס לטובת די אַרבעטנדיקע מאַסן, און די לעצטע האָבן פון זייער זייט געדאַרפט באַקומען דעם מאַקסימום הנחות, וועלכע זענען נאָר מעגלעך געווען אין געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד. די באָלשעוויקעס און די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן פון לינקן פליגל האָבן אָפּגעוואַרט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג ווי אַ מאָמענט פון פאַרפעסטיקן דעם פאַקטישן כח פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן אין לאַנד, ווי אַ מאָמענט פון איינשטעלן די רעאַלע דיקטאַטור פון די דאָזיקע קלאַסן און פון דורכפירן אין לעבן זייער אייגענע פּראָגראַם.

אָט אַזוי האָט אין אָנהויב רעוואָלוציע אויסגעזען אין אַלגעמיינע שטריכן די אַנטוויקלונג פון די הויפּט-קלאַסן-כחות, זייערע פּאַרטייען און זייערע פּראָגראַמען. אין סך-הכל זענען אויף דער רעוואָלוציע-אַרענע אַרויסגעטראָטן דריי הויפּט-גרופּעס, וועלכע מיר וועלן שפּעטער טרעפן אויף טריט און שריט. ערשטנס איז דאָס די בורזשואַזיע און די קאַדעטישע פּאַרטיי, צווייטנס — די זיך וואַקלענדיקע מיטל-שיכטן און אַ טייל פון פּראָלעטאַריאַט און פון אַרבעטנדיקן פּויערטום, רעפּרעזענטירט דורך די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן פון רעכטן פליגל, און דריטנס — דער זעלבער פּראָלעטאַריאַט און דאָס זעלבע אַרבעטנדיקע פּויערטום, רעפּרעזענטירט דורך די באָלשעוויקעס און לינקע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. די קעגנזייטיקע באַ-

ציאונגען פון די דאָזיקע דריי הויפּט־כּחות אין משך פון גאַנצן פּעריאָד פון 28-טן פעברואַר ביזן 5-טן יאַנואַר האָבן באַשטימט דעם גורל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אין דאָזיקן טאָג פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן.

די ערשטע חדשים פוי דער רעוואָלוציע.

גלייך נאָך דעם, ווי דער צאַריזם איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט פאָרמעל איבערגענומען די מלוכה־מאַכט צוערשט דער קאָמיטעט פון דער „גאָסודאַרסטווענער" דומע, און דערנאָך די צייטווייליקע רעגירונג. די דאָזיקע רעגירונג האָט זיך צענויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון בורזשואזע פּאַרטייען, א חוץ קערענסקין, וועלכער האָט אין איר פּרובירט שפּילן די ראָל פון א „דעמאָקראַטיש אויג", די דאָזיקע רעגירונג אונטער דעם פאָרזיץ פון ליבעראַלן טוער, דעם פירשט לוואָוו, האָט זיך געאיילט צו פאַרפעסטיקן איר לאַגע, און באַשטימט אין פּראָווינץ אירע פּאָרשטייער אַלס גובערניאַלע- און קרייז־קאָמיסאַרן. אַלס אַזעלכע קאָמיסארן זענען באַשטימט געוואָרן די געוועזענע פאָרזיצערס פון דער זעמסטווע-זעלבסטפאַרוואַלטונגען, ד. ה. דורכאויס — גוטבאַזיצער. דער אויסערלעכער אָנבליק פון די ערשטע טריט פון דער רעגירונג האָט געשאַפן אַן אילוזיע פון א זיך פעסט בויענדיקן ליבעראַלן רעזשים. די נעמען פון די ערשטע מיניסטאָרן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אויך מיליוקאָוו און גוטשקאָוו, האָבן שוין קלאָר גערעדט וועגן דער מעגלעכער ריכטונג פון דער אויסערלעכער און קריגס־פּאָליטיק.

אין דער אמתן איז אָבער געווען גאַנץ אַנדערש. צוגלייך מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט זיך אין פּעטראָגראַד אָרגאַניזירט אַ ראַט פון אַרבעטער־און זעלנער־דעפּוטאַטן. דער דאָזיקער אָרגאַן האָט אַרום זיך גרופּירט די

רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אויסגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס דעם פּיזישן קאַמף פון דער רעוואָלוציע און האָט געהאַט איר אייגענע טעטיקייט=פּראָגראַם. דער ראַט האָט פּאַקטיש פאַרקערפּערט אין זיך די רעאַלע קראַפט פון די פאָלקס־מאַסן און האָט דעריבער פון איין זייט געבילדעט אַ שטיץ־פּונקט פאַר דער ציטווייליקער רעגירונג קעגן די מאָנאַרכיסטישע קאָנטער=רעוואָלוציאָנערע פּרוּוון, און פון דער צווייטער האָט ער אויסגעאיבט אויף איר אַ דרוק.

אונטערן דרוק פון ראַט איז די צייטווייליקע רעגירונג איינגעגאַנגען אויף די אַכט פאַרשטענדיקונגס=פּונקטן, וועלכע האָבן תּיכּף געשאַפן אַן אויסוועג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די פאָלקס=מאַסן און צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען דער פּונקט וועגן צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אונטער זיין דרוק איז פאַרוואָרפן געוואָרן דער געדאַנק וועגן ממשיך זיין די מאָנאַרכיע. אונטער זיין דרוק פלעגן אָנגענומען ווערן פאַרשידענע רעגירונגס=באַשלוסן. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז געשאַפן געוואָרן יענער פּאָליטישער מצב, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאָפּלטע מאַכט".

פאָרמעל־יורידיש האָט די מאַכט געהערט דער צייטווייליקער רעגירונג און אירע קאָמיסאַרן, אָבער פּ אַ ק ט י ש האָט זיך די דאָזיקע מאַכט געפונען אין די הענט פון די ראַטן אין פּעטראָגראַד און אויף די ערטער. אויף דער פּראָווינץ האָבן פּאַקטיש צוגעגעבן קראַפט און וואָג די באַשלוסן פון דער „געזעצלעכער" רעגירונג בלויז די ראַטן, אַלס די איינציקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון פאָלק, אָבער זיי האָבן אויך געהאַט אַן אומאָויפהערלעכע השפּעה אויף איר, פאַרטיפנדיק, פאַרברייטערנדיק און ענדערנדיק אירע באַשלוסן. רעגירן האָט מען געקענט בלויז מיט זייער הילף, און מ'האָט נישט געקענט רעגירן קעגן זיי. ווי אַזוי האָבן זיך פאָרגעשטעלט די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען די אידעאָלאָגן פון דער רעוואָלוציע?

די ראַטן האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אונטערן אויסשליסלעכן איינפלוס פון די מענשעוויקעס און די סאָצ

רעוואָלוציאָנערן פון רעכטן פליגל. און די דאָזיקע פּאַרטייען-הקס האָבן באַטראַכט די רעוואָלוציע פאַר אַ בורזשואַזע און האָבן נישט געשטרעבט צו קאָנצענטרירן די פּאָליטישע מאַכט אין די הענט פון דער דעמאָקראַטיע אַליין, האָבן זיך געמיט צו געפינען אַ פאָרמול פאַר די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די דאָזיקע צוויי מאַכט-צענטרען. די דאָזיקע פאָרמול האָט אַזוי געזאָגט: די רעגירונג רעגירט און די ראַטן קאָנטראָלירן אירע האַנדלונגען. די דאָזיקע פאָרמול, וועלכע האָט איינגעשלאָסן אין זיך אַ בתנאי-אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג, איז אָנגענומען געוואָרן אויך אויף דער אַלרוסישער ראַטן-באַראַטונג אין אַפּריל פון 1917-טן יאָר. ס'איז כדאי צו פאַר-צייכענען, אַז כאָטש אין דער פראַגע וועגן מלחמה האָבן זיך שוין אויף דער דאָזיקער באַראַטונג אויסגעבילדעט צוויי פאַר-שידענע פּאָזיציעס, איז פונדעסטוועגן די רעזאָלוציע וועגן דער באַציאונג צו דער בורזשואַזער רעגירונג אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אין נאָמען פון די באָלשעוויקעס און פון אַ טייל סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן האָט קאַמעניעוו אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער איז „גליקלעך" אראָפּצונעמען זיין באַזונדערע רעזאָלו-ציע און זיך אָנשליסן אין דער אַלגעמיינער. אויף אַזוי ווייט זענען נאָך דאַן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געווען אין דער מיי-נונג, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט אַליין צו רעגירן, און מ'מוז זיך נאָר גרופּירן אַרום די ראַטן און דורכפירן אַ קאָנטראָל איבער די האַנדלונגען פון דער צייטווייליקער רעגי-רונג. די דאָזיקע פאָרמול איז, אפשר, געווען לאָגיש קלאָר, אָבער פּאָליטיש האָט זי קיין שום פראַגע נישט פאַרענטפערט. ווייל די ראַטן האָבן דאָך, מסתמא, קאָנטראָלירט די בורזשואַזע רעגירונג נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסן פון דער רעוואָלו-ציאָנערער דעמאָקראַטיע. אויב אַזוי זענען דאָך מעגלעך געווען פסדרדיקע חלוקי-דעות און רייבונגען צווישן זיי, האָט זיך דאָך געמוזט שטעלן די פראַגע: טאָ ווער וועט זיי אַנטשיידן? ס'איז קלאָר, אַז דער באַשלוס פלעגט אָנגענומען ווערן אין הסכם מיטן ווילן פון ראַט, אָדער ס'פלעגט דערגרייכט ווערן אַ קאָמ-

בראָמיס לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיטן ראַט. אָבער אויב אַזוי האָט מען דאָך געהאַט פאַר זיך אַ צווייטע רעגירונג און נישט נאָר אַ קאָנטראָל־אָרגאַן.

די דאָזיקע צוויי־מאַכט־סיסטעם און די אומאויפהערלעכע צוזאַמענשטויסן זענען אָבער געווען אומפאַרמיידלעך, ווייל די רעגירונג און די ראַטן האָבן פאַרקערפּערט אין זיך קעגנזעצלעכע קלאַסן־כּחות. די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן זענען פאַרטראָטן געווען אין דער רעגירונג, און די אַרבעטער און זעלנער (ד. ה. מערסטנטיילס פויערים) — אין די ראַטן. און וויפל כּחות די פּאָליטישע פירער פון די ראַטן זאָלן נישט האָבן פאַרשווענדעט אויף דערפירן צו אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די דאָזיקע ביידע אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציע, זענען דאָך זייערע באַמיאונגען געווען פאַרמשפּט אויף אומפּרוכטבאַרקייט. ווייל עס איז זייער נאַטירלעך, וואָס אַ רעוואָלוציע איז נישט קיין מוזיקאַלישע פּיעסע, וועלכע ווערט אויסגעשפּילט אין פיר הענט: מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט שטרעבט זי צו קאָנצענטרירן די מאַכט אין אַ וואָסער נישט איז איין אָרגאַן, ד. ה. צו דער הגעמאָניע פון דעם, אָדער יענעם קלאַס.

די ערשטע און עיקרדיקע פראַגע, וועלכע האָט געשאַפן אַן אָפּגרונט צווישן די דאָזיקע ביידע אָרגאַנען, איז, פאַרשטייט זיך, געווען די פראַגע וועגן שלום און מלחמה. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז פון אַלע פראַגן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אָנגעוואָרפן, איז גראָד די דאָזיקע פראַגע געשטאַנען אין צענטער פון אַלע אַנדערע. זי איז געווען די באַוועג־קראַפט אין דער אַנטשטייאונג פון דער רעוואָלוציע, און זי איז אויך געבליבן דער הויפּט־פאַקטאָר אינם גאַנג פון דער רעוואָלוציע. די מיליאָניקע זעלנער־מאַסן, וועלכע זענען געלעגן פאַרגליווערט אין די אָקאָפּעס, און די צענדליקער מיליאָנען פון זייערע משפּחות, וועלכע זענען געבליבן אין „טיל״, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט די פראַגע וועגן שלום זאָל געשטעלט ווערן אויפן סדר־היום. אָבער וואָס איז פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקייט?

דער קריגס־מיניסטער גוטשקאָוו האָט דורכגעפירט אַ

גאַנצע ריי רעפאָרמען, וועלכע זענען אויסן געווען צו דעמאָקראַטיזירן די אַרמיי. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַלטע פאָרמען פון מיליטערישע באַגריסונגען, עס זענען איינגעפירט געוואָרן זעלנער־קאָמיטעטן, עס איז פרייער געוואָרן דער לעבנסשטייגער פון די זעלנער. אָבער גלייכצייטיק האָט זיך גוטשקאָוו באמיט פסיכאָלאָגיש אָפּצוהיטן און אפילו צו פאַרשטאַרקן די קריגערישע אַטמאָספער פון דער אַרמיי. איר פאָרמעלע באַפרייאונג פון קנעכטישן יאָך האָט געדאַרפט גיין האַנט ביי האַנט מיט אונטערוואַרפן זיך די אימפּעריאַליסטישע אויפגאַבן. אַזוי, למשל, האָט די מפּלה פון רוסישן חיל ביים טייך סטאָכאָד געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער באַארבעטונג. ביי דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט גוטשקאָוו ממשיך געווען יענע פּאָליטישע ליניע, וועלכע מיליוקאָוו האָט געפירט אין זיין מיניסטעריום. מיליוקאָוו האָט אויף אַלערליי טענער פאַרזיכערט די דיפּלאָמאַטן פון די פאַרבינדעטע מלוכות, אַז די פּאָליטיק פונם צאַרישן מיניסטער סאַזאָנאָוו וועט נישט געענדערט ווערן.

אָבער שוין דעם 14־טן מערץ האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט זיך געווענדעט צו די אַרבעטנדיקע פון די קריגפירנדיקע מלוכות מיטן פאָרשלאַג מיטצוהעלפן ביים דורכפירן דעם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן שלום. אין דאָזיקן אויפרוף האָט די זיגערישע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע צום ערשטן מאָל געשטעלט אויף איר סדר־היום די לאָזונגען פון צימערוואַלד. זי האָט געהאַט דאָס פולע רעכט אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע פּראָגראַם, וואָס שטייט אין פולן הסכּם מיט די אינטערעסן פון די ברייטע מאסן, וועט גלייכצייטיק ווערן אויך די פּראָגראַם פון דער רעגירונג. אָבער דאָס האָט זיך לחלוטין נישט געלאָזט מערקן. די רעגירונג האָט א לאַנגע צייט זיך נישט געוואָלט סאָלידאַריזירן מיט די דאָזיקע לאָזונגען, און געוואָלט איינשמועסן זיך און אַנדערע, אַז זי שטיצט זיך און שפּיגלט אָפּ א סך ברייטערע קרייזן, ווי די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע. און ווען זי האָט סוף־כּל־סוף, אונטערן דרוק פון ראַט, געמאַכט איר

אָפּיציעלע דערקלערונג וועגן די מלחמה־צילן, האָט זי זיך נאָר מיטן מויל (און דאָס אויך פאַרשלייערט) פאַרייניקט צו די לאָזונגען פון דער דעמאָקראַטיע. אָבער די דאָזיקע לאָזונגען זענען תּיכּף מיט גרויס התמדה באַאַרבעט געוואָרן דורך די מיילער פון אַלע אימפּעריאַליסטישע אייראָפּע־פירער, און — אין די שמועסן פון די דאָזיקע לייט צווישן זיך, — האָבן זיי אָנגעהויבן באַדייטן פאַר זיי די אַלטע, אָנגענומענע באַגריפן. די לאָזונגען „אָן אַנעקסיעס, אָן קאָנטריבוציעס, זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער" זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייעם אַרט דיפּלאָמאַטישן זשאַרגאָן.

אָבער די בורזשואַזע רעגירונג האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז בעת אַ רעוואָלוציע ווערט די אויסערלעכע פּאָליטיק געמאַכט נישט אין די קאַבינעטן פון מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן, נאָר „אויפן גאַס", אַז די פאָלקס־מאַסן דערוואַרטן פון איר טאָג־טעגלעכע ממשותדיקע טריט. נאָך די לאָזונגען האָבן געמוזט קומען האַנדלונגען, וואָס זאָלן פירן צום שלום, אָבער וועגן דעם האָט קיינער קיין טראַכט נישט געטאָן.

דער ראַט האָט זייער גוט געזען די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט פון די מאַסן, אָבער, — אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער פּאָזיציע פון זיינע „פירער" — איז ער געצוווּנגען געווען זיך באַגרענעצן בלויז מיט „דערמאָנען", „וואָרענען", „שטויסן פאָרויס" די רעגירונג. כדי צו רעגולירן די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ אומפאַרמיידלעכער, איז געשאַפן געוואָרן אַ „קאָנטאַקט־קאָמיסיע", אין וועלכער ס׳זענען פאַרטראָטן געווען רעגירונגס־מיטגלידער און ראַט־מיטגלידער. אָבער די דאָזיקע „קאָמיסיע" האָט שוין גלייך פון אָנהויב סימבאָליזירט מיט זיך די פאַטאַלע ראָל, וועלכע ווערט פון איצט אָן אָנגעוואָרפן דעם ראַט און די מאַסן דורך זייערע מעסיקע פירער. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט געדאַרפט לעגאַליזירן די השפּעה פון דער דעמאָקראַטיע אויפן גאַנג פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק, און מיט דעם האָט זי געשטיקט די מאַסן־באַוועגונג פון די אַרבעטנדיקע, זי האָט פאַרלייכטערט

די אַרבעט דער בורזשואַזיע. חוץ דעם האָט די בורזשואַזיע אין דערדאָזיקער קאָמיסיע פאַרנומען אַן אויסערלעך־גלייכבאַרעכטיקטע לאַגע מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטיע; אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע לאַגע איז דורכן גאַנג פון די געשעענישן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר פאַקטישער ה ע ג ע מ אָ נ י ע. די רעגירונג האָט באַזעסן אַלע פאַקטן און סודות, זי האָט געהאַלטן אין אירע הענט אַלע פעדעם און באַציִונגען, און די ראַט־פאָרשטייער פלעגן ביים אַנטשיידן פראַגן אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט. די דאָזיקע פאָרשטייער האָבן גענומען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָנשטאָט זי אַרויפצולייגן אויף די מאַסן, אָבער די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט שנעל גענומען בייטן איר אינהאַלט. אין ראַט זענען די רעוואָלוציאָנערע פירער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ר ע וו אָ ל ו צ י ע און פאַר דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, אָבער קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער רעגירונג, איז שוין געשאַפן געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם „לאַנד" און פאַר דער „נ אַ צ י ע". און די דאָזיקע לעצטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז מיט דער הילף פון די רעגירונגס־מיטגלידער אָביעקטיוו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פ אַ ר מ ע ג ל ע כ ע ק ל אַ ס ן. דער קאָנטראָל איבער דער רעגירונג, וואָס דער ראַט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, איז פון אַ דרוק־מיטל פון די ברייטע מאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועג פון אונטערהאַנדלונגען און דורכקומענישן פון זייערע פירער. די „קאָנטאַקט־קאָמיסיע" איז געווען דער שפּראָצל פון דער שפּעטערדיקער קאָאַליציע־מאַכט. אַלס דירעקטער פועל־יוצא האָט געמוזט קומען דער פאַרלוסט פון געזונטן רעוואָלוציאָנערן חוש.

און דאָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט דעם 21־טן א פ ר י ל, ווען מיליוקאָוו האָט צעשיקט די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן די נאָטע מיט אַ נייעם פאָרשלאַג פון די מלחמה־צילן. אין דאָזיקן דאָקומענט זענען אויפסניי איבערגעחזרט געוואָרן די אַלטע אימפעריאַליסטישע מלחמה־צילן, געשריבענע אויף דער העלפט אַפילו מיטן אַלטן לשון. דאָס איז געווען אַ בולטער אַטענטאַט אויף

די רעוואָלוציע-צילן, דאָס איז געווען אַ בולטע כּונה צו שיצן די מלוכה פון דער דעמאָקראַטיע. און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צוערשט זענען ענערגיש אַרויסגעטראָטן קעגן דאָזיקן אטענטאַט נישט די ראַט-פירער, נאָר די אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס האָבן זיי דאַן דערקלערט: די מלוכה — דאָס זענען מיר!

די מאַסן זענען אַליין אַרויס אין גאַס, איינצלנע אָפּטיילונגען מיליטער זענען צוגעגאַנגען מיט דראָונגען צו מאַריענסקן פּאַלאַץ, ווו די רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען. אָבער צום כּבוד פון די ראַט-פירער מוז מען צוגעבן, אַז זיי האָבן תּיכּף באַהערשט די לאַגע, זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי צו פאָרמולירן דעם פּראָטעסט פון די מאַסן און זיי געבן פולע באַפרידיקונג. אונטערן דרוק פון ראַט האָט מיליוקאָוו געמוזט פאַרלאָזן זיין מיניסטערשן שטול.

דער 21-טער אַפּריל איז געווען באַלערנדיק אין אַ סך הינזיכטן. קודם כּל האָט ער אָפּגעדעקט יענעם אינערלעכן פּעלער פון די מענשעוויקעס און פון די רעכטע ס. ר., וועלכער האָט שפּעטער גענומען ווערן אַלץ בולטער און בולטער. די דאָזיקע פּאַרטייען האָבן מורא געהאַט פאַרן אוממיטלבאַרן אָנטייל פון די מאַסן אין דער לאַנד-אָנפירונג, ווייל דאָס וואָלט געקענט פירן צו זייער העגעמאָניע, און דאָס האָבן די דערמאָנטע פּאַרטייען, אין הסכּם מיט זייערע קוקן אויף דער רעוואָלוציע, נישט געקענט דערלאָזן. אונטערשטיצן די בורזשואַזע רעגירונג און זי קאָנטראָלירן — אָט דאָס האָט אויסגעפילט זייער פּראָגראַם, בעת די אַגרעסיווע קלאַסן-אויפפירונג פון דער רעגירונג האָט זיי געשטויסן צו קעמפן מיט איר. היות זיי האָבן דעם דאָזיקן קאַמף זיך באמיט דורכצופירן אין די ראַמען פון אונטערהאַנדלונגען, אָבער אָן דערפאָלג, איז קלאָר, אַז די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פלעגן פאַרלאָזן די ראַמען פון פּאַסיווער באַאָבאַכטונג און זיך אַריינמישן. אַזוי אַרום איז „די גאַס“ געקומען אין אַ קאָנפליקט נישט נאָר מיט דער רעגירונג, נאָר אויך מיט די אייגענע פירער.

חוץ דעם האָט דער 21-טער אַפּריל באַוויזן, אַז מער פאַר

אַלץ זענען די מאַסן אָנגעגאַנגען די פֿראַגן פֿון דער אויסערלעכער פּאָליטיק, די פֿראַגן וועגן ליקווידירן די מלחמה. און צולעצט האָט דער דאָזיקער טאָג באַוויזן, אַז יעדע מעכטיקע, פּראָלעטאַרישע מאַסן־באַוועגונג רופֿט אַרויס, אַלס קעגן־שטראָם, אַ קוואַזי־מאַסן־באַוועגונג, אַ באַוועגונג אַ קליינבירגערלעכע, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע. מיר האָבן דאָ אין אויג יענע בירגערלעכע מחנות, וועלכע די קאַדעטן האָבן אַרויסגערופֿן אויפֿן גאַס און וועלכע האָבן אין יענעם טאָג דעמאָנסטרירט לכּבוד מיליוקאָוון און קעגן דער דעמאָקראַטיע. אַזוי אַרום האָט אויך דער שפּראָצל פֿון קומענדיקן בירגער־קריג צוערשט זיך מאַניפֿעסטירט אין דאָזיקן טאָג.

דער 21־טער אַפּריל האָט געשאַפֿן דעם ווייטערדיקן עטאַפּ אין דער רעוואָלוציע. ער האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו אַ נייער סאָציאַלער איבערגרופּירונג פֿון דער מאַכט: ער האָט געבוירן די אידעע פֿון אַ קאָאַליציע־רעגירונג.

די אידעע צו שאַפֿן אַ קאָאַליציע־מאַכט איז מיט גרויס שוועריקייט אַריינגעדרונגען אין די מוחות און אין די פּלענער פֿון די מאַסן־אָנפֿירער. מיר האָבן שוין אויבן געזען מיט וואָסער עקשנות זיי האָבן זיך באַמיט דורכצופֿירן אַ גרענעץ צווישן דער „רעגירונג”, אַלס סווערענע איינהייט, און די אַרבעטנדיקע קלאַסן, אַלס אירע טיילן. אין נאָמען פֿון דער דאָזיקער צעטיילונג האָבן זיי שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר דער אָפֿענער אַריינדרינגונג פֿון די אַרבעטנדיקע קלאַסן אין פֿאַראַנטוואָרטלעכן מאַכט־אַפּאַראַט. דער אַלטער אמת וועגן דעם, אַז „סאָציאַליסטן גייען נישט אַריין אין מיניסטעריומס” איז דאָ פֿאַרפֿלאָכטן געוואָרן מיט פּראַקטישע חששים וועגן דער פֿונאַנדערוואַקסונג פֿון די פֿאָלקס־פֿאָדערונגען, „וועלכע קענען נישט באַפֿרידיקט ווערן אין אַ בורזשואַזער רעוואָלוציע”. און ס'איז כאַראַקטעריסטיש דער פֿאַקט וואָס ביי דער ערשטער באַהאַנדלונג פֿון דער פֿראַגע וועגן אַ קאָאַליציע־מאַכט אין פּעטראָגראַדער אויספֿיר־קאָמיטעט, ד. ה.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די ראַטפּירער, איז געווען אַ איבערוויגנדיקע מערהייט קעגן שאַפֿן אַזאַ מאַכט. אין דאָזיקן באַשלוס איז געקומען צום אויסדרוק דער אומווילן פֿון דער דעמאָקראַטיע צו נעמען אויף זיך די אחריות פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון דאָזיקן שריט

די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו דער דעמאָקראַטיע מיט אַן אָפֿענער דערקלערונג, אין וועלכער זי האָט אַנטשלאָסן פֿאָרגעלייגט צו שאַפֿן אַ געמיינזאַמע מאַכט. דער ציל פֿון דאָזיקן פֿאַרלאַנג איז געווען גאַנץ קלאָר: די בורזשואַזיע האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט צום בעסטן קענען אָפּהיטן אירע קלאַסן-אינטערעסן דורך מיטאַרבעט מיט דער דעמאָקראַטיע. די בורזשואַזיע האָט גערעכנט, אַז באַקומענדיק ערובניקעס פֿון פֿיינטלעכן קלאַסן-לאַגער, וועט זי קענען באַזייטיקן דעם פֿאַר איר שווערן צושטאַנד פֿון צווייאיקער מאַכט, וואָס איז אומפֿאַרמיידלעך, ווען די גאַס פֿירט דורך אַ קאָנטראָל און מישט זיך אַריין, ווי דאָס האָט נאָר וואָס געהאַט געשען.

אָבער די ברייטע דעמאָקראַטישע מאַסן האָבן אויך געוואָלט איבערנעמען די מאַכט. מיט זייער אומפֿארמיטלבאַרן קלאַסן-חוש און מיט זייערע שוין דורכגעלעבטע אַנטוישונגען האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זייערע פֿאָדערונגען איז מעגלעך אויסצופֿירן נישט אויפֿן וועג פֿון אויסאיבן אַ דרוק אויף דער רעגירונג, נאָר מיטן וועג פֿון אָנטיילנעמען אין איר. אויב זיי האָבן זיך פֿונדעסטוועגן באַגנוגנט מיט אַ צעטיילטער קאָאַליציע-מאַכט, איז צו זען אין דעם די אידעישע ווירקונג פֿון די אָנפֿירנדיקע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן איינגערעדט די מאַסן, אַז ס׳איז נויטיק א קלאַסן-מיטאַרבעט אין דער רעוואָלוציע. די וואָרנונגען פֿון די באָלשעוויקעס און פֿון אַ קליינער טייל סאָצ. רעוו. (די שפּעטערדיקע לינקע ס. ר.) וועגן דער שעדלעכקייט פֿון דאָזיקן קאָמפּראָמיס-באַשלוס האָבן דאמאָלט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג.

אונטערן דרוק סיי פֿון דער בורזשואַזער און סיי פֿון דער דעמאָקראַטישער עפֿנטלעכער מיינונג איז דער אויספֿיר-

קאָמיטעט פון ראט געצוווּנגען געווען צו רעווידירן זיין ערשטן באַשלוס און ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג. ביידע אָנפירנדיקע פאַרטייען האָבן געשיקט אין איר זייערע בעסטע פאָרשטייער: קערענסקין, טשערנאָוון, צערעטעלין, און האָבן אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלע פּראָגראַם — אַן אָפּמאַך.

ס'איז אָבער ווייניק געווען צו שאַפן אַ קאָאַליציע: מ'האָט נאָך געדאַרפט באַשטימען אירע אויפגאַבן. און די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז געווען פאַרשידן ביי די מאַסן און ביי די אָנפירנדיקע פאַרטייען. פאַר די מאסן איז די קאָאַליציע געווען דער ע ר ש ט ע ר שטאַפּל אויפן וועג צו דער מאַכט, דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר זייער אַלץ גרעסערער און גרעסערער השפּעה אויפן גאַנג פון דער מלוכה־אַרבעט. פאַר די פירער פון דער קאָאַליציע איז דאָס געווען דער ל ע צ ט ע ר שטאַפּל פון אָנטייל פון די אַרבעטנדיקע מאסן אין דער מלוכה־מאשין, דאָס איז געווען די שטאַרקסטע שטערונג פאַר דער ווייטערדיקער מאַכט־אויסשפּרייטונג פון די דאָזיקע קלאַסן, וועלכע איז שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציע, לויט זייער מיינונג. די נישט איבערגעשפּיצטע מאסן, האָבן געהאַלטן, אַז די קאָאַליציע דאַרף אויסנוצן די טעכנישע און מלוכה־פירערישע טאַלאַנטן פון דער בורזשואַזיע, אָבער אַז די נייע מאַכט דאַרף דורכפירן אין לעבן זייערע אויפגאַבן, די אויפגאַבן פון פאָלק. די מאַסן האָבן צוגעזאָגט זייער פולע אונטערשטיצונג אין די ראַטן בלויז ז יי ע ר רעגירונגס־העלפּט און גלייכצייטיק האָבן זיי געהאָפט, אַז אונטער דער אָנפירונג פון די ראַטן וועט אַרבעטן די ג אַ נ צ ע רעגירונג. אָבער גראָד אין דאָזיקן פונקט האָבן די פירער געהאַט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג. זיי האָבן, פאַרקערט, געהאַלטן, אַז די קאָאַליציע־מאַכט דאַרף האָבן אַ קאָמפּראָמיס־פּראָגראַם, אַז די מאַכט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעמען, ד. ה. אויך פאַר די בורזשואַזע קלאַסן פון לאַנד, אַז די ראַטן, וועלכע האָבן אין דער רעגירונג זייערע פאָרשטייער,

זענען מחויב אונטערצוהאַלטן די גאַנצע רעגירונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז בנוגע דער קאָאַליציע־רעגירונג דאַרפן די ראַטן זיך אָפּזאָגן פון זייער אַלטער „קאָנטראָל״־פּאָליטיק און פון דער על־תּנאי־אונטערשטיצונג, און איבערגיין צו אַן אומבאַדינגטער אונטערשטיצונג. לויט דער דאָזיקער סכעמע האָבן די פאָרשטייער פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, געדאַרפט פאַרבייטן ביי דער מאַכט די דאָזיקע מאַסן, זיי געבן די מעג־לעכקייט צו טאָן זייער עקאָנאָמיש־קולטורעלע אַרבעט פאַר דער אויפלעבונג פון לאַנד און פירן אין זייער נאָמען די אינער־לעכע און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אַזוי אַרום האָט די דאָ־זיקע שטעלונג פון די פירער באַזירט אויף צוויי פּרינציפּן: די אומטיטלבאַרע אַריינמישונג פון די מאַסן אין דער אַרבעט פון דער רעגירונג און דאָס אַוועקשטעלן די דאָזיקע אַרבעט אויפן באָדן פון קלאַסן־קאָמפּראָמיס. ס'איז נישט שווער איינ־צוזען, אַז דאָ קומט שוין בולט צום אויסדרוק די אונז באַקאַנטע אידעע פון דער „קאָנטאַקט־קאָמיסיע״.

אין דער קאָנטאַקט־קאָמיסיע האָט מען נאָך אָבער די שוואַכע סאָציאַליסטישע השפּעה געקענט דערקלערן מיט דער צושוועמענקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, און אַלע פאַלשע טריט פון דער רעגירונג פלעגן פאַרשריבן ווערן אויף דער זינד־קאָנטע פון דער דאָזיקער לעצטער. אָבער אין דער קאָאַליציע־רעגירונג וועט שוין יעדער פעלער, יעדער זינדפאַל אירער גלייכצייטיק זיין אַ קלאַפּ פאַר דער בורזשואַזיע און אַ קאָמפּראָ־מיטאַציע פאַר די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן.

צו דער קאָאַליציע איז צוגעשטאַנען אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט נישט געוואָלט קיין מאַכט, וועלכע האָט מורא געהאַט פאַר מאַכט, וועלכע האָט פאָרויס קאַפּיטולירט פאַר איר פאַרטנער ביי דער מאַכט!

די ערשטע קאָאַליציע (לוואָוו – קערענסקי – טשערנאָוו — צערעטעלי)

דער דאָזיקער פּעריאָד האָט געדויערט פון אָנהויב מאַי ביז אָנהויב יולי, ד. ה. ארום צוויי חדשים.

אָבער די שפּעטערישע אַרבעט פון דער רעוואָלוציע קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר אויף דער אויבערפלאַך, דאָרט, ווו עס ווערן צונויפגעשטעלט און געענדערט רעגירונגען, און ווו די פּאָליטיק ווערט שוין צו אָפט פאַרקריפּלט צו פּאָליטיקאַנעריי. א מאַסן-רעוואָלוציע אַנטפּלעקט איר אמתן פּנים, דער עיקר, אין די טיפענישן פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, וואָס פון זייער אָרגאַניזירטקייט איז פריער אָדער שפּעטער אָפּהענגיק דער גורל פון אַלע רעגירונגס- און פּאַרטיי-„קאָמבינאַציעס".

דער ערשטער קאָאַליציע-פּעריאָד צייכנט זיך טאַקע אויס אין דער ערשטער ליניע מיטן אויסערגעוויינלעכן וווקס פון דער אָרגאַניזירטקייט אין לאַנד.

אַלע איינצלנע גרופּעס פון די אַרבעטנדיקע, אַלע פּראָפעסיעס האָבן געשאַפן, באַפעסטיקט און ברייט-פאַרצווייגט זייערע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-באַוועגונג איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן, צונויפגיסנדיק זיך מיט די ראַטן פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן גרופּירט ארום זיך אַלע גרעסערע שיכטן פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די שטעט. די זעלנער-קאָמיטעטן האָבן ארומגענומען אַלע שיכטן פון דער אַרמיי: די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דורך די קאָמיטעטן פון די קאָרפּוסן, אַרמייען און פראָנטן. גלייכצייטיק האָבן זיך אומעטום אָנגעהויבן וואַלן צו די שטאָט-דומעס אויף יסודות פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. אומעטום האָבן זיי געגעבן אַן איבערוויגנדיקע צאָל ערטער די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; די בורזשואַזע פּאַרטייען בכלל, און די קאַדעטן בפרט, האָבן אפילו אין שטעט מיט אַן אינטעליגענטער און בירגערלעכער באַפעלקערונג נישט געקענט דערגרייכן אַ וואָסער נישט איז ערנסטע השפּעה. מ'מוז אָבער אַנערקענען,

אז באמת גראַנדיעז איז געווען דער אָרגאַניזירונגס־פּראָצעס פון פּויערטום, וועלכעס האָט צו יענער צייט אָנגענומען באַזונ־דערס בולטע פאָרמען.

דאָס רוסישע פּויערטום, וואָס לעבט אין זיין איבערוויגנ־דיקער מערהייט פון אייגענער פּראַצע און ווערט דעריבער אָנ־גערופן דורך אונז „דאָס האַרעפּאַשנע פּויערטום", שטעלט פאָר מיט זיך די נאַטירלעכע סאָציאַלע באַזע פון דער רעוואָלוציע. דאָס פּויערטום איז נישט נאָר דער מיטפילנדיקער פאָן פון דער רעוואָלוציע, עס איז נישט נאָר אַ קלאַס, וואָס קען מיטגע־ריסן ווערן דורכן מוט פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און וועל־כער האָט נישט קיין אייגענע סאָציאַליסטישע קלאַסן־אויפגאַבעס אין דער רעוואָלוציע; אדרבה, אָן אים, אָן זיין אַקטיווער מיטווירקונג איז זיך נישט פאָרצושטעלן איר מינדסטע באַוועגונג פאָרויס: דער גורל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ווערט באַזיגלט און וועט באַזיגלט ווערן בלויז אין שייכות מיטן אַנ־טייל פון דאָזיקן סאַמע צאָלרייכן, עקאָנאָמיש־נערנדיקן און סאָציאַל־עיקרדיקן קלאַס פון לאַנד. אָבער זיין אָנטייל איז גע־זיכערט דורך זיינע אייגענע היסטאָרישע קלאַסן־אויפגאַבעס: דורך דער אויפגאַבע צו עקספּראָפּריאירן דעם גאַנצן באָדן און אים פאַרטיילן לויטן אַרבעטס־פּרינציפּ. די לייזונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע באַפרידיקט גלייכצייטיק סיי די אינטערעסן פון 87 פּראָצ. באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, סיי דעם ווירטשאַפט־לעכן וווילשטאַנד פון לאַנד בכלל (אויך פון דער אינדוסטריע) און סיי די צילן פון וועלט־איבערבוי אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין 1917 האָט דערי־בער די אויספירונג פון פּויערטום אויך געדאַרפט שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָל, בפרט נאָך, אַז דאָס פּויערטום האָט אויס־געפילט מיט זיך די מערהייט פון דער זעלנער־אַרמיי, און עס האָט געהאַלטן אין זיינע הענט די תבואה — די דערנערונג פון לאַנד. און עס האָט אויך נישט אָפּגענאַרט די דערוואַרטונ־גען: דאָס פּויערטום איז תיכף, ווי איין מענטש, צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע. די פּויערים־אַרמיי האָט געבילדעט איר

באוואָפנטן שוץ. און הינטערן פראָנט, אין דאָרף, איז עס תיכף צוגעטראָטן צו ענדערן ראַדיקאַל זיינע אַלע אלטע אָרדנונגען און מאַכט־אינסטיטוציעס.

אָבער די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע האָט אין די ערשטע רעוואָלוציע־חדשים געטראָגן א סטיכישן כאַראַקטער און איז דאַבײ נאָך שטאַרק טארמאזירט געוואָרן דורך די אַדעליקע קרייז־קאָמיסארן, האָט זיך גענויטיקט אין רעגולירונג. דער דאָזיקער אייליקער איבערבוי פון די מאַכט־אינסטיטוציעס אויף די ערטער האָט גיכער געטראָגן אן אַדמיניסטראַטיוון און אַלגעמיין־מלוכהשן, איידער א סאָציאַליסטישן קלאַסן־כאַראַקטער.

די קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטנדיקן פויערטום לשם זיינע אייגענע היסטאָרישע אויפגאַבעס — איז אַנטשטאַנען ערשט אין דאָזיקן פעריאָד. נעבן די ראַטן פון אַרבעטער־ און זעלנער־דעפוטאַטן האָבן זיך אויסגעבילדעט ראַטן פון פויערים־דעפוטאַטן, און אין חודש מאַי איז פאָרגעקומען זייער ערשטער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר. טויזנטער דעפוטאַטן, דער חודש אַרבעט פון צוזאַמענפאָר, די גרויסע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אַרום דער דאָזיקער אַרבעט — דאָס אַלץ האָט געלייגט אַ גרונטשטיין פאַר אַ נייעם אַרבעטנדיקן קאָלעקטיוו, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען קיין גלייכן לויט זיין קראַפט און פאַרנעם. דאָ איז אַרויסגעטראָטן אויף אַן אָפענעם סאָציאַליסטישן וועג נישט נאָר דאָס רוסישע פויערטום, נאָר דאָס פויערטום בכלל. דאָ זענען צום ערשטן מאָל רעאַל געלייגט געוואָרן יסודות פאַרן צוקונפטיקן פויערים־ און אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. די פראָגראַם וועגן דער ערד־סאָציאַליזאַציע איז אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק, און הוצדעם, איז דאָ אויסגעאַרבעט געוואָרן די סיסטעם פון פויערים־ראַטן, וואָס זאָלן אַרומנעמען דאָס גאַנצע דאָרפישע רוסלאַנד. די דאָזיקע ראַטן איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע צוקונפט, ווייל פאַקטיש וואָלטן זיי דאָך געשפּילט די ראָל נישט נאָר פון קלאַסן־קאַמף־אָרגאַנען, נאָר אויך

פון רעאַלע פּאַרוואַלטונג־אָרגאַנען אויף די ערטער. אויב די דאָזיקע צעטיילונג איז מעגלעך אין די שטעט, ווו דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויס ביי הײַנטיקס טאָג בלויז אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, האָבן אָבער די ראַטן אין דאָרף, מיט זיין מער, אָדער ווייניקער איינהייטלעכער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג (די „קולאַקעס" און אַנדערע פּאַראַזיטישע עלעמענטן זענען זייער קליין אין צאָל, אין רוסישן דאָרף) געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין די איינציקע פאַרוואַלטונגס- און רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען פון די פּויערישע קלאַסן־אינטערעסן. אַזוי אַרום האָט די דאָזיקע סיסטעם פון פּויערים־ראַטן, וועלכע איז צוערשט באַשטימט געוואָרן פאַר געוויסע צילן, געמוזט דורכלייגן אַ וועג פאַר דער צוקונפטיקער ראַטן־מלוכה אין דאָרף.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די חדשים מאַי — יוני צייכענען זיך אויס דורך זייער שטאַרקן דראַנג צענויפצושמידן אָרגאַניזאַציאָנעל די דעמאָקראַטיע. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אַרבעטער, זעלנער, פּויערים און שטעט זענען פון צעבראָקלטע יחידים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַסיווע קאָלעקטיווע אָרגאַניזמען. דער דאָזיקער באַפעסטיקונגס־פּראָצעס פון דער דעמאָקראַטיע האָט גלייכצייטיק אָפּגעשפּיגלט אויך זיין אומגעקערטע זייט: די אָפּשוואַכונג, שיר נישט די פאַרניכטונג פון דער ראָל פון דער בורזשואַזיע. נישט צווישן די אַרבעטנדיקע קלאַסן, נישט אין דער אַרמיי (אַ חוץ די העכערע אָפיצירישע קרייזן) און אפילו נישט אין די שטעט האָבן די קאַדעטן נישט געקענט באַקומען קיין שום ערנסטע אונטערשטיצונג. אין דערזעלבער מאָס ווי זיי האָבן געגלאַנצט און געהאַט השפעה אויף דער פּאָליטישער אַוואַנסצענע אין דעם פאַררעוואָלוציאָנערן פּעריאָד (אין דער דומע, אין די זעמסטוועס און שטאָט־פאַרוואַלטונגען, אין דער פּרעסע), זענען זיי איצט געשטעלט געוואָרן אין שאָטן דורך דער פרייער דעמאָקראַטיע. דעם דאָזיקן פאַקט מוז מען אין זינען האָבן אין שייכות מיט יענער גרויסער פּאָליטישער ראָל, אויף וועלכער זיי האָבן פּרע־

טענדירט און וועלכע ס׳האָבן זיי געלאָזט שפּילן אין דער צענטראַלער רעגירונג די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ווער־זשע האָט אָנגעפירט מיט די דאָזיקע אַלע אָרגאַני־זאַציאָנעלע באַוועגונגען פון דער דעמאָקראַטיע?

דאָס זענען געווען די מענשעוויקעס און די רעכטע סאָצ. רעוואָלוציאָנערן. פאַרשטייט זיך, דער דאָזיקער ארבעט האָבן געווידמעט זייערע אַלע כחות אויך די באָלשעוויקעס און די דעמאָלט נישט גרויסע גרופּע לינקע סאָצ.־רעוו.. אָבער די אי־דעישע אָנפירער, כמעט די אומצווייפלהאַפטע העגעמאָנען זענען געווען די ערשטע. אויב די אַרבעטער־קרייזן האָבן שטארק סימ־פּאַטיזירט די מענשעוויסטישע פּאַרטיי, האָט אָבער דאָס פויער־טום זיך לחלוטין געפונען אונטערן איינפלוס פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דער אַלרוסישער פּוי־ערים־צוזאַמענפאָר איז אינגאַנצן דורכגעגאַנגען אונטער דער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער השפעה פון רעכטן פליגל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. סיי אין זיין אויספיר־קאָמיטעט, סיי אין כמעט אַלע אָרטיקע פּויערים־ראַטן איז זי געווען די אָנ־פירנדיקע פּאַרטיי. דעמזעלבן פּלאַץ האָט זי פאַרנומען אויך אין דער אַרמיי. אָבער אויך אין די שטאָט־דומעס, אָנהויבנדיק פון די קרוין־שטעט און ענדיקנדיק מיט די קלענערע שטעטלעך, האָט זי געהאַט די גרעסטע צאָל ערטער.

איז דאָס דען געווען א צופעליקע דערשיינונג? חלילה.

די פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט אימ־פּאָנירט דעם פּויערישן לאַנד קודם כל מיט איר דעטאַל־באַ־אַרבעטער אַגראַרער פּראָגראַם, וועלכע האָט זיך נאָך אין 1905 אַרויסגעוויזן פאַר דער לעבנספעיקסטער אין דאָרף און וועלכע איז טאקע אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער ענערגישער טעטיקייט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי אין דאָרף. די עקספּראָפּריאַציע פון באָדן, זיין צעטיילונג אויף קאָלעקטיווע אַרבעטס־יסודות — די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן האָבן זיך געפונען אין פולן הסכם מיט די אינ־

טערעסן פון די פויערים און מיט זייער הונגער נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט. די דאָזיקע פּראָגראַם, וועלכע ווערט קורץ באַ־צייכנט מיט די ווערטער „ערד און פרייהייט“, האָט קודם כּל צוגעצויגן צו זיך די פויערים פון דער אַרמיי און פון היג־טער־לאַנד. הוצדעם האָט די פּאַרטיי פון די סאָצ. רעוו. צוגע־צויגן צו זיך די קליינע נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ן אַ דאַנק איר פעדעראַליסטישער פּראָגראַם: בלויז די פּאַרטיי פון די סאָצ. רעוו. האָט לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע אַרויסגעשטעלט די פאָ־דערונג פון אַ רוסישער פעדעראַטיווער רעפּובליק. די פּאַרטיי פון די סאָצ.־רעוו. איז, צולעצט, אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָ־לוציע מיט אַ הערלישן אָרעאָל פון דער פּאַרגאַנגענהייט, מיט אַ גרויסע צאָל רומרייכע נעמען פון מענטשן, וועלכע זענען גע־שטאָרבן פאַר דער רעוואָלוציע, מיט פרישע דערינערונגען וועגן אַ סך ט ע ר אָ ר י ס ט י ש ע העלדן־מעשים, וועלכע האָבן פּאַרטי־ליקט די ערגסטע פיינט פון פאָלק. אַ סך פון די דאָזיקע מענטשן האָבן דערלעבט ביז דער דאָזיקער רעוואָלוציע, און זייערע נעמען („די באָבע פון דער רעוואָלוציע“, ספּירידאָנאָוואַ, מיבאָר, ווערא פיגנער) זענען געווען סימבאָלן פון רוסלאַנדס אומאויפהערלעכן הונדערטיאָריקן קאַמף פאַר פרייהייט.

אמת, די דאָזיקע פּאַרטיי איז אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציע אָן אַ קלאָרער פּראָגראַם וועגן דער פראַגע פון מלחמה, אמת, זי איז לייכט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן מיט בורזשואַזע פּאַרטייען; אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפטן אירע, וועלכע וועלן פאַר איר ווערן פאַטאַל ערשט שפּעטער, האָבן איצט, אדרבה, געדינט אַלס איבעריקער גרונט פאַר איר וווקס. צוליב דעם טאַקע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן איר אויך יענע וואַקלדיקע (אין קלאַסן־זין) קאַדרען פון אינטעליגענץ און שטאָ־טישער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן זיך, אייגנטלעך, גענויטיקט אין אַ ספּעציעלער, פאַר זיי געשאַפענער רעוואָלוציאָנער־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. די ראָל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָבן נישט געקענט אויספירן די קאַדעטן, וועלכע האָבן געהאַט אין זייערע רייען אַ צו גרויסן פּראָצענט השפּעה־רייכע קאַפּיטאַליס־

טישע קרייזן, און די ראָל פון דער דאָזיקער נישט-עקסיסטירנ־דיקער פּאַרטיי איז געצוווּנגען געווען אויסצופירן, צוליב דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון רעכטן פליגל, די פּאַרטיי פון די סאָצ. רעוו.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צוזאַמען מיט אַרבעטער און האָרעפּאַשנע פּויערים, האָבן פאַרפוילט אירע רייען אויך צאָלרייכע צווישן־שיכטן, וועלכע האָבן אײַנגעראַמטן אָנגענו־מען נישט איר גאַנצע פּראָגראַם, נאָר בלויז די, אָדער יענע טייל אירע. מיט דער צייט וועלן זיי מוזן אויסאײַבן אַ דרוק אויף דער טאַקטיק, און אפילו אויף דער אידעאָלאָגיע גופא פון דער פּאַרטיי, ברענגענדיק זי צו אָפּאָרטוניזם און אפילו צו בגידה לגבי אירע אייגענע פּרינציפּן. דערווייל האָט נאָך די דאָזיקע קלאַסן־פאַרשידנפאַרביקייט נישט געלאָזט הערן פון זיך, אָבער דערפאַר איז זי געפּערלעכער פאַר דער צוקונפט, ווען זי וועט צעברעכן פון אינעווייניק די דאָזיקע פּאַרטיי, וועלכע איז ווי דורכן גורל באַשטימט געוואָרן אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציע.

ווי אַזוי־זשע האָט געקוקט די דאָזיקע אָנפירנדיקע פּאַרטיי אויף די נאָענטסטע עיקרדיקע פראַגן פון דער רעוואָלוציע?

וועגן דעם זענען מיר ביכולת צו משפטן לויט די רעזאָ־לוציעס פון צוויי צוזאַמענפאָרן אין יענער צייט: פון אַלרוסישן פּויערים־צוזאַמענפאָר און פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון די סאָצ. רעוו. (דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער פּאַרטיי). אויפן פּויערים־צוזאַמענפאָר איז וועגן דער פראַגע פון מלחמה באַשלאָסן געוואָרן (לויטן רעפעראַט פון עקסטרעם־רעכטן ס.־ר. אי. בונאַקאָוו), אַז מען דאַרף „פירן די סאַמע אַקטיווסטע לאַנד־פאַרטיידיקונג און אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען, כדי צו הויבן די קאַמפס־קראַפט פון דער אַרמיי סיי פאַר פּאַרטיי־דיקונגס־ סיי פאַר אָ נ ג ר י ף ־ אָפּעראַציעס". וואָס שייך דער קאָאַליציע־רעגירונג האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן „רופן דאָס

לאַנד אײַסצודריקן פולן צוטרוי דער באַנײַטער צײַטווײַליקער רעגירונג און איר אונטערשטיצן".

דיזעלבע שטעלונג איז נאָך קלאָרער אויסגעדריקט געוואָרן אין די רעזאָלוציעס פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. „כּל זמן עס דויערט די דאָזיקע מלחמה, — איז גערעדט געוואָרן אין איינער פון זיי, — אָנערקענט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד די נויטווענדיקייט פון א סטראַטעגישע פראָנט־אייניקייט מיט די פאַרבינדעטע... דער צוזאַמענפאָר האַלט פאַר נויטווענדיק צו ברענגען די אַרמיי אין אַ פולער קאַמפּס־גרייטקייט און אויסשמידן פון איר אַ כּח, וואָס זאָל פעיק זיין אויף אַקטיווע אָפּעראַציעס". „כּל־זמן די גרופּע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן — זאָגט אַ צווייטע רעזאָלוציע — פאַרבלייבט אין באַשטאַנד פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, ווערט דער לעצטער געזיכערט די סאַמע ענערגישע אונטערשטיצונג".

אין די דורך אונז אונטערגעשטראָכענע ווערטער ליגט די גאַנצע קווינט־עסענץ פון דער פּאָליטישער טאַקטיק פון דער דאָזיקער, דעמאָלט אָנפירנדיקער פּאַרטיי. אינם אינהאַלט פון די דאָזיקע רעזאָלוציעס זענען געווען באַהאַלטן אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם די גאַנסטע קריגס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג און די גאַראַנטיע פאַר א רויקער האַלטונג מצד דער דעמאָקראַטיע. אין הסכּם מיטן גייסט פון די דאָזיקע אַלע באַשלוסן זענען אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע רעוואָלוציאָנערע פּאָסטנס אויסגעקליבן געוואָרן פון צווישן דער סאָצ. רעוו. פּאַרטיי אירע רעכטסטע מיטגלידער. אין פּעטראָגראַדער ראַט פון די ארבעטער־דעפּוטאַטן האָט געווירקט גאָץ, בראש פון פויערישן אַלרוסישן ראַט איז געשטאַנען אווקסענטיעוו, און אַלס פּרעזידענט פון מאָסקווער שטאָט־דומע, וועלכע האָט געגעבן דעם טאָן אַלע איבעריקע מוניציפּאַליטעטן פון רוסלאַנד, איז אויסגעווײַלט געוואָרן רודנעוו. די מיטגלידער פון לינקן פליגל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי (די שפּעטערדיקע פּאַרטיי פון די לינקע ס. ר־ן), וועלכע פלעגן אַרויסטרעטן אויף די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן קעגן דער קריגס־פּאָליטיק און די קאָאליציע־אי׳וזיעס, זענען געבליבן אין דער מינ־

דערהייט. דיזעלבע מינדערהייט האָבן אין די רייען פון דער אַרמיי און פראָלעטאַריאַט אויסגעמאַכט דעמאָלט אויך די באָלשעוויקעס. די מאַסן, נאָר וואָס אויפגעוועקט צום פּאָליטישן לעבן, זענען געווען אומזיכער אין זייערע ערשטע טריט. זייער קלאַסן־אינסטינקט האָט נאָך געדרעמלט, און זייער באַוווּסטזיין האָט זיך לייכט אונטערגעגעבן דער גאַטירלעכער, טראַדיציאָנעלער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז דורך זיי איינגעזאַפּט געוואָרן אין יאָרהונדערטער פון קנעכטישן לעבן. מלחמה — אַלס פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד; קאָאַליציע — אַלס „פאַרנונפטיקע" פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד; ערד — אַלס מתנה פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, — די דאָזיקע באַגריפן, איינגעפלאַנצט דורך די מעסיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זענען אין אַלגעמיין געווען באַגרייפלעך פאַרן עלעמענטאַרן באַוווּסטזיין פון די אַרבעטס-מאַסן. כדי צו קענען גובר זיין די דאָזיקע באַגריפן, האָבן די מאַסן פריער געמוזט דורכמאַכן אַן עפּאָכע פון פּאָליטישע עקספּערימענטן, וועלכע וועלן נישט געלינגען. דערווייל אָבער האָבן זיי פאַרגרעסערט די פאַרדינסטפולע נעמען פון די פירער פון די דאָזיקע פּאַרטייען און אונטערגעשריבן די רעזאָלוציעס וועגן די לויפנדיקע פּאָליטישע פראַגן, וועלכע די דאָזיקע פירער פלעגן פאָרלייגן. דער ערשטער גאָנטסטער „סעדאַן" פאַר די דאָזיקע קלאַסן, האָט זיי, פאַרשטייט זיך, תיכף געעפנט די אויגן.

זאָל דאָס אָבער הייסן, אַז אינם רעוואָלוציאָנערן לאַנד הערשט שלום ושלוה: די קאָאַליציע-רעגירונג געניסט דעם פולסטן צוטרוי פון די אַרבעטנדיקע מאַסן; דער אָפּגרונט צווישן דער בורזשואַזער און דער אַרבעטס-פּראָגראַם, וועלכער האָט זיי צעטיילט פון אָנהויב אָן, האַלט ביים פאַרשטאָפּט ווערן, לכל הפחות ביז דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג? עס הויבט זיך נישט אָן! אַזוי האָט זיך, אפשר, אויסגעדוכט די פּאַרטיי־פירער, אָבער אין די טיפעניש פון לאַנד איז געווען גאַנץ אַנדערש. וועגן דעם האָט

שוין געשאַרפֿט די אינערלעכע לאָגיק פון קלאַסן־קאַמף, וועלכע האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט, נישט געקוקט אויפן הערטער־הסכּם פון די פאַרשטייער פון פאַרשידנסטע קלאַסן. דער דאָזיקער קאַמף איז געקומען צום אויסדרוק ביי אַ ל ע פראַגן פון דער אַקטועלער פּאָליטיק.

די אַרבעט פון דער קאָאַליציע־רעגירונג איז געגאַנגען נישט אָן שוועריקייטן, זי פלעגט זיך פאַרהאַקן, און האָט קיינעם אין לאַנד נישט באַפרידיקט. די אַגראַר־פראַגע איז שאַרף געשטאַנען אויפן סדר־היום. דער נאָר־וואָס פאַרענדיקטער פויערים־צוזאַמענפאָר האָט, אמת, באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז נאָך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג מיט דער ענטגילטיקער לייזונג פון דער אַגראַר־פראַגע, אָבער דערפאַר האָט ער געפאָדערט תּיכּף אָנצונעמען צוויי פאָרזיכטס־מיטלען. ער האָט געפאָדערט: 1) מ'זאָל פאַרבאָטן יעדע אַרט טראַנזאַקציעס מיט באָדן, וועלכע וואָלטן געקענט פאַרמינערן זיין שטח פאַר דער פרייער צעטיילונג ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט צונויפגערופן ווערן און 2) די ערד זאָל איבערגעגעבן ווערן אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די אָרטיקע ערד־קאָמיטעטן. די דאָזיקע צוויי פאָרזיכטס־מיטלען וואָלטן יורידיש און פאַקטיש צוגעגרייט די אַגראַר־רעוואָלוציע און וואָלטן אויף פאָרויס אַדורכגעפירט אין לעבן די קומענדיקע גרויסע געזעצן. זיי זענען גלייכצייטיק געשטאַנען אין פולסטן הסכּם סיי מיט דער היסטאָרישער אומגעדולד פון די פויערים־מאַסן, סיי מיט די אוממיטלבאַרע דערנערונגס־נויטן פון דער מלוכה. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מיניסטער טשערנאָוו האָט די דאָזיקע פאָרזיכטס־מיטלען געדאַרפט דורכפירן אַלס געזעצן דורך דער רעגירונג.

און דאָ האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט די גאַנצע שוועריקייט פון דער לאַגע. די קאַדעטן האָבן אין דער רעגירונג בשום אופן נ י ש ט ד ע ר ל אָ ז ן דורכצופירן די דאָזיקע געזעצן. זיי האָבן סיסטעמאַטיש אָפּגעשלעפּט זייער באַהאַנדלונג, מיט דער הילף פון אומצייליקע אויסבעסערונגען האָבן זיי טאָרמאָזירט די אַרבעט און צום סוף האָבן זיי צעקאַליעטשעט דעם ערשטן

נויטווענדיקן פֿאַרזיכט-מיטל. גלייכצייטיק האָט דאָס פּויערטום אויף די ערשטער גענג, אַז די מאָביליזאַציע פֿון באָדן־אייגנטום קומט ווייטער פֿאָר, אַז איר יורידישער דעה-זאָגער בלייבט ווייטער דער פּריצים-קלאַס, זיין אַלטער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַן — די „פּויערים״-באַנק און זייַנע נייע מליצי-יושר — די קאָמיסאַרן פֿון דער צייטווייליקער רעגירונג. וואָס שייך דעם צווייטן פֿאַרזיכט-מיטל האָט ער גאָרנישט דערלעבט באַהאַנדלט צו ווערן דורך דער רעגירונג: אויף אַזוי ווייט איז ער געווען אומדערלאָזבאַר פֿאַר איר בורזשואַזער העלפֿט. אַלע פּרוּוון פֿון די פּויערים און פֿון די ראַטן אויף די ערשטער איבערצוגעבן די ערד אין רשות פֿון די ערד־קאָמיטעטן אויף צו באַאַרבעטן זיי, זענען דעריבער באַטראַכט געוואָרן אַלס „אַנאַרכיסטישע״ און „פֿאַרכאַפּערישע״ האַנדלונגען. די רעגירנדיקע קלאַסן האָבן די דאָזיקע אַלע מיטלען אָפּגעלייגט „ביז דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג״, פֿאָדערנדיק, אַז ביז זי וועט צונויפֿגערופֿן ווערן זאָל בלייבן אומבאַריִרט די אַלטע אַגראַרע אָרדנונג. אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן און ס'איז געוואַקסן דער תהום צווישן די רעגירונגס- און פֿאָלקס-האַנדלונגען אין איינעם פֿון די ווירטשאַפֿטלעך־אינטימסטע געביטן פֿון רוסישן פּויערטום. שפּעטער, ווען איינע פֿון טשערנאָווס אַגראַרע אינסטרוקציעס איז סוף־כּל־סוף אָנגענומען געוואָרן דורך דער רעגירונג, האָט זי געבראַכט צו דער דימיסיע פֿון איר פֿאַרזיצער, דעם פּירשט לוואָוו. און דער דאָזיקער פֿאַקט, וועלכער איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש צוליב דער רודף-שלומדיקער, פֿאַרמיטלערישער ראָל, וועלכע לוואָוו האָט געשפּילט אין דער רעגירונג, האָט גענוג בולט אונטערגעשטראָכן די פֿאַרביסנקייט פֿון די קלאַסן-אינטערעסן אין דער רעגירונג גופא.

דיזעלבע פֿאַרביסנקייט איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין דער אַרבעטער-פֿראַגע. די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך נישט נאָר די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע, נאָר אויך זייער פֿאַרלאַנג צו ווירקן אויפֿן גאַנג פֿון דער פּראָדוקציע. נעבן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען,

וועלכע פאַרייניקן די אַרבעטער לויט די פּראָדוקציע־צווייגן, האָבן זיך אין איינצלנע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אויך אויסגעבילדעט און פאַרפעסטיקט די אַזוי־גערופענע פאַבריק־קאָמיטעטן. די דאָזיקע קאָמיטעטן פלעגן גרופירן אַרום זיך אַלע אַרבעטער פון אַ געוויסער פאַבריק און בילדן מיט זיך אַ געגנגעוויכט צום אונטערנעמער, אַלס אַרבעטס־אָרגאַן פון דער פּראָדוקציע, וועלכער האָט דאָס רעכט צו ווירקן אויף איר גאַנג. קעגן דער דאָזיקער טענדענץ פון די אַרבעטער צו זאָגן אַ דעה אויפן גאַנג פון דער פּראָדוקציע האָבן די אינדוסטריעלע אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטן קאַמף. נישט האָבנדיק די העזה צו דערקלערן אָפן לאָקאַוטן, האָבן די אונטערנעמער אָנגענומען אַ גאַנצע ריי מיטלען, וועלכע האָבן פאַקטיש טאָרמאָזירט די פּראָדוקציע: זיי האָבן אָפּגעהאַלטן דעם צופלוס פון געלט־מיטלען, זיי האָבן פאַרקלענערט דעם צופיר פון רוי־שטאָפן און קוילן, זיי האָבן אויפגעהערט אַכטונג צו געבן אויף די אונטערנעמונגען. מיט דעם אַליין האָבן זיי געלייגט דעם יסוד פאַר יענער סיסטעם פון ס אַ ב אָ ט אַ ז ש, וועלכע איז שפּעטער (אין אָקטאָבער) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסע סאָציאַלע באַוועגונג. ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען די אינדוסטריע־קאָמיטעטן פון ריינע קלאַסן־אָרגאַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרגאַנען, וועלכע היטן אָפּ די פּ ר אָ ד ו ק צ י ע, אַלס אַזעלכע, פאַרן פאָלק. גלייכצייטיק האָט זיך אין דער בורזשואַזער פּרעסע געפירט אַ פאַרביסענע אַגיטאַציע קעגן די דעראָבערונגען פון די אַרבעטער, קעגן זייערע „אומדערהערטע" פאַרדינסטן, קעגן זייער „פוסט־און־פּאַסטוען", קעגן איינפירן דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. דער אינדוסטריעלער קלאַס, וועלכער איז געוויינט געווען צו פולשטענדיקער אומקאָנטראָלירבאַרקייט אין די צייטן פון צאַריזם און וועלכער איז באַזונדערס דעמאָראַליזירט געוואָרן דורך די רווחים פון דער דריי־יאָריקער מלחמה, האָט מיט אַלערליי מיטלען זיך באַמיט צו שיצן זיינע פאַבריקן פון מלוכה־אויפזיכט און פון קאָנטראָל פון זיינע באָנטסטע עדות — די אַרבעטער. און דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום, בראש פון וועלכן

ס'איז געשטאַנען דער מענשעוויק סקאָבעלעוו, האָט נישט נאָר נישט אריינגענומען אין פעסטע הענט די פּראָדוקציע, וועלכע איז צעטרייסלט געוואָרן סיי פון אַלטע סבות, סיי פון איינער־לעכן ווידערשטאַנד פון אירע בעלי־בתים, עס האָט נישט נאָר נישט אונטערשטיצט די טעטיקייט פון די פאבריק־קאָמיטעטן, נאָר, פאַרקערט, עס האָט נאָך פּרובירט פארמיטלען צווישן די ביידע פאַבריק־לאגערן און פאַרשמעלערן די אַרבעט פון די דאָזיקע קאָמיטעטן. פונדעסטוועגן האָט זיך אויך דאָ, ווי אין דער אַגראַר־פראגע, גאָרנישט געלאָזט דערגרייכן מיטן דאָזיקן וועג. דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום האָט זיך געפונען אין אַ פּער־מאַנענטן קאָנפליקט מיטן מיניסטעריום פון האַנדל און אינדוסט־ריע, אין וועלכן עס זענען קאָנצענטרירט געווען די רעכט, די אינטערעסן און די פּאַרטייִדיקער פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. צוליב איינעם פון די מיטלען, וועלכע זענען פאָרגעלייגט גע־וואָרן לטובת דער אַרבעט און וועלכע האָבן געהאַט אין אויג אַ פאַרשטאַרקטן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, איז פון דער רעגירונג ארויסגעטראָטן דער האנדלס־מיניסטער קאָנאָוואַלאָוו. דער דאָזיקער פּראָגרעסיסט, וועלכער האָט, — אין קעגנזאַץ צו די קאַדעטן — ערלעך פאַרטייִדיקט די רעפּובליק צוליב דער רוסישער מלוכה־אָרדנונג, האָט נישט געקענט שלום מאכן מיט דער איינפירונג פון רעפּובליקאַנישן רעזשים אין פאַבריק. פונקט אַזוי ווי טשערנאָוו גענוצן האָבן זיך אומאויסגלייכבאַר צוזאַ־מענגעשטויסן מיט די אינטערעסן פון די גוטסבאַזיצער און האָבן געבראכט מיט זיך די דעמיסיע פון פירשט לוואָוו, האָבן זיך סקאָבעלעוו גענוצן צונויפגעשטויסן מיט די אינטערעסן פון די אינדוסטריעלע און ארויסגערופן קאָנאָוואַלאָווס דעמיסיע. סיי דאָ, סיי דאָרט האָבן מיר צו טאָן נישט מיט פערזענלעכע פאַלן, נאָר מיט טיף פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות. די דאָזיקע איינצלנע אָפּשפּאַלטונגען פון די מיניסטאָרן־בורזשויען פון דער קאָאַליציע רעגירונג האָבן באַלויכטן איר מאָדאַישן קלאַסן־כאַראַקטער, איר אינערלעכע צעשפּאָרנקייט, און האָבן פאָרויסגעזאָגט איר קו־מענדיקע פולשטענדיקע פאַנאַנדערפאַלונג.

אויך די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געשטאַנען אין איר גאַנצער גרויס פאַר דער קאָאַליציע-מאַכט. די רעוואָלוציע האָט נישט נאָר פאַרשאַרפט אַלע סאָציאַלע פאָדערונגען פון די מאַסן, נאָר זי האָט אויך אויפגעוועקט צום לעבן די פאַרבאָרגענע נאַציאָנאַלע טרוימען פון די קליינע פעלקער אין דער געוועזענער רוסישער אימפעריע. מ'האָט זיך געקענט ריכטן, אַז קוים האָבן זיך די פעלקער פון רוסלאַנד אַרויסגעריסן אויף דער פריי נאָך יאָרהונדערטער פון קנעכטשאַפט, וועלן זיי שאַרף און אָן קאָמפּראָמיסן פאָדערן צו אָנערקענען זייער רעכט אויף אַ פרייע עקסיסטענץ. ס'איז געווען פאָרויסצוזען, אַז דער אומצוטרוי, וועלכן דער מאָנאַרכיסטישער פעטראָגראַד — „גרויס־רוסלאַנד" — האָט געזייט צווישן די פעלקער, קען זיך לייכט אַריבערטראָגן אויך אויפן רעוואָלוציאָנערן פעטראָגראַד, אויב ער וועט תיכף נישט באַפרידיקן זייערע פאָדערונגען. די רעגירונג האָט געדאַרפט שנעל געפינען די ליניע פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג צווישן רוסלאַנד און אירע פעלקער, כדי נישט דערלאָזן, אַז ס'זאָלן אויפקומען אין זיי סעפּאַראַטיסטישע, אָדער פשוט צענטרליפוגדיקע טענדענצן. אַזאַ פאַרשטענדיקונגס-ליניע האָט זיך געהאַט אָנגעצייכנט סיי בנוגע פינלאַנד, וועלכע האָט געשטרעבט צו מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט, סיי בנוגע אוקראַינע, וועלכע האָט געטרוימט בלויז וועגן מלוכהשער אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער רוסישער פעדעראַציע. אָבער אונטערן דרוק פון די קאַדעטן, די דאָזיקע מלוכהשע צענטראַליסטן, האָט די צייטווייליקע רעגירונג נישט באַפרידיקט די באַדערפענישן פון די דאָזיקע צוויי נאַציעס, אָפּלייגנדיק די ענטשיידונג „ביז דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג". די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, גאַנץ גוט זעוווסט, אַז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועט באַפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען, אָבער אין נאָמען פון דער קאָאַליציע האָבן זיי נאָכגעגעבן די קאַדעטן, פאַר וועלכע דאָס פאַררופן זיך אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געווען יענער אייביקער פאָליטישער מיטל „ad calendas graecas", מיט דער הילף

פון וועלכן זיי האָבן געהאלטן די רעוואָלוציע אין א פליסיקן, צעשמאָלצענעם צושטאַנד. קערענסקי האָט געדראָט פינלאַנד פאַר איר אומגעדולדיקייט; דערנאָך איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן דער פינלענדישער סיים, וועלכער האָט געפאָדערט אומאָפהענגי־קייט. די אוקראַיִנישע פירער האָבן זיך אַ לאַנגע צייט נישט גע־קענט דערשלאָגן צו קיין שום קלאָרן ענטפער. און ווען די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן סוף־כּל־סוף געפרווט איינשטעלן אַ מאָדוס וויווענדי מיט אוקראַיִנע, האָט זייער פּלאַן אויפגעריסן די גאַנצע קאָאַליציע־רעגירונג. דאַרף מען דען נאָך צוגעבן, אַז די דאָזיקע לאַגע האָט געענערט אויף אוקראַיִנע די אין גרונט באַדנלאָזע באַוועגונג פון די „סאַמאָסטייניקעס”?

אָבער באַזונדערס בולט איז די מאַכטלאָזיקייט פון דער רעגירונג געקומען צום אויסדרוק אין דער עיקרדיק־שעפערישער פראַגע פון דער רעוואָלוציע: אין דער פראַגע וועגן ש ל ו ם. דער נייער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים — טערע־שטשענקאָ — האָט געפירט אַ ליניע פון אויסערלעכער פּאָלי־טיק, וועלכע האָט נישט געהאַט די שאַרף־קאַנטיקייט פון מיל־יוקאָווס ליניע, אָבער דערפאַר איז זי בכלל געווען צעשוווּמען. אַלס באַגאַזש אין דער דאָזיקער פראַגע האָט די רעגירונג גע־האַט בלויז די „צימערוואַלדער פאָרמולע” פון דער דעמאָקראַ־טיע, אַ גאַנצע ריי סתּירותדיקע נאָטעס פון מיליוקאָוון און דעם פאַרנעפּלטן צוזאָג פון דער פּראָגראַם פון 6־טן מאַי, אַז די „רעגירונג וועט אונטערנעמען צוגרייטונגס־שריט, כּדי קומען צו אַ הסכּם מיט די פאַרבינדעטע”. קיין שום קלאָרע פּראָגראַם פון אַ „נייער” פּאָליטיק איז נישט געווען בנמצא, קיין שום שטאַר־קער ווילן, וואָס זאָל זי דורכפירן, האָט גאָרנישט עקסיסטירט. און היות די פּאָליטיק זעצט תּמיד פאָראויס דעם אָנטייל פון מער ווי איין סוביעקט, איז, נאַטירלעך, אַז די אָנפירונג מיט דער רוסישער ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר אויסערלעכער פּאָליטיק איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די פאַרבינדעטע גרויס־מאַכטן. צי קען מען נאָך דעם אַלעם האָבן דער מינדסטן ספק אין דעם, אַז קיין שום רעאַלע טריט אויף דערנענטערן דעם

שלום זענען נישט געמאכט געוואָרן? ווייל די „פאַרבינדעטע" האָבן דאַבײ נישט נאָר געזיכערט זייערע אימפּעריאַליסטישע פּלענער, נאָר, וואָס ס׳איז זיי פאָרגעקומען אין דאָזיקן פּעריאָד נאָך וויכטיקער, — זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע לענדער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּעסט.

און גראָד איז דאָס געווען א צייט, ווען די גאַנצע קריג-פירנדיקע אייראָפּע איז געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטרישן שטראָם פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד! דאָס זענען געווען די חדשים, ווען אין פראַנקרייך זענען פאָרגעקומען שטאַרקע אומרוען אין דער אַרמיי, ווי דאָס האָט געוויזן דער פּראָצעס פון מיניסטער מאַלווי אין אויגוסט פון 1918-טן יאָר; ווען אין איטאַליע זענען פאָרגעקומען פאָלקס-אומרוען, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויפן טורינער פּראָצעס אין 1918; ווען אין דייטשלאַנד האָט דער רייכסטאַג אָנגענומען זיין פרידלעכע רעזאָלוציע, אימיטירנדיק די לאָזונגען פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע. דאָס איז געווען די צייט, ווען די אימפּעריאַליסטן פון אַלע לענדער האָבן געציטערט פאַר יענעם שטורמישן רוף צו שלום און פרייהייט, וועלכער האָט זיך מיט א פייערדיקן שטראָם געטראָגן פון רוסלאַנד, ווען איר אויטאָריטעט איז געווען הויך און אומדערשיטערט, ווען זי האָט זיך געשטיצט אויף דער פיל-מיליאָניקער אַרמיי. דאָס איז געווען די עפּאָכע, ווען די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט געהאַט צוגעשמידט צו איר פראָנט שטאַרקע כחות פון דייטשלאַנד און עסטרייך, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַ שטאַרקע דעמאָקראַטיע, האָט געקענט ריידן מיט די פאַרבינדעטע און פיינטלעכע גרויסמאַכטן אַלס גלייכע מיט גלייכע, און צווינגען זיי צו שלום.

די דאָזיקע גליקלעכע צייט האָט די קאָאַליציע-רעגירונג נישט אויסגענוצט. איר מיניסטער טערעשטשענקאָ האָט ווייטער געפירט די ליניע פון סאַזאָנאָוון און מיליוקאָוון. און די סאָציאַליסטישע העלפט פון דער דאָזיקער רעגירונג איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט געווען פון דער אידעע, אז רוסלאַנדס אויסערלעכע פּאָליטיק דאַרף גלייכצייטיק אויך זיין די פּאָליטיק פון די

פאַרבינדעטע. דיזעלבע אידעע פון קאָאַליציע, אויף וועל־ כער ס'האָט באַזירט די אינערלעכע פּאָליטיק פון די מענשעווי־ קעס און פון די רעכטע ס. ר־ן, האָט אויך געהערשט אין דער אויסערלעכער. קאָאַליציע נאָך אויסן, קאָאַליציע אין אינערן — אָט דאָס איז דער לעצטער עטאַפּ, וועלכן ס'האָט דערגרייכט די „רעוואָלוציאָנערע אידעע" פון די אָנפירנ־ דיקע קלאַסן. דער דאָזיקער אויספיר איז, דוכט זיך, געשטאַנען אין בולטער סתירה צו דער געוויסהייט, אַז דער אייראָפּעישער קאַפּיטאַליזם און זיין מלוכה־אַפּאַראַט אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע וועט ווינציקער פאַר אַלץ גענייגט זיין צוצושניידן זיינע פלענער לויט די פלענער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אַ מאַכטלאָזער פאַקטאָר, אַ פאַקטאָר, וועלכער לאָזט זיך איינ־ שפּאַנען אויך אין אַ אומנאַטירלעכער קאָאַליציע האָט נאָך גע־ קענט זיין די רוסישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך פלוצלונג געפונען צווישן דער ווולקאַנישער לאַווע פון דער רעוואָלוציע; דאָס איז אָבער געווען אַבסאָלוט אומדענקבאַר בנוגע דער פאַר־ בינדעטער בורזשואַזיע. די „נאַציאָנאַלע" פאָדערונגען פון די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער אויפן געביט פון מלחמה־ליקווידאַציע זענען געשטאַנען אין אַ צו שאַרפער סתירה צו די „פּאָקס"־פאָדערונגען פון דער רוסישער רעוואלוציע, זיי זאָלן זיך אויף וואָסער נישט איז אופן קענען אויסגלייכן.

און פונדעסטוועגן האָבן נישט קיין אַנדערע, ווי די סאָ־ ציאַליסטישע מיניסטאָרן (און זייערע פאַרטייען) כסדר אונטער־ געהאַלטן די דאָזיקע ווילדע אידעע פון אַ קאָאַליציע צווישן דער רוסישער רעוואָלוציע און דער אייראָפּעישער רעאַקציע.

אָן די פאַרבינדעטע קענען מיר נישט ליקווידירן די מלחמה (דיפּלאָמאַטישע און קריגס־פאָלגן!), אָן זיי קענען מיר זי אויך נישט פירן (פינאַנסיעלע און טעכנישע הילף!). אונז בלייבט דעריבער בלויז צו חברן זיך מיט זיי און ווירקן אויף זיי אין אונזער גייסט, — אָט דאָס איז געווען זייער באַשלוס אין דער דאָזיקער פאַטאַלער פראַגע פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן דאַביי פאַרגעסן איין זאַך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען

ווערן זיי אָפּהענגיק פון כחות און השפּעות, וועלכע זענען אָר-
גאַניש פרעמד דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס. זיי האָבן פאַר-
געסן, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען וועט זיי ענג אַרומנעמען די
וואַנט פון דער רוסישער בורזשואַזיע, וועלכע שטרעבט אָפּצו-
שלעפּן צוריק די ראָד פון דער רעוואָלוציע, און פון דער
פאַרבינדעטער בורזשואַזיע, וועלכע נעמט אָן אַלע מיטלען, כדי
צו שטערן דער רוסישער רעוואָלוציע אַריבערצוּוואַרפן זיך אין
זייערע לענדער.

אָבער נאָך ערגערעס איז געשען. אין נאָמען פון „איינ-
קייט” מיט די פאַרבינדעטע און לויט זייער פאָדערונג איז אונ-
טערגענומען געוואָרן אַ ברייט-אָרגאַניזירטע צוגרייטונג צו אַן
אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי. קערענסקי, דער נייער
קריגס-מיניסטער אויפן אָרט פון גוטשקאָוון, דעם פרעמדן פאַר
דער אַרמיי, האָט איינגעזען זיין אויפגאַבע נישט אין באַפעס-
טיקן די רעוואָלוציאָנערע צוזאַמענגעשמידקייט פון דער פוילי-
שער אַרמיי, נישט אין פאַרשטאַרקן איר רויקע קראַפט, וועלכע
איז שרעקלעך אין איר רויקייט. זיין גאַנצע פּאָפּולאַריטעט
צווישן די פאָלקס-מאַסן, די גאַנצע מאַכט פון זיין רעדנער-טאַ-
לאַנט און די גאַנצע קראַפט פון זיין אויפריכטיקייט האָט ער
געווידמעט אַן אַנדער ציל. אומדערמידלעך אַרומפאָרנדיק איבער
אַלע פראָנטן, האָט ער צוגעוווינט די אַרמיי צום געדאַנק,
אַז ס'איז ווינציק פאַר איר צו שטיין אויף די גרענעצן, אויס-
וואַרטנדיק די רעזולטאַטן פון דער פרידלעכער רעגירונגס-פּאָלי-
טיק און אָפּשלאָגנדיק די מעגלעכע אָנגריפן פון שונא. ער האָט
היפּנאָטיזירט די אַרמיי דורך ווערטער און ער האָט זי אונ-
טערגעקויפט מיט אַ גאַנצער ריי דעמאָקראַטישע מיטלען, צוגע-
וווינענדיק זי צום געדאַנק, אַז דער אָנגריף, די מיליטערישע
מפּלה פון דייטשלאַנד, דער געמיינזאַמער סטראַטעגישער פראָנט
מיט די פאַרבינדעטע — אָט דאָס זענען די איינציקע מיטלען
צו דערגרייכן דעם שלום.

דאָס איז געווען דער שטאַנדפּונק פון די בורזשואַזע פאַר-
טייען, פון די רעכטע ס.-ר־ן און פון די מענשעוויקעס, פון די

אָנפירנדיקע און אָפיצירישע אַרמיי־קרייזן. אין דער צאָלרייכער געץ פון מיליטערישע קאָמיטעטן און אַרמיי־קאָמיסאַרן (וועלכע קערענסקי האָט אָנגעשטעלט, כדי צו רעפּרעזענטירן פּאָליטיש די רעגירונג אין דער אַרמיי) האָט דער דאָזיקער שטאַנדפונקט געהאַט איר שטיץ־פונקט. און ס'איז גאָר קיין וווּנדער נישט, ווייל די דאָזיקע אַלע קאָמיטעטן — פּאַראַלעל צו די אַלגעמיינע סימפּאַטיעס פון די מאַסן הינטערן פראָנט — זענען באַשטאַנען פון די זעלבע רעכטע ס.־ר.ן און מענשעוויקעס. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז זיך לייכט געווען איינצורעדן, אַז די גאַנצע אַרמיי איז גרייט צו אַקטיווע אָפּעראַציעס אין גייסט פון סטראַטעגיע, און נישט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק; די עקסטרעם־לינקע (אַ טייל פון די ס.־ר.ן און די באָלשעוויקעס) האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז סטראַטעגיע (ד. ה. יעדע באַוועגונג פון פראָנט) איז מעגלעך בלויז ביי אַן אינטענסיווער, אויסשעפּנדיקער אַקציע פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק, וועלכע שטיצט זיך אויפן פאַקט גופא, וואָס די אַרמיי עקסיסטירט. די נאָנטסטע געשעענישן האָבן אָבער באַוויזן, אַז די אַטעסטאַציעס פון די אַרמיי־שפּיצן זענען נישט געווען מאָסגעבנדיק פאַר דער אַרמיי־מאַסע, אַז זייער אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע אידעאָלאָגיע שטייט אין סתירה צו די סטיכישע שטימונגען און באַשלוסן פון די מאַסן. דער דאָזיקער קידער־ווידער פון די קאָמיטעטן און פון די פירער מיט די מאַסן, די דאָזיקע אויפדעקונג פון דער פיקטיווער רעפּרעזענטאַנץ פון די מאַסן — האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט אין נאָך אַ גרעסערער מדרגה — אין אָקטאָבער.

מ'דאַרף צוגעבן, אַז אין יענער צייט האָבן זיך שוין סיי הינטערן פראָנט, סיי אין דער אַרמיי, געמערט סימנים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז די פאָלקסמאַסן שטרעבן און טראַכטן עקשנותדיק וועגן שלום, אַז די „פּאָליטיק פון שלום" שטויסט אָפּ אויפן הינטערשטן פּלאַן אין זייער באַוווסטזיין די „סטראַטעגיע" פון מלחמה, אין וועלכער ס'איז פאַרזונקען ביז איבער די אויערן די רעגירונג. צוויי טעמעס זענען אין יענער עפּאָכע

הייס דיסקוסירט געוואָרן, ווייל מ'האָט אין זיי געזען דעם ערשטן ענערגישן שריט צו שלום. ערשטנס, האָט מען פון פאַרשידענע זייטן געפאָדערט צו פאַרעפנטלעכן די געהיימע אָפּמאַכן פון דער צאַרישער רעגירונג מיט די פאַרבינדעטע. און צווייטנס האָט מען געגאַרט נאָך אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ, וועלכע האָט קודם כּל געהאַט די אויפגאַבע צונויפצופירן די רוסישע סאָציאַליסטן מיט די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע האָבן די מאַסן באַטראַכט פאַר אַ מיטל צו צווינגען די פאַרבינדעטע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען צו פירן אַ שלום-פּאָליטיק. ביי די מאַסן האָט געהערשט די איבערצייגונג — באַזונדערס אין דער פאַרוואָרפענער רוסישער פּראָווינץ — אַז די דורכפירונג פון די דאָזיקע צוויי פאָדערונגען שטייט אויפן ערשטן פּלאַן, און אַז די מלחמה — נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע קאַמפּס-רעזאָלוציעס, וועלכע ווערן אָנגענומען אויף צוזאַמענפאָרן און פאַרזאַמלונגען — וועט, לכל הפחות, אין דער נאָענטער צייט מער נישט געפירט ווערן.

אויב אַזוי האָט אויסגעזען די אַביסל נאַיווע שטימונג פון די פּראָווינץ-מאַסן, וועלכע האָבן מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג איבערגעלעבט אַלע פּאָליטישע שטימונגען, אויב די דאָזיקע שטימונג קען באַצייכנט ווערן אַלס אַ רויק-אָפּוואַרטנדיקע, אַלס אַ האַלב־זאָרגלאָזע, — האָט אָבער דערפאַר גאַנץ אַנדערש איבערגעלעבט די דאָזיקע צייט פּעטראָגראַד. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט און דער גאַרניזאָן פון פּעטראָגראַד, וועלכע זענען אַ דאַנק זייער לאַגע געשטאַנען נאָענט צו די מאַכט-צענטרען, וועלכע האָבן דורכגעלעבט אַלע שטורעמס פון רעוואָלוציאָנערן אָנפאַנג-פּעריאָד, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ סך יאָרן פון עקשנותדיקן קאַמף, — זיי, דער פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן, האָבן זייער פיבערהאַפט נאָכגעפאָלגט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג. פון זייער בליק האָבן זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געקענט אויסבאַהאַלטן אַלע האַנדלונגס-מאָטיוון פון דער קאָאַליציע-

מאַכט, און זייער ענטפער אויף די האַנדלונגען, אָדער אויף דער פּאַסיוויטעט פון דער רעגירונג, פלעגט דערנאָך אריינדרינגען אינם אינערן פון לאַנד, דינענדיק פאַר אים אַלס לייכטטורעם. ווייל פּעטראָגראַד איז ביזן סוף געווען נישט נאָר די וויגעלע פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך איר לעבעדיקער באַראָמעטער, איר פיינסטער און שפּירבאַרסטער חוש-השמיעה, וועלכער איז תמיד באַגלייט געווען דורך אַ תיכּפדיקער, אַנטשלאָסענער האַנדלונג. און דעריבער האָט פּעטראָגראַד תמיד געקענט נישט נאָר אָנצינדן זיך, נאָר אויך אָנצינדן דאָס לאַנד.

אָט צוליב וואָס די רעגירונג האָט געדאַרפט אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו דער שטימע און צום שווייגן פון רעוואָלוציאָנערן פּעטראָגראַד.

וואָס-זשע אַזוינס האָט געזען פּעטראָגראַד?

ער האָט געזען, אַז דער טאָג פון 21-טן אַפּריל האָט אים נישט געבראַכט קיין פאַרלייכטערונג, אַז דער „מאַניפעסט צו די פעלקער“ פון 14-טן מערץ ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין לעבן, אַז די ליקווידאַציע פון קריג האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן. די מאַסן וואָלטן געווען נישט מער ווי באַטריבט, אָדער באַליידיקט, ווען די אָנגענומענע שריט צו ליקווידירן די מלחמה וואָלטן געווען נישט געלונגען און אפילו אומגעלומפּערט, ווען זיי וואָלטן זיך אָנגעשטויסן אויף נישט-באַזיגבאַרע שטרויכלונגען. אָבער די מאַסן האָבן די דאָזיקע שריט פּשוט נישט געזען, ווייל מ׳האָט זיי גאָרנישט געמאַכט. פאַרקערט, זיי האָבן געזען, אַז אין דער צייט, וואָס דער דיפּלאָמאַטישער אָנגריף איז לגמרי איינגעשטעלט געוואָרן, זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו אַ מיליטערישן אָ נ ג ר י ף. די דאָזיקע רוישיקע צוגרייטונג, וועלכע איז געפירט געוואָרן אונטערן פּויקן-קלאַנג פון דער בורזשואַזער פּרעסע, האָט אַרויסגערופן שווערע געדאַנקען און חששים. דער ציל און סאַרנעם פון דאָזיקן אָנגריף זענען געווען אומקלאָר, דערפאַר אָבער זענען שוין צו קלאָר געווען זיינע געפערלעכע רעזולטאַטן. די דאָזיקע רעזולטאַטן וואָלטן געווען געפערלעך, ווען דער אָנגריף זאָל אפילו געלינ-

גען, אָבער זיי וואָלטן געווען ממש קאַטאַסטראָפאַל, ווען ער זאָל נישט געלינגען. דער אָנגריף האָט אַרויפגעלייגט אַ פרישע משא אויף די פּלייצעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווייל ער האָט ווידער געבראַכט מיט זיך די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע און דעם גאַנצן שטייגער-לעבן פון מלחמה: בלוטדאָרשטיקייט, שאָוויניזם, פאַראַכטונג צו פעלקער. צולעצט האָט דער אָנגריף לגמרי רעסטאַווירט די השפּעה פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען פאַר ווייטער-פירן די מלחמה. חוצדעם האָט פּעטראָגראַד געזען, אַז ס'איז גאָר קיין רייד נישטאָ וועגן פאַרעפנטלעכן די געהיימע אָפּמאַכן, אַז אויך די שריט אויף צונויפרופן דעם סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר גייען נישט אַרויס פון פּראָיעקט-צושטאַנד. אמת, דער פּעטראָגראַדער ראַט האָט גענומען אויף זיך צונויפצורופן אין סטאָקהאָלם אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. אויסנוצנדיק זיין אויטאָריטעט, האָט ער באַשלאָסן צונויפצורופן אויף איר סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַ״ע ריכטונגען (סיי פּאַטריאָטן, סיי אינטערנאַציאָנאַליסטן). אָבער דער דאָזיקער ענין האָט זיך זייער פּאַמעלעך גערוקט פאָרויס; איין טערמין פון דער קאָנפערענץ פלעגט אָפּגעלייגט ווערן נאָך דעם צווייטן; עפּעס אַלמעכטיקע שטערונגען, וואָס זייער כאַראַקטער איז נישט שווער געווען צו באַשטימען, זענען איר געשטאַנען אין וועג.

דאַרף מען זיך דען וווּנדערן נאָך דעם אַלעם, וואָס דער פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן האָבן גענומען אויפברויזן? דאַרף מען זיך דען וווּנדערן, וואָס פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן נאָר די באָלשעוויקעס און די לינקע גרופּע פון די ס.־ר.־ן גערעדט מיט אַ פולן מויל און געגאָסן דעם צוטרוי פון די מאַסן?

מיר זענען שוין איצט ביכולת אונטערצופירן אַ שטיקל סך-הכל פון ערשטן קאָאַליציע-פּעריאָד אין דער רעוואָלוציע. די פראַגע וועגן זיין קריגס-פּאָליטיק האָט נאָך נישט אויפגע-

רודערט דאָס גאַנצע לאַנד (וועלכעס איז שוין געקוועלט געווען דורך פאַרגעפילן), אָבער פעטראָגראַד איז שוין געווען אויפגערודערט. די אַגראַר־פראַגע, די אַרבעטער־פראַגע, די נאַציאָנאַלע פראַגע, ווי אויך אנדערע האָבן שוין געהאַט טיף אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. די רעגירונג האָט נישט נאָר נישט פרובירט אָפּטעמפּן די שאַרפקייט פון דער לאַגע, נאָר זי גופא איז געווען דער מקור פון דער דאָזיקער פאַרשאַרפונג. איר פעלער איז געלעגן אין איר אייגענעם וועזן. דאָס איז געווען אַ רעגירונג, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין איין־איינציקע מעלה פון אַ איינהייטלעכער, אָבער דערפאַר אַלע חסרונות פון אַ קאָאַליציע־מאַכט. דאָס איז גיכער פאַר אַלץ געווען אַ קאָאַליציע פון פעלערן.

די דאָזיקע רעגירונג האָט קיינעם נישט באַפרידיקט. איר רעכטע העלפט — די קאַדעטן — האָט געמוזט שפּירן, אַז זי ווערט כסדר פאַרגוואַלדיקט אין אַ גאַנצער ריי פאַר איר הייליקע פראַגן, אַז, אַ חוץ דער רעגירונג, איז נאָך דאָ אַ צווייטע מאַכט — די ראַטן, — וועלכע ווירקט גאַנץ ממשותדיק. אמת, די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן נישט געוואָלט לאָזן אין גאַנג די דאָזיקע קראַפט, ווייל בלויז איין באַוועגונג אירע וואָלט געקענט אויפרייסן די קאָרטן־שטיבעלע פון דער קאָאַליציע, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אויף דער דאָזיקער קראַפט געקענט שטיצן, זיי האָבן זיך תמיד געקענט ווענדן צו איר נאָך הילף. פאַר אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט געשטרעבט אָפּצוהאַלטן דעם גאַנג פון רעוואָלוציאָנערן שאַפן, איז שוין די אָנוועזנהייט אַליין פון טשערנאָוו און צערעטעלי אין דער רעגירונג געווען אַ טיפע סתירה. אויב אָבער, אין תוך גענומען, איז עס געווען נישט אַזוי אַ קאָאַליציע, ווי אַ העגעמאָניע פון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, זענען, פון דער צווייטער זייט, אויך די לעצטע נישט געווען פריי אין זייערע האַנדלונגען. די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן געהאַט די העגעמאָניע, אָבער אײַנהאַלטן די גלייכגעוויכט מיט דער בורזשואַזיע איז געווען פאַר זיי שוין צו שטאַרק נויטווענדיק; זיי זענען געבונדן געווען דורך יענעם

גייסט פון קאָאַליציע, וועלכער האָט געלעבט אין זייערע פּאָליטישע פּלענער. דעריבער פּלעגן זיי שטענדיק צוטרעטן צו האַנדלונגען וועלכע זענען פון שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזיע נישט דערלאָזבאַר, זיי פּלעגן זיי אָבער נישט דורכפירן ביזן סוף, איבעררייסנדיק אינמיטן, כדי אונטערצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזיע. אַלס איניציאַטאָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק האָבן זיי זיך געפונען אין דער מאַכט פון דער קאָאַליציע. אַזאַ מין קאָאַליציע — און דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס — האָט געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווי מ'האָט פון איר דערוואַרט: זי האָט נישט צוגעצויגן צו זיך די ביידע קאָאַלירנדיקע צדדים, נאָר גלייכצייטיק אָפּגעשטויסן סיי איינעם, סיי דעם צווייטן. די בורזשואַזיע האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיט דער באַהאַנדלונג פון פאַרשיידענע פראַגן (דער פאַרבאָט פון ערד־מסחרים, באַגרעניצן די מאַכט פון פאַבריקאַנט, און „אַקטיווע" אויסערלעכע פּאָליטיק); די דעמאָקראַטיע ווידער האָט נישט שלום־געמאַכט מיטן אָפּשלעפּן זייער לייזונג.

די קאָאַליציע האָט נישט באַזייטיקט די „צווי־מאַכט־סיסטעם" פון דער ערשטער־צייַכע אין דער רעוואָלוציע; מערניט, דער אויסערלעכער ווײַמאַכט־צושטאַנד פון די ראַטן און פון דער רעגירונג איז איבערגעטראָגן געוואָרן אינעם אינערן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, פון טאַווריַשן פּאַלאַץ (דער ווין־אָרט פון די ראַטן) אין מאַריען־פּאַלאַץ (דער ווין־אָרט פון דער רעגירונג). בײַ איין רעגירונגס־טיש זענען געזעסן צוויי לאַגערן, פון וועלכע יעדער איינער האָט מורא געהאַט פאַרן צווייטן, זיך גערעכנט מיטן צווייטן און זיך קעגנזייטיק געשטערט. דאָס איז נישט געווען קיין פּאָליטישע צוזאַמענאַרבעט, וועגן וועלכער ס'האָבן געטרוימט די מענשעוויקעס און די רעכטע ס.־ר.־ן, נאָר אַ קעגנזייטיקער קלאַסן־שפּיאָנאַזש און אַ קעגנזייטיקער ווידערשטאַנד מצד ביידע צדדים.

דער ערשטער ראַטן-צוזאַמענפאַר און דער אַנגריף פונ 18-טן יוני

און די ראַטן? וואָס האָט אין יענער צייט געטאָן דער שומר פון די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען — דער פעטראָגראַדער ראַט? צי דען איז ער נישט געווען ביכלת צו חירקן אויף זיינע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, וועלכע זענען פאַקטיש געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים?

אויף דעם מוז מען ענטפערן, אַז זינט דעם אָנקום פון דער קאָאַליציע, האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון ראַט אַלס אַזעלכן. פון ראַט זענען אַוועק אין דער רעגירונג זיינע השפעה-רייכסטע פירער פון יענער צייט: צערעטעלי, סקאָבעלעוו, טשערנאָוו. דער ראַט האָט זיי צוגעזאָגט, און דורך זיי אויך דער גאַנצער קאָאַליציע-רעגירונג, זיין פולסטן צוטרוי און אונטערשטיצונג. מיט דעם גופא האָט ער זיך אויף דער העלפט צוגעשמידט צום מלוכהשן רייטוואָגן, געוואָרן אויף דער העלפט זיין שותף און, לכל הפחות, אויף דער העלפט צוגערויבט ביי זיך די פרייהייט פון קריטיק און פון זעלבשטענדיקע האַנדלונגען. דער פערזענלעכער בונד פון ד, ראַט-פירער מיט די קאָאַליציע - מיניסטאָרן האָט עקרדיק געמאַכט די אַרבעט פון ראַט. ער פלעגט זיך תמיד דערוויסן וועגן גרויסע פּאָליטישע אַקטן נישט ע ר ב, נאָר נ אָ ך זייער דורכפירונג. די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג פון דער רעוואָלוציע איז דעגראַדירט געוואָרן צו דער ראָל פון א צוהערנדיקער און אָפּשטימענדיקער א ו י ד י ט אָ ר י ע. דער ראַט האָט, אַזוי צו זאָגן, גענומען שפּילן די ראָל פון א לעבעדיקן אָ פּ צ י אָ ז פון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, וואָלט זייערע האַנדלונגען און די האַנדלונגען פון דער רעגירונג, וועלכע זענען פול געווען מיט קאָמפּראָמיסן און וואַקלענישן, פלעגן ווערן דערקלערט, אויפגעקלערט און צוגעפּאַסט צו דער רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע. אַלס ענטפער אויף דער קריטיק מצד די באָלשעוויקעס, דער לינ-

קער טייל פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און די מענ-שעוויקעס-אינטערנאציאָנאַליסטן (מארטאָווס גרופּע — די צייַ-טונג „נאָוואַיא זשיזן") פלעגן די מיניסטאָרן און זייערע פּאַר-טייען עקשנותדיק פּרובירן דערווייזן, אַז די קאָאַליציע אין די לעצטע פּאָליטישע קאָרס פון דער דעמאָקראַטיע, אַז נאָך איר מוז קומען די אַנאַרכיע און די צעפּאַלונג פון דער דעמאָקראַטיע. די אַרבעטער-און זעלנער-דעפּוטירטע פלעגט מען אין ראט אויפפאָדערן זיך פאַרלאָזן אויף זייערע מיניס-טאָרן און נישט אַריינמישן זיך אוממיטלבאר אין גאַנג פון די ענינים. דאַביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דאָס זענען אַלץ געווען פּאַרטייען, וועלכע האָבן בשעתו געהאַלטן, אַז פאַר דער דעמאָקראַטיע איז אוממעגלעך איינצוגיין אפילו אויף קאָאַליציע, ווייל זי גיט צו פרי איבער די מאַכט אין די הענט פון די מאַסן. איצט — אין דער צייט פון דער קאָאַליציע — האָבן די דאָזיקע פאַרטייען געטאָן אַלץ כדי נישט צו פאַר-ברייטערן די מאכט פון די מאסן. זייער עיקרדיקע זינד — די מורא פאַר מאַכט — איז געהאָנגען איבער זיי ווי א פאטום סיי דעמאָלט, סיי איצט.

ביי אַזא פירונג פון די פירער, האָט דער פּעטראָגראַ-דער ראַט נישט געקענט חירקן אויף זיי. אויפן זעלבן אופן האָט זיך אויפגעפירט דער אַלרוסישער פויערים-ראַט, בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען די סאַמע רעכטע און פּאָ-ליטיש-אומדרייסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָ-נערער פּאַרטיי. די פּאָליטישע פאַרבלאָזיקייט פון די פוי-ערישע דעפּוטאַטן האָט נאָך פאַרלייכטערט די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען זיי (מיט דעם דעמאָלט קליינעם אויסנאַם פון די, וועלכע האָבן געהערט צום לינקן פליגל פון דער סאָצ.-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי) אין אַ געהאָרכזאַמען כלי-זין אין די הענט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דער קאָאַליציע-אידעע.

ווי-זשע זעט אויס אין יענער צייט דער גורל פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג? געדענקט נאָך ווער אין איר? אין

דער דעקלאַראַציע פון דער קאָאַליציע־רעגירונג פון 6־טן מאַי איז געזאָגט געוואָרן: „די רעגירונג האַלט פאַר נויטווענדיק, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל צענויפגערופן ווערן וואָס שנעלער". און דאָס איז געלץ.

די בורזשואַזע קלאַסן זענען ניש געווען פאַראינטערעסירט, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל שנעל צענויפגערופן ווערן. אָפּשלעפּן אַלע רעפאָרמען „ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג" איז געווען פאַר זיי דער בעסטער טאַקטישער מיטל. און אנשטאָט צו באַשטימען שנעל אַ טערמין און פאַרעפנטלעכן די נאָרמען פונם וואַל־רעכט, וואָס זיינע פרינציפּן זענען באַשטעטיקט געוואָרן נאָך דעם 2־טן מערץ, איז די רעגירונג אוועק מיט אַ גאַנץ אַנדער וועג. זי האָט באַשלאָסן, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט צענויפגערופן ווערן אויפן גרונט פון יענע וויילער־רשימות, וועלכע וועלן צענויפגעשטעלט ווערן דורך די נייע שטאָט־דומעס און זעמסטוועס, ד. ה. נאָכדעם ווי ס׳וועלן דורכגעפירט ווערן די דאָזיקע אַלע וואַלן. דאָס האָט אָפּגעלייגט דעם ענין אויף אַ שיינע פּאָר חדשים. חוצדעם איז צענויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען וועלכע האָט לאַנג און וויסנשאַפטלעך אויסגעאַרבעט די נאָרמען פונם וואַל־רעכט. אמת, וואַלן פאַר אַזאַ קאָלאָסאַל לאַנד, ווי רוסלאַנד, ביי דער באַטייליקונג פון דער אַרמיי און ביי דער אָנווענדונג פון אַלע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען (אַלגעמיינקייט, פּראָפּאָרציאָנעלקייט) האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קאָלאָסאַלע, נאָך קיינמאָל נישט געוועזענע אונטערנעמונג. און פונדעסטוועגן האָט מען נישט געטאָרט פאַרשלעפּן די וואַלן צוליב פאַרשידענע מאָטיוון. די יאָגעניש נאָך פאָרמעלער אָפּגעפאַקטקייט און נאָך דער גענויקייט פונם וואַל־געזעץ האָט געשמעקט מיט סכנה פאַרן גאַנצן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. מ׳האָט געקענט און געדאַרפט מקריב זיין די פּינקטלעכקייט און די אָפּגעפאַקטקייט פון דעם וואַל־פּראָצעס, כּדי וואָס שנעלער צענויפצורופן יענע רעוואָלוציאָנערע אינסטיטוציע, אויף

וועלכער איינע האָבן געוואָרט מיט פחד, און אַנדערע — מיט האָפנונג. און דאָס וואָס די אָנפירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך צו פיל אָפּגעגעבן מיט דער פאָרם פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויפן חשבון פון איר עקסיסטענץ גופא איז בלי ספק געווען איינער פון זייערע פיל פאַטאַלע פעלערן. דאָ האָט זיך בולט אַרויסגעשטעלט די שלעכטע ווירקונג פון דער פאָרמעלער אידעע פון דער דעמאָקראַטיע, אַלס אַזעלכער, אויף די מוחות פון די דעמאָקראַטיקע פירער. אויף זייערע אַקאַדעמישע באַראַטונגען האָבן זיי פלייסיק אויסגעאַרבעט מיטלען, כדי בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע זאָלן אפילו פינף פראָצ. פון דער באַפעלקערונג נישט פאַרלירן זייער השפעה, אָבער אַ דאַנק דעם דאָזיקן פלייס האָבן זיי גופא פאַרלאָרן כמעט זייער גאַנצע השפעה אויף די געשעענישן. דאָ האָט, אפשר, געשטעקט אַ סך רעוואָלוציאָנערע זיטן־ריינקייט, אָבער דערפאַר איז אין דעם געווען צו ווייניק רעוואָלוציאָנערע חכמה.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז אָנהויב יוני געעפנט געוואָרן דער 1־טער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרענדיקן פאַרן גאַנצן לאַנד דעם אָרגאַניזירונגס־פּראָצעס פון די אַרבעטער־און־זעלנער, אַזוי ווי דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן בנוגע די פויערים. דער פּעטראָגראַדער ראַט האָט געדאַרפט אָפּטרעטן זיין אָרט פאַרן צענט. אויספיר־קאָמיטעט. אין הסכם צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער גרופּירונג אין לאַנד, האָט די איבערוויגנדיקע מערהייט דעלעגאַטן געהערט צו די מענשעוויקעס און רעכטע ס.־ר.־ן. די לינקע אָפּאָזיציע איז געווען אין דער מינדערהייט. אַזוי אַרום האָט די פּאָליטיק פון פּעטראָגראַדער ראַט און פון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן געדאַרפט אָן שום באַוואָרענישן באַשטעטיקט ווערן. אָבער אַרויסגעשטעלט האָט זיך גאַנץ אַנדערש. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט שוין גאַנץ אָפן אויפגעדעקט יענע אַלע פּאָליטישע הלוקי־דעות, וועלכע זענען גע־

לעגן פֿאַרבאָרגן אין די טיפֿענישן פֿון דער דעמאָקראַטיע און וועלכע ס'איז באַשערט געווען זיך אָפּצוּוויקלען ביזן סוף אין ווייטערדיקן גאַנג פֿון דער רעוואָלוציע. די באַראַטונג פֿון די ראַטן אין אַפּריל האָט זיך נאָך געפֿונען אונטערן איינדרוק פֿון די ערשטע רעוואָלוציע-וואָכן, ווען זי האָט אָפּגעהאַלטן באַצויבערנדיקע נצחונות. אין יענעם פּעריאָד האָט די דעמאָקראַטיע זיך געפֿונען אין איר אָרגאַניזירונגס-פּעריאָד, זי פֿלעגט אויסמיידן סכסוכים, און אַפֿילו אַרויסגעוויזן די פֿעיקייט אָנצונעמען איינשטימיק איינע פֿון די עיקרדיקע רעזאָלוציעס. אָבער איצט, אָנהייב יוני, האָט זי שוין געהאַט איבערגעלעבט אייניקע ענטוישונגען, זי האָט שוין געזען פֿאַר זיך אַ פֿעסטע וואַנט פֿון דער בורזשואַזער קאָנטר-רעוואָלוציע, זי האָט שוין אַפֿילו געהאַט איינגעזען די אויסזיכטסלאָזיקייט פֿון איר פּרווו אָנטייל-צונעמען אין דער רעגירונג. די דעבאַטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָבן בולט אַרויסגעוויזן די אַנטוישונג פֿון דער ראַדיקאַלער טייל פֿון דער דעמאָקראַטיע, איר אומצופֿרידנקייט מיט דער געשאַפֿענער לאַגע און אירע זעלבשטענדיקע זוכענישן פֿון נייע וועגן.

כאָטש די מערהייט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָט געהערט צו די מעסיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז אָבער דאָך די פּאָליטישע קראַפֿט פֿון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען שוין געווען אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע אַרבעט פֿון צוזאַמענפֿאָר איז געווידמעט געווען דער פּאָליטיק און דער אָפּגרענעצונג פֿון זיי — פֿון די באָלשעוויקעס און דעם לינקן טייל סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן. אויב אויף דער אַפּריל-באַראַטונג פֿון די ראַטן האָט די אָפֿיציעלע אידעאָלאָגיע פֿון פּעטראָגראַדער ראַט פֿריי דאָמינירט (די רעזאָלוציע וועגן מלחמה איז דורכגעגאַנגען מיט אַ מערהייט פֿון 325 שטימען קעגן 57!), האָט זי איצט געמוזט איבערגיין צו פֿאַרטיידיקונג, און די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן בוכשטעבלעך זיך „פֿאַרטיידיקט" פֿון די אָנפֿאַלן מצד לינקס. אויף דער זייט פֿון דער מערהייט איז געווען די קראַפֿט פֿון שטימען, אויף דער זייט פֿון דער אָפּאָזיציע — דער באַ-

וווסטזיין פון זייער השפעה אין לאַנד און די איבערצייגנדיקע אַרגומענטאַציע.

עס זענען געווען אַ סך פּונקטן, ווו די וועגן פון דער דעמאָקראַטיע פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין, און דער אָנגריף אויף דער קאָאַליציע־רעגירונג איז געפירט געוואָרן אויפן גאַנצן פראָנט פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק. ס׳איז אָבער געווען זייער נאַטירלעך, וואָס דער עיקרדיקער שטרייט איז אָנגעגאַנגען וועגן קאַמף פאַר שלום. דער דאָזיקער קאַמף האָט געדאַרפט געפירט ווערן אין צוויי ריכטונגען: ס׳איז נויטווענדיק געווען מיט די אָנשטרענגונגען פון די ראַטן צענויפצורופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון סאָציאַליסטן און ס׳איז נויטיק געווען מיט דער הילף פון דער רוסישער רעגירונג משפּיע זיין אויף די פאַרבינדעטע מלוכות, זיי זאָלן ברענגען אין הסכם זייערע מלחמה־צילן מיט די רוסישע. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פאַרשלעפּטע קרענק. די צווייטע איז אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אָפּהענגיק געווען פון רוסלאַנד. וואָס־זשע איז געטאָן געוואָרן אין דער דאָזיקער הינזיכט? עטלעכע טעג פאַרן צוזאַמענפאָר האָט די רעגירונג, אַלס ענטפער אויף אַ נאָטע פון די פאַרבינדעטע, מודיע געווען, אַז זי שטעלט זיך פאַר אַ ציל צענויפצורופן אַ קאָנפערענץ פון די פאַרבינדעטע גרויס־מאַכטן, „ווען עס וועלן געשאַפן ווערן גינסטיקע באַדינגונגען”. אויסערלעך איז די דאָזיקע פאָרמולירונג געווען אַ טריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די צוזאָגן פון 6־טן מאַי, אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַררופן זיך אויף „גינסטיקע באַדינגונגען” האָט זי געמאַכט ווערטלאָז. ווען די רעדנער פון לינקס האָבן אָנגעוויזן אויפן דאָזיקן שוואַכן פּונקט, פלעגן סקאָבעלעוו, צערעטעלי, טשערנאָוו נאָך דער ריי נאָך געבן דערקלערונגען, וועלכע האָבן דערוויזן די האָפנונגסלאָזיקייט פון דער לאַגע. „איר האָט בדעה צענויפצורופן אַ קאָנפערענץ תיכף־ומיד? — האָט געפרעגט סקאָבעלעוו. אָבער מיט וועמען? מיר האַלטן, אַז אַ קאָנפערענץ מיט פאָרשטייער פון די פאַרבינ־

דעטע מלוכות קען בלויז דאַן פירן צו פּאָזיטיווע רעזולטאַטן בנוגע רעווידירן די אָפּמאַכן אין זין, וואָס איז ווינטשנסווערט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די דעמאָקראַטיע פון די פאַרבינדעטע לענדער וועט זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן די אויפגאַבעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ווען מיר ריידן וועגן „גינסטיקע באַדינגונגען" האָפן מיר, אַז די דאָזיקע באַדינגונגען וועלן געשאַפן ווערן נישט נאָר דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר אויך דורך די דעמאָקראַטיעס פון די פאַרבינדעטע לענדער". — „הייסט עס, אַז די קאָנפערענץ ווערט נישט צעגויפגערופן תיכף, נאָר זי ווערט אויף ווער־ווייס־ווען אָפּגעלייגט?" האָט דעמאָלט אויך גערעדט טשערנאָוו. — „יאָ, חברים, זי ווערט אָפּגעלייגט, זי וועט נישט פאָרקומען גלייך מאָרגן... ס'איז לחלוטין נישטאָ קיין שום נויטווענדיקייט צו באַוועגן זיך שנעלער אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג, ווי מיר זענען ביכלת צו גיין אויפן וועג פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע מעשים", — „מ'זאָגט, אַז מיר דאַרפן צואײַלן די קאָנפערענץ — האָט דאַן איבערגעחזרט אויך צערעטעלי, — שטעלן די פאַרבינדעטע אַן אולטימאַטום, זיך אָנשטויסן אויף אַן אָפּזאָג און איבעררייסן מיט זיי. דערפאַר האָבן מיר קיין מורא נישט—מיר האָבן מורא פאַר דער נויטווענדיקייט צו שטיין פּנים אל פּנים מיט אַ סעפּאַראַטן שלום און זײַנע פּועל־יוצאס".

די דאָזיקע פאָרמול וועגן אַ סאָציאַליסטישער אַקציע פאַר דער רעגירונגס־אַקציע, האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אָפּרוקן די צונויפרופונג פון דער קאָנפערענץ פון די פאַרבינדעטע מלוכות און דעם קאַמף פאַר איר מצד דער רוסישער רעגירונג ad kalendas graecas. פאַקטיש האָט זי נאָר געטאָן אַ טובה דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט פאַרשלעפּט די מלחמה. און וועגן דעם, אַז דער דרוק, די קאָמפּליקטן און די דעמאַסקירונג פון די פאַרבינדעטע וואָלטן געקענט פאָרמולירן די סאָציאַליסטישע אַקציע, האָט מען וואַרשײַנלעך מורא געהאַט אפילו צו טראַכטן. און מ'דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז די

דאָזיקע קאָנפערענץ פון די גרויסמאַכטן, ווען זי זאָל אפילו פאָרקומען, וואָלט מיט זיך אַליין פאָרגעשטעלט בלויז איינעם פון די ציינדלדיקע רעדעלעך אין יענעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער וועלט-פּערספּעקטיוו, וועלכער האָט געדאַרפט דערפירן צו שלום.

צי איז אָבער געווען לעבנספעיק ביי די דאָזיקע פירער די אידעע גופא וועגן א סאָציאַליסטישן דרוק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע? וואָס איז דערצו געטאָן געוואָרן?

קודם כל איז געווען א גוטער גרונט צו צווייפלען אין דער מעגלעכקייט גופא צוצוגרייטן דעם דאָזיקן דרוק. די קאָאַליציע-רעגירונג און איר סאָציאַליסטישע העלפט זענען דאָך געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט און זיך צענויפגערעדט (און — ווי מיר הייסן — צוגעגרייט אַן אָנגריף) מיט די אָפיציעלע פאָרשטייער פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן, ד. ה. זיי האָבן פאַקטיש געשלאָסן אַ בונד מיט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. טאָ ווי אַזוי־זשע האָט מען גאָר געקענט טראַכטן, אז הינטער זייערע פּלייצעס, אָדער — און דאָס איז נאָך לעכערלעכער, — מיט זייער שטילן הסכם וועט מען גלייכצייטיק קענען צוגרייטן קעגן זיי אין די קריג-פירנדיקע לענדער א באַוועגונג, אַ דרוק און אַז. וו.?

לאָמיר אָבער לאָזן אין א זייט די דאָזיקע לאָגישע באַטראַכטונג. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט מען געהאלטן ביים צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטן אין סטאָקהאָלם. וואָס האָט מען געקענט דערוואַרטן פון איר?

אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן געדאַרפט אָנטייל-נעמען (וואַרשיינלעך אלס מערהייט) פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַל-פּאַטריאָטישע פּאַרטייען ד. ה. פּאַרטייען, וועלכע ווילן נישט צעברעכן דעם „בירגער-שלום" ביי זיך אין לאַנד, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע פאַרטיידיקן אונטערן לאָזונג פון „לאַנד-פאַרטיידיקונג" די אינטערעסן פון זייערע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. האָט מען דען אויף איין מאָמענט געקענט האָפן, אַז

די דאָזיקע סאָציאַל-קלעמאַנסיסטן, אָדער סאָציאַל-ווילסאָניסטן וועלן מאַכן דעם נויטיקן דרוק אויף זייערע רעגירונגען?

ס'איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פֿירער פֿון פּעטראָגראַדער ראַט וואָלטן געקענט אויסרעכענען אויף געוויסע דערגרייכונגען אויך פֿון דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ, ווען... ווען ס'וואָלטן געווען האָפֿנונגען, אַז זי זאָל צענויפֿגערופֿן ווערן. אָבער אַזאַ האָפֿנונג איז נישט געווען. די דײַטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (די מערהייט און די מינדערהייט) זענען געווען אין סטאָקהאָלם, אָבער די פֿאַרבינדעטע גרויסמאַכטן האָבן געמאַכט שוועריקייטן זייערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צוערשט זענען נאָך די דאָזיקע שטערונגען געווען קליין און נישט באַמערקבאַר (ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דירעקטן אָפּזאָג אַרויסצוגעבן פּעסער), אָבער דעם דורכפֿאַל פֿון דער קאָנפֿערענץ, אָדער איר פּאָטאַלע פֿאַרשלעפּונג האָט מען בײַ אַזעלכע באַדינגונגען געקענט פֿאָרויסזען.

אָט ווי טרויעריק ס'האָט געהאַלטן מיט דער „סאָציאַליסטישער אַקציע".

די מאַכטלאָזיקייט פֿון דער רעוואָלוציע אויפֿן פֿערטן חודש פֿון איר עקסיסטענץ האָט גאָר בולטער נישט געקענט אַרויסגעשטעלט ווערן! קיין אויגן-רײַסנדיקערן באַווײַז פֿאַרן באַנקראָט פֿון דער קאָאַליציע-מאַכט האָט מען זיך גאָרנישט געקענט פֿאָרשטעלן! צו אַזעלכע אויספֿירן זענען געקומען נישט נאָר די באָלשעוויקעס און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן פֿון לינקן פֿליגל, נאָר אויך מאַרטאָוו, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פֿון די מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן.

די ווילנלאָזיקייט פֿון דער מאַכט איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין אַלע פֿראַגן פֿון עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד: אינם מאַנגל פֿון אַנטשלאָסנקייט צו נעמען אין די אייגענע הענט דעם אמתן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און קאָנסומציע, צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף די רעכט פֿון סוחרטום און אינדוסטריעלע. זי פֿלעגט אויך קומען צום אויסדרוק אין

דער אומפעיקייט זיך אַן עצה צו געבן מיט דער סכנה, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון רעכטס. די דאָזיקע סכנה פון קאָנטער־רעוואָלוציע איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער אַגיטאַציע פון די בורזשואַזע פּאַרטייען, מיט דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט דער ווילדער פּאַרפאָלגונג פון לינקע סאָציאַליסטן. זי איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער דומע, וועלכע האָט אויפגעלעבט נאָך די ערשטע חדשים פון הינער־פּלעט; זי האָט גרופּירט אַרום זיך די בורזשואַזע כחות פון לאַנד און אפילו ארויסגעלאָזן אויפרופן צו דער אַרמיי און צום פאָלק. דאָ האָבן געפונען אַ מקום־מקלט די אַלע, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געגעבן דימיסיע. דאָ האָט מיליוקאָוו ווייטער אַנטוויקלט זיינע אימפּעריאַליסטישע פּלענער, פון דאַנעט האָט ראָדזיאַנקאָ נאָך דעם 3־טן יוני אויפגעפאָדערט די מיטגלידער פון דער דומע „צו זיין גרייט, ווייל אינגיכן וועט קומען די צייט פאַר זיי, זיך אַריינצומישן אין לעבן פון לאַנד". דערביי האָט דער לינקער טייל פון צוזאַמענפאָר פאָרגעלייגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל תיכף צו באַזייטיקן די דומע. אָבער אויך אויף דער דאָזיקער פאָדערונג האָבן די אָפיציעלע פירער מיט אַלערליי מיטלען אויסגעמיטן צו געבן א קלאָרן ענטפער. סקאָבעלעוו האָט גערעדט מיט פאַראַכטונג: „די רעוואָלוציע איז פאַרבייגעגאַנגען די דומע און זי פארגעסן". טשערנאָוו האָט אָנגערופן די דומע: אַ פאַרזאַמלונג פון בר־מינדס, פאַר וועלכע ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. און דאָך האָבן די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן נישט געקענט פועלן, מ'זאָל די דאָזיקע בר־מינדס באַגראָבן. ווען ס'איז געקומען צום אָננעמען אַ באַשלוס, האָט דער צוזאַמענפאָר, לויט דער אָנווייזונג פון די מעסיקע און שרעקעוודיקע פירער, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט „איינגעלאַדן" די רעגירונג אַ סוף מאַכן מיט די אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס, ער האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך זיי תיכף צו ליקווידירן.

ביי דער דאָזיקער פראַגע פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, ווי ביי דעם קאַמף פאַר שלום, איז צום בולטסטן ארויסגעטראָטן

דער הויפּטפעלער פון די אָנפירנדיקע פּאַרטייען. פּונקט ווי דער היפּנאָז פון אויסערלעכער קאָאַליציע (ד. ה. מיט די פאַרבינדעטע גרויסמאכטן) האָט זיי געשטערט, האָט פּאַראַליזירט זייער ווילן צו ווירקן אַנטשלאָסן אויף די פאַרבינדעטע רעגירונגען, אַזוי האָט אויך דער היפּנאָז פון אינערלעכער קאָאַליציע (ד. ה. מיט דער היימישער בורזשואַזיע) זיי געשטערט פאַנאַנדערצולאָזן אפילו אַזאַ היסטאָריש-אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע ווי די דומע.

וואָס-זשע איז נויטיק געווען צו טאָן אָנשטאָט דעם? צי האָט די לינקע דעמאָקראַטיע פאַרגעלייגט אירע אייגענע מיטלען, כדי צו ראַטעווען די לאַגע? אָדער זי האָט זיך בלויז באַנוגנט מיט קריטיק?

ניין, זי האָט פאָרגעלייגט אירע אייגענע מיטלען — און אין דעם איז געלעגן איר קראַפט. אמת, מאַרטאָוו האָט בלויז פאָרגעלייגט צו פאַרשטאַרקן די השפּעה פון די ראַטן אויף די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן; ער האָט בלויז דערמאָנט, אַז די גאַנצע מאַכט דאַרף נישט זיין קאָנצענטרירט ביי דער רעגירונג, אַז, אַדרבה, זי דאַרף „שפּירן איבער זיך, ווי אַ האַמער, די שווערע האַנט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, וועלכע זאָגט צו איר: „אָדער פאָרויס, — אָדער — אַראָפּ פון וועג!" אָבער ער האָט נישט אַריינגעטראָגן קיין קאָנקרעטן פאָרשלאַג וועגן אָרגאַניזירן די מאַכט.

דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן פאָרגעלייגט די באָלשעוויקעס. טראָצקי האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ „איינהייטלעכער רעגירונג", וועלכע זאָל באַדיי באַשטיין פון „צוועלף פּעשעכאָנאָוס", אָבער דערפאַר איינהייטלעכע. די דאָזיקע ביייע רעגירונג, וועלכע וועט אויסגעטיילט ווערן דורך די ראַטן, וועט, ענדלעך, קענען נעמען אויף זיך צו לייזן אַלע פראַגן, אויף וועלכע עס מאַטערט זיך אין איר אָנמעכטיקייט די קאָאַליציע-רעגירונג. מ'האָט געקענט דערוואַרטן, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, געניסנדיק באמת דעם צוטרוי פון די מאַסן, וועט קענען מאַכן אַ רעאַלן דרוק אויף די פאַרבינדעטע רעגירונגען,

כדי זיי דערגענטערן צו דער אויסערלעכער פאָליטיק פון רוס־לאַנד. דאָס איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון מארטאָוון, למשל. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז גראָד אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס האָט אָן קאַטאָוועס איבערגעריסן אין רוסלאַנד גופא מיט דער בורזשואַזיע און מיט די אפּעטיטן פון די „פאַרבינדעטע", — אַז אַזאַ רעגירונג וועט האָבן אַ ממשותדיקע ווירקונג אויף דער דעמאָקראַטיע פון די פאַרבינדעטע לענדער, און איר נענטער מאַכן דעם געדאַנק איבערצורייסן מיטן „בירגער־שלום" ביי זיך (צוציען איר דער־צו אפילו קעגן ווילן פון אירע סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּאַרטייען). דאָס איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון די באָלשעוויקעס און דער לינקער טייל פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו ווירקן אומ־מיטלבאַר אויף די רעגירונגען, וועלכע האָבן אָבער שאַרף אָפּ־געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום. דייטשלאַנד האָט גראָד דעמאָלט פאָרגעלייגט אַ סעפּאַראַטן שלום. קעגן אַזאַ שלום איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון די באָל־שעוויקעס קאַמענעוו. אָבער אויך די אינערלעכע פּאָליטיק פון רוסלאַנד וואָלט געקענט ווערן שפּעריש, ווען בראש פון דער רעוואָלוציע זאָל שטיין אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וועלכער די אַרבעטנדיקע קלאַסן פון לאַנד וועלן גלויבן און איר אויף אַן אמת אונטערשטיצן. לונאַטשאַרסקי האָט אפילו פאָרגעשטעלט אַ געוויסע פּראָיעקט, ווי אַזוי צענויפצושטעלן אַ נייע סאָציאַליס־טישע רעגירונג, אַ רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט אין צענטער און ראַטן אויף די ערטער. דאָס איז שוין געווען אין אַלע איינצל־הייטן דער פּראָיעקט פון דער קומענדיקער ראַטן־מלוכה.

אויפן זעלבן צוזאַמענפאָר איז געשען נאָך עפּעס וויכטי־קערס. די לינקע דעמאָקראַטיע האָט נישט נאָר פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט: זי האָט שוין אָנגעמאָסטן אויף זיך די רעגירונגס־קליידער, זי האָט זיך שוין אַליין געגרייט איבערצונע־מען די מאַכט. אין זיין רעדע האָט לענין דערקלערט, אַז ער און זיין פּאַרטיי זענען יעדע מינוט גרייט איבערצונעמען

די מאַכט אין זייערע הענט. און כאָטש די אָפיציעלע רעדנער פון רעכטס האָבן געהאַלטן פאַר נישט אָננעמבאַר די דאָזיקע דערקלערונג, פונדעסטוועגן האָט מען געמוזט איינזען די רעאַלע שייכות צווישן מאַרטאָווס קריטיק, טראָצקיס און לונאַטשאַרסקיס פּראָיעקטן און לעניגס ווילן צו מאַכט. דערמיט אַליין איז אויפן צוזאַמענפאָר נישט נאָר צעשמעטערט געוואָרן די קאָרטן־שטיבעלע פון דער קאָאַליציע, נאָר עס האָבן זיך שוין אויך אָנגעצייכנט די קאָנטורן פון אַ נייעם בנין, וועלכער וועט פאַרגעמען איר אָרט.

און די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? וועלכע ראָל איז אויף איר אויסגעפאַלן אין דאָזיקן באַדייטונגספולן מיינונגס־קאַמף אויפן צוזאַמענפאָר?

סיי טשערנאָוו, סיי סקאָבעלעוו און אַנדערע האָבן זיך אויף איר בסדר פאַררופן. אַלע ענדערונגען פלעגן זיי אָפּוואַרפן, טאַקע אָפוואַרטנדיק איר צענויפרופונג. אָבער זייער פּאָזיציע איז געווען הילפלאָז אויך אין דער דאָזיקער פראַגע, ווייל זיי האָבן נישט געקענט מעלדן דעם צוזאַמענפאָר דעם טערמין ווען זי וועט צענויפגערופן ווערן: זיי האָבן אים דאָך אַליין אויך נישט געוווסט. און דעריבער האָט זיי מאַרטאָוו געקענט דערקלערן, „אַז די ווייטערדיקע פאַרשלעפּונגען פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג מוזן אויפהערן", אַז זיי דאַרפן באַשטעטיקן, דאָס „די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז נישט קיין שיינע לעגענדע, אין וועלכער ס'רעדט זיך וועגן עפּעס אַ ווייטן, אין־סופיק ווייטן מאָמענט פון רעוואָלוציע, נאָר דאָס איז דער נאָנטסטער פּאָליטישער אַקט פון דער צייטווייליקער רעגירונג". ס'איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס נישט די פירער פון די מעסיקע פאַרטייען, וועלכע האָבן געזעצן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַן אויסוועג פון דער שווערער רעוואָלוציע־לאַגע, האָבן מיטגעהאָלפן צו באַשטימען דעם טערמין פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. נאָר דאָס האָט אויסגעווירקט טאַקע דער דאָזיקער ראַטן־צוזאַמענפאָר. בלויז די געהעכערטע פּאָליטישע טעמפּעראַטור פון צוזאַמענפאָר און די געשעענישן, וועלכע האָבן אים באַ־

גלייט, בלויז די אָפּאָזיציע אויפן צוזאַמענפאָר, און נישט דער נאָרמאַלער אַרבעטס־טעמפּ פון דער קאָאַליציע־רעגירונג האָבן געבראַכט דערצו, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז ענדלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ נאַקעטער אידעע אין אַ ממשותדיקע רעאַליטעט.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויך דאָ האָט די אָפּיציעלע רעזאָלוציע נישט געזאָגט זאָגן אַ קלאָר וואָרט. אין דער צייט, וואָס די רעזאָלוציע פון מאַרטינאָוון (אַ מענשעוויק־אינטערנאַציאָנאַליסט), למשל, רעדט וועגן דעם, אַז „דער צוזאַ־מענפאָר פאָדערט פון דער צייטווייליקער רעגירונג זי זאָל צע־נויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נישט שפּעטער פון 1-טן סעפּ־טעמבער”, האָט די רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס און רעכטע ס.־ר.־ן, וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, דערקלערט, אַז „דער צוזאַמענפאָר פאָדערט וואָס שנעלער צענויפצורופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג”. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער באַ־אומרויקנדיקער האַלטונג פון פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט, דעם 14־טן יוני, האָט די רעגירונג, ענדלעך, באַשטימט דעם טערמין פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויפן 17־טן סעפּטעמבער.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דעם זעלבן כאַראַקטער האָבן געטראָגן אויך אַלע אַנדערע עיקרדיקע רעזאָלוציעס. די רעזאָלו־ציע פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז „די גאַנצע מלוכה־מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון אַלרוסישן ראַט פון די אַרבעטער־זעלנער־ און פּויערים־דעפּוטירטע”, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן (געשטימט פאַר האָבן נאָר די באָלשע־וויקעס און די לינקע ס.־ר־ן). מיט אַ מערהייט פון 543 שטי־מען קעגן 126, ביי 52 אָפּגעהאַלטענע, איז דורכגעגאַנגען די רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס און רעכטע סאָצ. רעוו., וועל־כע האָט געגעבן אַ הסכמה אויף דער סיסטעם פון קאָאַליציע־מאַכט, וועלכע האָט איר פאַרגעלייגט „עקשנותדיק שטרעבן צו אַ וואָס שנעלערער דערגרייכונג פון אַלגעמיינעם שלום” און וועלכע האָט אויפגעפאָדערט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע דעמאָ־קראַטיע פון רוסלאַנד ענערגיש אונטערצושטיצן די צייטווייליקע

רעגירונג אין איר גאַנצער טעטיקייט. נישט נאָר דער זין, נאָר די שפּראַך גופא פון דער הויפּט-רעזאָלוציע האָט עדות געזאָגט, אַז די מעסיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַרמאַכן עקשנותדיק די אויגן אויף דער דערפאַרונג, וועלכע דער חודש קאָאַליציע-פּאָליטיק האָט געגעבן. דאָס איז געווען אַן אָפיציעלער דאָקומענט פון פאַטאַלער פּאָליטישער בלינדקייט.

דער ערשטער ראַטן-צוזאַמענפאָר האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט פּאָליטישע רעדעס און רעזאָלוציעס. בעת זיינע אַרבעטן האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז נעבן דער אָפיציעלער רעוואָלוציע עקסיסטירט אויך אַ רעאַלע רעוואָלוציע. אין דער צייט, וואָס אויפן צוזאַמענפאָר האָבן די פירער פון די מעסיקע פּאַרטייען געהאַלטן פאַר זייער הויפּט-אויפגאַבע אָפּצוגרענעצן זיך און דאָס פאָלק פון די לינקע עלעמענטן, אויפצופאָדערן אים צו זיין רויק און אָפּצוואַרטן — זענען די פּעטראָגראַדער אַרבעטער, ווי ס'שיינט, נישט געווען געניגט צו אַזאַ פירונג. דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט דעם 10-טן יוני.

די פּעטראָגראַדער אַרבעטער האָבן זיך צוגעקוקט צום דאָזיקן צוזאַמענפאָר און געזען אין אים בלויז אַ פאַרגרעסערטע קאָפּיע פון זייער פּעטראָגראַדער ראַט. דיזעלבע פּאַרטיילונג פון ליכט און שאָטן, דיזעלבע קעגנזייטיקע באַציונגען פון „העלדן“ און „המון“. און זיי האָבן זיך פון אים אָפּגעטרייסלט.

אויפן רוף פון די באָלשעוויקעס האָבן זיי זיך דעם 10-טן יוני געגרייט צו דעמאָנסטרירן זייער ווילן פאַרן צוזאַמענפאָר קעגן די באַשלוסן טאַקע פון זעלבן צוזאַמענפאָר. די דעמאָנסטראַציע האָט געזאָלט זיין אַ באַוואָפנטע. די פירער פון צוזאַמענפאָר האָבן פאַרלאָרן דעם גלייכגעוויכט. די סיבה פון זייער צעמודערונג איז געווען די סעפּאַראַטקייט, די קאָנספּיראַציע פון דער דאָזיקער געגרייטער אַרויסטרעטונג, איר אומגעריכטקייט פאַרן צוזאַמענפאָר. אַזוי יעדנפאַלס האָבן די פירער אָפיציעל געשטעמפּלט די דאָזיקע אָנקומענדיקע דעמאָנסטראַציע.

ווען מ'דערמאָנט זיך אָבער, אַז אויף דעם 21־טן אַפּריל האָט די פּעטראָגראַדער דעמאָקראַטיע דעמאָנסטרירט אָן דעם ווּיסן און אָן דער אָנפירונג פון ראַט, און דער ראַט האָט זיך דעמאָלט גאָרנישט איבערגעשראָקן פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג, ווען מען מוזן איינזען, אַז די סיבות פון דער באַאומרויקונג זענען געלעגן אַ סך טיפער. יענעם מאָל איז דאָס פאָלק אַרויסגעטראָטן אַליין, סטיכיש און נאַטירלעך, נישט אונטער דער פאָן פון אַ וועלכער נישט איז איין פּאַרטיי, און אין דער אַרויסטרעטונג האָט מען געקענט זען בלויז אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשפּעטיקטער רעאַקציע פון ראַט אויף די געשעענישן (מיליוקאָווס נאָטע), אָבער נאָך ווייט נישט קיין שפּאַלטונג אין דער דעמאָקראַטיע גופא. אגב, האָט זיך דער ראַט סאָלידאַריזירט מיטן זין פון יענער אַרויסטרעטונג. אָבער איצט איז די באַוועגונג פון די מאַסן פאָרגעקומען אונטערן צייכן פון איין פּאַרטיי — פון די באָלשעוויקעס; און דאָס האָט שוין באַדייט אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער דעמאָקראַטיע, דאָס האָט אונטערגעריסן דעם אויטאָריטעט פון צוזאַמענפאָר און פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די ראַטן, וואָס איז דורך אים געשאַפן געוואָרן.

מיט קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרמיידן די דעמאָנסטראַציע פון 10־טן יוני. אָבער די דאָזיקע געשעעניש האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו פאַרשטיין די אומצופרידנקייט פון די מאַסן. נאָכדעם ווי די מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר האָבן באַזוכט די פאַבריקן און קאַזאַרמעס, איז זיי קלאָר געוואָרן, ווי ווייט די מאַסן זענען אויפגעבראַכט סיי אויף דער קאָאַליציע־רעגירונג, סיי אויפן איצטערדיקן קורס פון די ראַטן. דער אָפּגרונט צווישן די אָפיציעלע פירער און די מאַסן האָט זיך אויפגעמאַכט פאַר אַלעמענס אויגן. און ווען דער צוזאַמענפאָר האָט אויפן 18־טן יוני אַליין באַשטימט אַ דעמאָנסטראַציע פון „געאייניקטן פראָנט פון די רעוואָלוציאָנערע כחות", האָט ער אויך איר באַקומען זיין צווייטע אָנשווילעכע לעקציע. מאַסן, וועלכע האָבן געהערט צו די הערשנדיקע פּאַרטייען,

זענען געקומען אין אַ גאַנץ קליינער צאָל; פֿון דעם האָט מען געמוזט ציען אַ שלוס, אַז זיי זענען באַהערשט פֿון מוטלאָזי־קייט. אַ באַלעבונג איז בלויז געווען צו באַמערקן אויפֿן צווייטן פּאָליוס פֿון דער דעמאָקראַטיע, אין די באָלשעוויסטישע רייען. דער 18־טער יוני איז פֿאַר זיי געווען אַ קאָנטראָל פֿון זייערע כּחות. אין דאָזיקן טאָג האָבן געהערשט זייערע לאָזונגען: „נידער מיטן אָנגריף", „די גאַנצע מאַכט די ראַטן", „נידער מיט די מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן".

דער אָפּגרונט צווישן דער דעמאָקראַטיע און אירע פֿירער האָט זיך אויפֿגעמאַכט פֿאַר אַלעמענס אויגן.

אין זעלבן טאָג, דעם 18־טן יוני, האָט זיך אָנגעהויבן דער אָ נ ג ר י ף פֿון דער רוסישער אַרמיי. ווי מ'זאָל זיך אויף אים נישט האָבן געריכט, איז ער פֿאָרט געקומען אומגעריכט פֿאַר אַלעמען, אַ חידוש, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן. און דער דאָזיקער אָנגריף האָט באַדייט פֿאַרן פֿאָלק אַ גרויסע אַנטוישונג, מיטן דאָזיקן אָנגריף האָט מען זיך אָפּגעקערט פֿון אַלע האָפֿנונגען און פּלענער פֿון דער רעוואָלו־ציאָנערער דעמאָקראַטיע.

לאָמיר אָנווייזן אויף דער עיקרדיקער סתּירה, וועלכע קומט דאָ צום אויסדרוק. אויפֿן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר האָבן סיי טשערנאָוו, סיי צערעטעלי אַנטוויקלט אַ באַשטימטע פּראָגראַם פֿון אַ שלום־פּאָליטיק. זיי האָבן דאָך נישט געהערט צו יענע ענגע סאָציאַל־פּאַטריאָטן, פֿאַר וועלכע די וויטערדיקע פֿירונג פֿון קריג איז געווען אַ נויטווענדיקע גאַראַנטיע פֿאַרן „נצחון ביזן סוף", פֿאַר דער „צעשמעטערונג פֿון דייטשן אימפּעריאַ־ליזם" א. אז. וו. ווי דער לינקער פֿליגל פֿון צוזאַמענפֿאָר האָבן זיי דאָך אויך אָנערקענט דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פֿון קריג ביי די פֿאַרבינדעטע גרויסמאַכטן, און האָבן געהאַלטן, אַז לטובֿת דעם אַלגעמיינעם שלום איז אומבאַדינגט נויטיק, זיי זאָלן רעווידירן די מלחמה־צילן. מער נישט, די דאָזיקע רעוויזיע האָבן זיי — לויט זייערע רייד — געוואָלט דורכפֿירן נישט פֿרי־ער ווי נאָכן סאָציאַליסטישן צוזאַמענפֿאָר און זיין דרוק

אויף די רעגירונגען. הייסט עס, אז די ראָל פון דער דעמאָ־קראַטיע איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס שנעלער צו שאַפן דעם דאָזיקן אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן דרוק! ווי אַזוי־זשע האָבן זיי ביי אַזעלכע באַדינגונגען געקאָנט דערלאָזן, און צו־גרייטן אין דער שטיל, דעם אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי, לויט א פאַרשטענדיקונג מיט די פאַרבינדעטע? דאָס האָט דאָך געהייסן דערמאָרדן דעם סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאַר, אַרויס־רופן צו א ניי לעבן דעם סאָציאַל־פאַטריאָטיזם אין דייטשלאַנד, אויסלעשן די סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע אין די פאַרבינדעטע לענדער!

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע לאָגישע סתירה, וועלכע איז אין לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע צביעות, וועלכע האָט אונטערגעריסן דעם צוטרוי צו אלע דערקלערונגען פון די אָפיציעלע פירער, צו זייער גאַנצער אויסערלעכער פּאָליטיק!

אמת, די אַרמיי איז געגאַנגען אין שלאַכט מיט רויטע פענער, וועלכע קערענסקי האָט צעטיילט די פולקן. אמת, כדי צו דערקלערן דעם אָנגריף זענען ארויסגערוקט געוואָרן אַ סך מאָטיוון. אָבער צי דען האָבן זיי געקענט איבערצייגן!

אין זיין באַפעל פון 16 יוני צו דער אַרמיי און צום פלאט, ווו קערענסקי האָט מודיע געווען דעם אָנגריף, האָט ער זיך באַמיט אים מאָטיווירן. „די רוסישע דעמאָקראַטיע האָט זיך גע־ווענדט צו אלע קעמפנדיקע מלוכות מיט אַ רוף איבערצורייסן די מלחמה", „אָבער אַלס ענטפער אויף אונזער רוף צו ברי־דערלעכקייט, האָט דער קעגנער אונז גערופן צו בגידה; די עסטרייכער און דייטשן האָבן פאָרגעלייגט רוסלאַנד א סעפּא־ראַטן שלום; איצט, ווען דער שונא האָט איינגעזען, אז רוס־לאַנד וועט זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן, דראָט ער אונז און זאַמלט צענויף זיינע כחות אויף אונזער פראָנט." די דאָזיקע מאָטיווי־רונג האָט בלויז באַוויזן, אַז די רוסישע „רעוואָלוציאָנערע" מאַכט האָט קיין חושק נישט זיך ערנסט צו נעמען פאַר דער אַרבעט פון שלום און צווינגען די פאַרבינדעטע צו אים, און

ווייטער גאָרנישט! נישט מער איבערצייגנדיק איז געווען די מאָטיווירונג אין „אויפרוף צו דער ארמיי" וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן ראַטן-צוזאַמענפאָר אין שייכות מיטן אָנגריף. „די רוסישע רעוואָלוציע — איז געזאָגט געוואָרן אין אויפרוף — רופט שוין לאַנג די פעלקער פון אַלע לענדער צום קאַמף פאַר אַן אַלגעמיינעם שלום. כּל־זמן אונזער רוף ווערט נישט אויפגענומען דורך די פעלקער פון אייראָפּע, איז נישט אונזער שולד, וואָס די מלחמה ווערט ווייטער געפירט".

עס דוכט זיך אָבער, אַז פאַרקערט, כּל־זמן דער רוף איז דירעקט נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, קען די מלחמה ווייטער נישט געפירט ווערן. בפרט, אַז די דייטשע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן רוף! און בכלל, אויב די ווענדונג האָט געהאַט אין אויג די פעלקער פון די פאַרבינדעטע מלוכות, האָט רוסלאַנד נישט געטאָרט יוצא־זיין בלויז מיט פּלאַטאָנישע אויפרופן, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון די פעלקער, וועלכע געפינען זיך — ווי זי האָט עס גאַנץ גוט געוווּסט — אונטערן שווערן דרוק פון זייערע רעגירונגען, פון זייער בורזשואַזער עפנטלעכער מיינונג, פון זייער פאַלסיפיצירנדיקער פרעסע. רוסלאַנד האָט זיך געדאַרפט ווענדן אָפיציעל צו די רעגירונגען פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן מיט אַ פאָרמעלן פאָרשלאַג אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום. אָבער דאָס אַלץ איז נישט געטאָן געוואָרן, און די דאָזיקע ווערטער פון אויפרוף זענען געווען זינלאָז.

די אמתע מאָטיווירונג האָט מען, אפשר, געדאַרפט זוכן אויף אַן אַנדער שטעלע פון זעלבן אויפרוף, וועלכע האָט געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל זי האָט אַרויפגעלייגט די אחריות פאַרן אָנגריף אויף דער גאַנצער מעסיקער דעמאָקראַטיע. „אונזער אָרגאַניזירטקייט און אונזער קראַפט, וועלכע וועלן דערוויזן ווערן דורכן אָנגריף, וועלן צוגעבן וואָג דער שטימע פונם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד אין איר ווענדונג צו די קעמפנדיקע מיט איר, צו די נייטראַלע און פאַרבינדעטע לענדער און וועט דערנענטערן דעם סוף פון קריג". מיר האַלטן, אַז סוביעקטיוו

געגומען האָבן די פירער פון די מעסיקע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען דורך דערוויַיזן די קראַפט פון דער אַרמיי געהאָפט צו ווירקן אויף די פאַרבינדעטע רעגירונגען און זיי צוציען אויף דער זייט פון דער רוסישער אויסערלעכער פּאָליטיק. מיט אַנדערע ווערטער: וויסנדיק זייער מאַכטלאָזיקייט לגבי די פאַרבינדעטע רעגירונגען, האָבן זיי זיך באַמיט אויף אַזאַ אופן צו ווירקן אויף זיי, ריכטיק ווי אויפן ראַטן־צוזאַמענפאָר האָבן זיי גופא אַרויסגערוקט אַן אַנדער מיטל צו ווירקן אויף זיי: אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר.

מיר דאַרפן אָבער, קודם כּל, געדענקען, אַז דעם דאָזיקן מיטל זייערן האָבן זיי אויפן צוזאַמענפאָר נישט אַרויסגעזאָגט, און די מאַסן זענען דעריבער געבליבן שטיין פאַרווּנדערט פאַר דער דאָזיקער דערקלערונג פון אָנגריף. פון דער צווייטער זייט האָבן די אָנהענגער פון באַרעכטיקן אויף אַזאַ אופן דעם אָנגריף פאַרגעסן וועגן אַלע זיינע פועל־יוצאס פאַרן שלום, אויף וועלכע מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויבן; דער דאָזיקער אָנגריף האָט נישט נאָר נישט געווונען די פאַרבינדעטע פאַרן „רוסישן" שלום, נאָר, פאַרקערט, ער האָט געשטאַרקט זייערע קריגערישע פּאַרטייען אין די אויגן פון זייערע פעלקער.

וואָסערע סוביעקטיווע דערקלערונגען דער אָנגריף זאָל נישט האָבן, מוזן מיר אָנערקענען איינס: אָביעקטיוו האָבן פון אים געשלאָגן קאַפּיטאַל בלויז די פאַרבינדעטע און די רוסישע בורזשואַזיע. די פירער האָבן זיך געקענט זיין באַהערשט פון זייערע דאָקטרינערע, פון לעבן אָפּגעריסענע טעאָריעס, אָבער די רוסישע אַרמיי איז געווען נישט מער ווי אַ געצייג פאַר די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון דער פאַרבינדעטער קאָאַליציע. דאָס, וואָס ס'וואָלט קיינמאָל נישט געקענט געלינגען גוטשקאָוון און מיליוקאָוון, האָט זיך דער פאַרבינדעטער קאָאַליציע איינגעגעבן מיט דער הילף פון קערענסקי און די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן. די אחריות פאַרן אָנגריף האָט גענומען אויף זיך דער ראַטן־צוזאַמענפאָר: קעגן די שטימען פון די באָלשעוויקעס, פון די לינקע ס.־ר.־ן און פון די מענשעוויקעס־

אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט ער געגעבן זיין הסכמה צום „אויפרוף צו דער אַרמיי". אַזוי אַרום זענען די ראַטן געוואָרן געפאַנגענע פונם אימפּעריאַליזם, כאָטש זיי זענען געגאַנגען נישט הינטערן נאָר פאַרן רייטוואָגן פון די זיגער.

דער אָנגריף האָט געמוזט ברענגען נישט נאָר פאַטאַלע אינטערנאַציאָנאַלע רעזולטאַטן און דורכדעם גופא דערווייטערן דעם שלום; ער האָט געמוזט ווירקן דערדריקנדיק אין לאַנד גופא אויף דער דעמאָקראַטיע און, „קודם כל", אויף דער אַרמיי. יענע פאַרפלאָנטערטע דיפּלאָמאַטישע פלענער, וועלכע די ראַטן האָבן פאַרבונדן מיטן אָנגריף, זענען פאַר די מאַסן געווען אָרגאַניש אומפאַרשטענדלעך. זיי האָבן בלויז איינגעזען, אַז די האָפנונגען אויף אַ גיכן שלום, וועלכע די רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראַכט, זענען אויסגערונען. זיי האָבן דערזען, אַז די רעוואָלוציע נישט נאָר וואָס זי רירט זיך נישט פון אָרט אין דער דאָזיקער עיקרדיקער פראַגע, נאָר מער נאָך, זי גייט מיט דיזעלבע וועגן, וואָס דער אַראָפּגעוואָרפענער רעזשים, מיט די וועגן פון אַכזריותדיקן קריג. וואָס האָט די אַרמיי געזען אין אָנגריף פון זיין אויסערלעכער זייט? זי האָט געזען נישט קיין קלענערע בלוטפאַרגיסונג, ווי אין די צייטן פון צאַר, דעם אויסברוך פון שאָוויניסטישער ווילדקייט הינטערן פראָנט און די צוריקשטעלונג פון די „מיליטערישע" זיטן אויפן פראָנט, די פאַרשטאַרקונג פון דער אָפיצירן-מאַכט און פון דער קריגס-אידעאָלאָגיע. אָט וואָס ס'איז געלעגן אָפן אין ליכט פון טאָג און וואָס מ'האָט נישט געקענט פאַרדעקן מיט קיין שום השבעות אין נאָמען פון „רעוואָלוציע", אָדער „ערד און פרייהייט". מיט איין וואָרט, די מאַסן האָבן געשפּירט דעם אומקער פון דאָס אַלטע, וואָס איז, דוכט זיך, באַזייטיקט געוואָרן אויף תמיד, און אַז אין זייער לעבן באַקומט ווידער די אויבערהאַנט דער אַלטער, פאַרהאַסטער שטייגער מיט זיינע מנהגים און זיטן.

די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע אויפטרייסלונג פון דער אַר־מיי האָבן די רעוואָלוציע־פירער נישט פאָרויסגעזען ביי זייערע טאַקטישע אויסרעכענונגען. קערענסקיס רייזע איבערן פראָנט און זיינע באַגייסטערנדיקע רעדעס האָבן געקענט ווירקן נישט אין קיין גרויסער מאָס און נישט אויף לאַנג: זייער ווירקונג פלעגט אויסגעוועבט ווערן גלייך דאַן, ווען דער רוסישער זעלנער פלעגט בלייבן מיט זיך אליין און פלעגט באַטראַכטן זיין לעבנס־פּראָגראַם אָן אַ זייט פון די רעדעס, וואָס פאַרשלעפּערן זיין אויפמערקזאַמקייט. דער אַלטער, איינגעבאָרענער אומצוטרוי פון רוסישן פויער צום פּריץ, צו דער מאַכט, אַפילו צום אינטעליגענט, דער אומצוטרוי, וואָס איז געבערט געוואָרן דורך יאָר־הונדערטער פון געוואַלט און שווינדל, און וואָס האָט אָנ־געהויבן ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן פון אָנהויב רעוואָלוציע, האָט ווידער אויפגעפלאַקערט אין דער פויערשער נשמה. דער רוסישער זעלנער האָט געהאַט אַ גרונט צו באַטראַכטן זיך פאַר אָ פּ גע נ א ר ט, און דאָס מאָל שוין נישט פון צאַר נאָר פון דער „ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע". ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער אָנגריף פון דער אַרמיי, כאָטש פון אָנהויב אַ געלונגענער, נישט געקענט האָבן קיין דערפאָלג.

צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן, אַז כל זמן ס'האָט געדויערט דער „אָנגריף" האָט קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן דער ג ר י נ ד ו נ גס־פּ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג. דורכדעם אַליין, וואָס דאָס לאַנד האָט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ ערנסטע קריגס־קאַמפּאַניע, האָט עס זיך אָפּגעזאָגט פון וואַלן. ווייל אין פאַל פון אַ נישט געלונגענעם אָנגריף, וואָלט שוין די צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָפּגעהאַנגען פון דער קריגס־לאַגע און פון שונאס ווילן. וואָלט ווידער דער אָנגריף יאָ געלונגען, וואָלט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָפּגעלייגט געוואָרן אוי־טאָמאַטיש ביז „נאָכן סוף פון דער מלחמה", ווייל וואָס מער די קריגס־קאַמפּאַניע וואָלט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, אַלץ מער וואָלטן אין איר אַריינגעצויגן געוואָרן אַלע כחות פון פראָנט און פון „טיל", מיט איין וואָרט דאָס גאַנצע לאַנד. מיט אַנדערע

ווערטער, „דער ערשטער שאָס פון יוני-אָנגריף האָט געקלונגען ווי א סיגנאַל אָפּצולייגן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין".

און הינטערן פראָנט איז דערווייל נישט נאָר נישט געקומען צו יענער איינ־קונג, צו וועלכער דער ראטן־צוזאַמענפאָר האָט גערופן, נאָר, אדרבא, דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט. די פּאָליטישע אַטמאָספער פון פּעטראָגראַד און פון אַנדערע שטעט איז אָנגעלאָדן געווען מיט אַן אַלגעמיינער קלאַסן-צערייצטקייט. פון איין זייט איז אין שייכות מיטן אָנגריף הויך געוואַקסן אין די בירגערלעכע, בורזשואַזע און מיליטערישע קרייזן א „פּאַטריאָטישע" שטימונג, א פּאָליטיש-און סאָציאַל-רעאַקציאָנערע. די פאַרשטאַרקונג פון באָלשעוויסטישן איינפלוס, וועלכע האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין דער דעמאָנסטראַציע פון 18-טן יוני און אין א גאַנצער ריי אַנדערע סימנים, האָט ארויסגערופן א שרעק אין די דערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און געגערט די דאָזיקע שטימונגען, וועלכע האָבן אין פאַסיקן מאָמענט זיך געמוזט דורכרייסן אַלס קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. פון דער צווייטער זייט איז אין די דעמאָקראַטישע שיכטן אנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע יוירונג, וועלכע האָט געפונען פאַר זיך שטענדיקע און צופעליקע מאָטיוון. דאָ האָבן מאַטראָסן אין סעוואַסטאָפּאָל אַרעסטירט א פלאָט-קאָמאַנדיר און אָפיצירן, דאָ האָבן אין פּעטערהאָף זעלנער צעשלאָגן יונקערס, דאָ האָבן ארבעטער געשטעלט א ווידערשטאַנד דער מאכט אויף דער דאַטשע, וועלכע די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרכאַפּט, און געשטרייקט. די רעגירונג איז אָן אויפהער פאַרנומען געווען מיט לעשן די דאָזיקע בייז-בשורה-דיקע שרפות. אין איינצלנע מיליטער-אָפּטיילונגען האָבן די באָלשעוויקעס געפירט א פאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע קעגן אָנגריף און די אָפּטיילונגען פלעגן אָננעמען געהעריקע רעזאָלוציעס. די בורזשואַזיע האָט אין איר פּרעסע באַשולדיקט די באָלשעוויקעס און די מאַסן אין פּ אָ ט ע ר ל אַ נ ד-ב ג י ד ה, די לינקע דעמאָקראַטיע האָט באַשולדיקט די בורזשואַזיע און די מעסיקע

דעמאָקראַטיע אין בגידה לגבי דער רעוואָלוציע. דער אָנגריף פון דער אַרמיי האָט נישט באַרויקט, נאָר, אדרבה, פאַרשאַרפט די פּאָליטישע ליידנשאַפטן. ביידע לאַגערס האָבן געזען אין אים אַ געהילף פאַר זייערע פּלענער: די בורזשואַזיע האָט מיט זיין הילף געהאָפט צו פארפעסטיקן גייסטיק און פּאָליטיש אין לאַנד און אין דער רעגירונג איר קריגעריש־אימפּעריאַליסטישע, פון סאָציאַלער שאפונג אָפּווענדנדיקע אידעאָלאָגיע, און אַנטוואָפנען די אָנוואקסנדיקע רויטע סכנה מצד די באָלשעוויקעס. דאַקעגן די באָלשעוויקעס און לינקע ס.־ר.־ן האָבן געהאַלטן דעם אָנגריף פאַר א קלאַפּ איבערן גאַנצן סאָציאַלן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געזען די גייסטיקע פארלוירנקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן ביי די אַרבעטנדיקע קלאַסן, און דעריבער אים אויסגענוצט, ווי אַ טאַראַן, קעגן דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע.

אין דער זעלבער צייט זענען די באַציונגען מיט אוקראַינע פאַרשאַרפט געוואָרן ביז גאָר. אַלס ענטפער אויף דער פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע מצד דער צענטראַלער ראַדע, האָט די צייטווייליקע רעגירונג דעם 3־טן יוני זי אָפּגעוואָרפן. דעמאָלט האָט די ראַדע איבערגעטראָגן די דאָזיקע פראַגע דעם 12-טן יוני אויפן אַל־אוקראַינישן צוזאמענפאָר און האָט באשלאָסן צו בילדן אַ זעלבשטענדיקן מיניסטאָרן־קאַבינעט („גענעראַל־סעקרעטאריאט”). דעם 27־טן יוני שיקט די רעגירונג קיין אוקראַינע (כדי צו קומען צו אַ הסכם) א גאַנצע ריי מיניסטאָרן: צערעטעלין, קערענסקין, טערעשטשענקאָן. אין יענער צייט ווערט די לאַגע באַטראַכט סיי דאָ, סיי דאָרט פאַר אָנגעשטרענגט.

אַזוי אַרום זעען מיר די דאָזיקע אָנשטרענגונג אומעטום: אין דער אַרמיי, היטערן פראָנט, אין פּעטראָגראַד, אין דער פּראָווינץ, אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. די דאָזיקע אָנשטרענגונג האָט לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן, זי האָט געדאַרפט זיך דורכרייסן. ס׳איז בלויז געווען וויכטיק

צו וויסן, ווער וועט דער ערשטער געבן דעם סיגנאַל צום אַלגעמיינעם קריזיס.

דער קריזיס. דער אויפשטאַנד פון 3 — 5־טן יולי 1917

דעם סיגנאַל האָט געגעבן די בורזשואַזיע. מ'האָט געקענט מיינען, אַז זי, יעדנפאַלס, דאַרף זיך פילן באַפרידיקט. אירע פאָרשטייער אין דער רעגירונג, און נאָך מער אין אַלע מלוכהשע און חירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זענען געווען גענוג מעכטיק. אויב ס'פלעגט זיך זיי נישט אַלץ איינגעבן דורכ־צופירן לויט זייער אייגענעם פּלאַן, ווייל, ווי מיר האָבן אויבן אויפגעוויזן, איז אין דעם באַשטאַנען דער אינהאַלט פון דער קאָאַליציע, האָבן זיי אָבער דערפאַר אין אַלץ געקענט פּאַ־ראַליזירן די פּלענער פון דער דעמאָקראַטיע. די רעזאָ־לוציעס פון ראַטן־צוזאַמענפאָר האָבן זיי בלויז געקענט פאַרשאַפן נחת־רוח. און צולעצט, דער אָנגעהויבענער אָנגריף פון דער אַרמיי האָט מער פאַר אַלץ האַרמאָנירט מיט זייערע פּאָלי־טישע פּלענער. און פונדעסטוועגן האָבן די בורזשואַזע ריכ־טונגען, וועלכע האָבן זיך גרופּירט, דער עיקר, אין דער קאַ־דעטישער פּאַרטיי, אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיטן עקסיס־טירנדיקן רעזשים. צוגלייך מיט דער לינקער דעמאָקראַטיע האָבן די קאַדעטן מיט פאַרביסנקייט קריטיקירט די קאָאַליציע־מאַכט, אָנווייזנדיק אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ איינ־הייטלעכער רעגירונג (פאַרשטייט זיך, נישט קיין סאָציאַ־ליסטישער). זיי האָבן אָנגעוויזן אויף נאָך עפּעס: אויף דער צוועקלאָזיקייט פון זייער אָנטייל אין דער איצטיקער קאָ־אַליציע־רעגירונג.

וועלכע מאָטיוון האָבן זיי געקענט באַוועגן צו דעם אַלעם אין יענער צייט?

ס'איז מעגלעך, אז צוזעענדיק דעם אָנוווקס פון באָלשע־װיסטישע שטימונגען אין דער דעמאָקראַטיע, האָבן זיי מיטן דאָזיקן שריט קעגן דער רעגירונג געהאָפט לייכטער מאַכן דעם וועג פאַר אַ סאָציאַליסטישן קאַבינעט. דערביי האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ספּעקולירט אויף זייַן שנעלן אָפּבליען, אויף זיינע אינערלעכע חילוקי־דעות (ווייל עס וואָלטן אין אים, וואַרשיינלעך, אַנטיילגענומען פאַרשטייער סיי פון די מעסיקע, סיי פון די עקסטרעמע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען), אויף זייַן גיכער קאָמפּראָמיטאַציע אין די אויגן פון גאַנצן לאַנד... און אויפן שנעלן אומקער פון אַ צווייטן איינהייטלעכן קאַבינעט — אַ בורזשואזן. ס'קען אויך זייַן, אַז די קאַדעטן, וועלכע זענען שוין אינפאָרמירט געווען וועגן די מפּלות אויפן פראָנט און וועגן זייערע מעגלעכע רעזולטאַטן, האָבן נישט געוואָלט טיילן מיט דער דעמאָקראַטיע די אַחריות פאַר זיי, און דע־ריבער האָבן זיי איילִיק פאַרלאָזן די רעגירונג. ס'איז אָבער אויך מעגלעך, אַז אין די האַנדלונגען פון דער קיין אוקראַי־נע געשיקטער דעלעגאַציע האָבן די קאַדעטן איינגעזען די ערשטע אַנטשלאָסענע טאַט פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זייער קאָנטראָל.

ווי די זאַך זאָל נישט זייַן, גראַד די אוקראַינער געשעענישן האָבן די קאַדעטישע מיניסטאָרן אויסגענוצט אַלס גרונט אויפ־צורייסן די קאָאַליציע־רעגירונג. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דעם 30־טן יוני איז אין קיעוו געקומען צו אַ הסכם מיט דער ראַדע, און אַז זי באַקומט דאָס רעכט צו אָרגאַני־זירן אַן אוקראַינישע אַרמיי, האָבן די קאַדעטן געמאָלדן וועגן זייער דעמיסיע.

די קאָאַליציע־רעגירונג האָט מער נישט עקזיסטירט. איז וואָס־זשע, האָבן אפשר די פירער פון צענטראַלן אויספיר־קאָ־מיטעט פון די ראַטן איצטיקס מאָל זיך צוגעהערט צו דער שטים פון לעבן? האָבן זיי, אפשר, געוואָגט אַנטקעגנצוקומען דער פאָלקס־בענקשאַפט נאָך אַן „אייגענער" שטאַרקער רע־וואָלוציאָנערער מאַכט? האָבן זיי, אפשר, דערשפּירט די אָנ־

האַקסנדיקע אונטערערדישע אומצופרידנקייט אין דער אַרמײ
און אין פאָלק אויף אַזוי פיל, כּדי זי צו קענען באַהערשן
און נישט דערלאָזן, זי זאָל זיך אַרויסרײַסן אויף דער אויי-
בערפלאַך אין אַ כאַאָטישן אויסברוך? ניין, דאָס אַלץ איז
נישט פאָרגעקומען! די פירער פון צענטראַלן אויספיר-קאָמי-
טעט האָבן אַפילו אין זינען נישט געהאַט צו בײַטן זייער
פאָליטישע פאָזיציע. דעם אַנטשטאַנענעם שפּאַלט האָבן זיי
זיך אַ וואָרף געטאָן צו פאַרריכטן מיט זייער אויסגעפּרוּווט
מיטל — טאַקע מיט דערזעלבער קאָאַליציע.

דעמאָלט האָט די פעטראָגראַדער דעמאָקראַטיע ג ע ב ו י-
מ ע ן ד אָ ס ו ו אָ ר ט אַ ל י י ן! דאָס זענען געווען די טעג
פון 3, 4 און 5-טן יולי, וועלכע זענען באַקאַנט אונטערן נאָ-
מען „באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד".

וועגן דער אַנטשטעהונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז
איצט שווער צו ריידן, אָבער איינס איז זיכער: אוממיטלבאַר
איז זי נישט אַרויסגערופן געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס.
זי איז אין אַ גרויסער מאָס געווען ס ט י כ י ש. אַ גאַנצע ריי
פעטראָגראַדער מיליטער־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געקעמפט
קעגן אָנגריף, אַ גרויסע צאָל פאַבריקן און באַטריבן און די
קראָנשטאַטער מאַטראָסן, אָט דאָס זענען די האַנדלענדיקע עלע-
מענטן פון די דאָזיקע טעג. אָבער אויך נישט ווייניק טונ-
קעלע און פּאָליטיש געפערלעכע עלעמענטן, נישט ווייניק אָפע-
נע פיינט פון דער רעוואָלוציע האָבן אָנטיילגענומען אין
דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, גע-
מוזט אָפּשוואַכן די רעוואָלוציע. די דאָזיקע באַוועגונג, וועלכע
איז געקומען צום אויסדרוק אין כאַאָטישע האַנדלונגען און
שיסערייען פון באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געבראַכט
עטלעכע הונדערט אומזיניקע קרבנות, האָט נישט געהאַט קיין
קלאָרע פּאָליטישע פּראָגראַם. צו דער דאָזיקער סטיכיש-שטור-
מישער אומצופרידנקייט פון די מאַסן האָבן זיך די באָלשעווי-

קען פאַרייניקט שוין נאָכדעם ווי זי איז אויסגעבראָכן, און איר געגעבן זייער פּאָזיציון לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט — די ראַטן!“.

און פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויפן כאַאָטישן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, איז זי געווען באַדייטונגספול. ווי נישט ווי האָבן אין איר, דער עיקר, אָנטיילגענומען די בעסטע און באַוווסטזיניקסטע אָפּטיילונגען פון דער פּעטראָגראַדער און קראָנשטאַטער דעמאָקראַטיע. וועגן זייערע שטימונגען ווייסן מיר שוין פון די געשעענישן פון 10־טן און 18־טן יוני. דעם 3־טן יולי האָט די אַרבעטער־סעקציע פון פּעטראָגראַדער ראַט געפאָדערט, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין צום ראַט. זייערע מיינונגען זענען פּשוט און שיין אויסגעדריקט געווען אין בריוו פון די אַרבעטער פון פּוטילאָווער באַטריב: „צו אַלע בירגער“. זיי האָבן געשריבן: „אין די דאָזיקע טעג, דעם 3־טן און 4־טן יולי זענען מיר געגאַנגען מיט ריינע הערצער פון געטרייע זין פון דער רעוואָלוציע און געגאַנגען זענען מיר נישט קעגן ראַט, נאָר אונטערצושטיצן אים. און דעריבער איז אויף אונזערע פאָנען געווען אָנגעשריבן „די גאַנצע מאַכט — דעם ראַט...“ מיר האָבן זיך אַליין רעפּרעזענטירט. דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט זיך עפּעס גענומען באַגיין אָן אַרבעטער און ער איזאָלירט זיך אַלץ מער פון אונז“. אין די דאָזיקע ווערטער איז אויסגעדריקט געווען די גאַנצע אומצופרידנקייט מיט דער קאָאַליציע און ס'איז געווען אין זיי אַ פאַרלאַנג צו זען די פאָלקס־מאַכט אין די הענט פון ראַט. מיר וועלן קיין טעות נישט האָבן, ווען מיר וועלן, אַגב אורחא, צוגעבן, אַז דער דאָזיקער „איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון די ראַטן“, איז נישט אידענטיש מיט דער פאָדערונג פון אַ ראַטן־מלוכה, וועלכע איז אויפגעקומען שפּעטער, אין אָקטאָבער, אין זין פון איבערגעבן די מאַכט די אָרטיקע ראַטן, מבטל מאַכן די זעלבסטפאַרוואַלטונגען און דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. דער דעוויז „די מאַכט — דעם ראַט“ האָט דאָ באַדייט אַ פאָדערונג פון אַ

איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער רעגירונג, וואָס איר בילדונג איז, פאַרשטייט זיך, געלעגן אין דער קאָמפּעטענץ פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט.

די מאַסן זענען געקומען צום טאַורישן פּאַלאַץ, ווו ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער קריזיס, וועלכער איז אויסגעבראָכן צוליבן קאַדעטישן אַרויסטריט פון דער רעגירונג, און האָבן געפאָדערט, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגיין צום צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ זיכערע מערהייט פון זייערע מיטגלידער, וועלכע זענען גישט איינגעגאַנגען אויף קיין שום הנחות. אין דעם אַרויסטריט פון די מאַסן האָט די דאָזיקע מערהייט איינגעזען אַ פּרווו אָנצוּוואַרפן איר דעם ווילן פון דער דעמאָקראַטישער מינדערהייט און זי האָט באַשלאָסן צו ברעכן דעם אַרויסטריט מיט געוואַלט. מיט דער הילף פון אייניקע אַנטשלאָסענע טרים (נישט אָן בלוטפאַרגיסונג), איז די באַוועגונג אונטערדריקט געוואָרן; איר אינערלעכע פאַרפלאָנטערטקייט און דעזאָרגאַניזירטקייט האָבן געשאַפן אַ מעגלעכקייט זי לייכט צו באַהערשן.

שוין דעם 4־טן יולי האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, פון וועלכער די אַקטיווע דעמאָקראַטיע האָט געקענט אַרויסזען, אַז איר פּרווו אָנצופירן מיט די געשעענישן האָט זיך הייגטיקס מאָל געענדיקט מיט אַ מפּלה. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צענויפצורופן אַן אַלרוסישע ראַטן־באַראַטונג, וואָס זאָל לייזן די פראַגע וועגן דער מאַכט, און ביז דאַן איבערלאָזן „די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון דער איצטיקער רעגירונג" ד. ה. אין דער אמתן, ביי די רעשטלעך פון דער געוועזענער רעגירונג (עס זענען פאַרבליבן אין איר, אַ חוץ די סאָציאַליסטן, איר פּאָרזיצער פירשט לוואָוו און אייניקע בורזשואַזע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן זיך נישט געשטיצט אויף קיין שום פּאָליטישע פּאַרטייען).

דער פּאָלקס־ים האָט בלויז אויף איין מאָמענט אויפגעברויזט און באַלד ווידער אַריין אין די ברעגעס. די אַרבע-

טער און זעלנער האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע פאַבריקן
און קאַזאַרמעס טיילווייז אָנגעכמורעט און פאַרביטערט, טיילווייז
געדריקט און אנטוישט. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טויבע
וואַנט. מ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז אויב די באַוועגונג פון
3—5־טן יולי איז דאַן, אין תּוך גענומען, געווען אַ טראַגי-
שע, האָט זי קיין אנדערע גאָרנישט געקענט זיין.

וואָרום אין וואָס אייגנטלעך איז זי באַשטאַנען? זי האָט
נישט געוואָלט אומוואַרפן די מלוכה־מאַכט, נאָר זי קאָנצענ-
טרירן אין די הענט פון ראַט. אָבער גראָד דער דאָזיקער ראַט
ד. ה. זיין אָנפירנדיקע מערהייט (פון רעכטע ס.־ר.־ן און
מענשעוויקעס), האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּרינציפּ, וועלכן
זי האָט באַטראַכט אַלס שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציע. ווי
אַזוי־זשע האָט זי געקענט ביי אַזעלכע באַדינגונגען דער-
פילן דעם ווילן פון דער פעטראָגראַדער דעמאָקראַטיע? הוצ-
דעם האָבן זיך די מאַסן אינטערעסירט נישט אַזוי מיטן צו-
זאַמענשטעל פון דער מאַכט, ווי מיט איר פּאָליטיק.
זיי האָט באַשעפטיקט נישט די פאָרמעלע זייט פון קריזיס,
נאָר דער פאַרלאַנג, אַז די נייע מאַכט זאָל תּיכּף צוטרעטן צו
פאַרווירקלעכן זייער מאַטעריעלע פּראָגראַם: ליקווידירן
די מלחמה און האַלטן אין צוים די באַזיצנדיקע קלאַסן. כּדי
צו קענען דורכפירן אין לעבן די דאָזיקע פּראָגראַם האָבן זיי
געפאָדערט די מאַכט פון ראַט. אָבער גראָד די דאָזיקע פּראָ-
גראַם האָט די מערהייט פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט אָפּ-
געוואָרפן. און דער גרויסער אינערלעכער דראַמאַטיזם פון דער
דאָזיקער באַוועגונג איז פון סאַמע אָנהויב באַשטאַנען אין דעם,
וואָס די נייע פּאָליטיק און דעם נייעם באַשטאַנד פון דער
מאַכט האָבן זיי געוואָלט אָנוואַרפן (און נישט אַראָפּוואַרפן זיי!)
גראָד יענע מענטשן און פּאַרטייען, וועלכע האָבן ווייטער גע-
האַלטן זייער אַלטע פּאָליטיק פאַר דער איינציק ריכטיקער.
די מאַסן האָבן געטראָגן די מאַכט דעם ראַט, אָבער אָן ספק
נישט דעם, נאָר אַן אַנדערן, א קומענדיקן. מיט אַנדערע ווער-
טער, פאָרן איבערגעבן די מאַכט דעם ראַט האָט ער גופא

געמוזט פּאָליטיש ניי־געבוירן ווערן, באַשטיין פון אַנדערע פּאָ־ליטישע כּחות. די מאַסן וועלן האָבן דערפאָלג ערשט אין דער צוקונפט, ווען דער ראַט וועט זיין אַן אַנדערער לויט זיין באַשטאַנד.

אין דעם זין האָט די דאָזיקע באַוועגונג דערמאָנט די פּראָצעסיע פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צום קייזער דעם 9־טן יאַנואַר 1905. אויך דעמאָלט זענען די מאַסן געגאַנגען מיט גלויבן צו אַ באַשטימטן פּאָליטישן אָרגאַן, פּאָרלייגנדיק אים צו דערפילן דאָס, וואָס האָט אים געמוזט פאַרניכטן, וואָס איז קעגן זיין פּאָליטישער נאַטור. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געליטן א פיאַסקאָ צוליב צ ו ו י י סיבות. ערשטנס, האָט זי נאָך נישט געהאַט טיף פאַרכאַפּט אַלע אַקטיווע מאַסן, מיט דעם דערקלערט זיך דער שנעלער איבערברוך אין די מאַסן פון פּעטראָגראַד און זייער „תשובה־טאָן" פארן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. צווייטנס, האָט זי פון אינעווייניק אַרויס נישט געהאַט קיין קלאָרן ציל: זי האָט זיך נישט געקליבן אראָפּצוואַרפן די אָנפירנדיקע פּאַרטייען, און גלייכצייטיק אויך נישט געקענט וו י רק ן אויף זיי. און דעריבער האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פאַרלאָרן און מאַבטלאָז.

דעם 3 — 5־טן יולי זענען די מאַסן געגאַנגען צום צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, אָבער אין תּוך גענומען זענען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן זיין דעמאָלטיקן ב אַ ש ט אַ נ ד. די דאָזיקע טעג האָבן בולט געמאַכט דעם אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן זיי.

צי האָט אָבער דער צ. א. ק, אונטערדריקנדיק די באַ־וועגונג פון 3 — 5־טן יולי, געמאַכט פון אים אַלע אויספירן? אויב ער האָט זי נישט געקענט אויסמיידן, האָט ער זי כאָטש געקענט פאַרשטיין? צי האָט ער נאָך די דאָזיקע געשעענישן געפונען דעם וועג אויף שלום־מאַכן מיט דער לינקער דע־מאָקראַטיע?

ניין, ער האָט דעם דאָזיקן וועג נישט געפונען. אדרבה, דער תּהום צווישן אים און איר איז אַלץ גרעסער געוואָרן.

אַלע אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָט ער בלויז פאַראורטיילט. ער האָט זיך באמיט צו דערקלערן די גאַנצע באַוועגונג בלויז מיט די האנדלונגען פון די באָלשעוויקעס, מיט די האנדלונגען פון די „אונטערהעצער”; ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אז די באָלשעוויקעס טרעפן שוין אויף א צעפּקערט פעלד פאַר די „באָלשעוויסטישע” שטימונגען. די גאַנצע שולד האָט ער געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף דער דעמאָקראַטיע, אָבער זיין אייגענע פּאָליטיק האָט ער געהאַלטן פאַר ריין פון יעדע זינד. ער האָט פאַרגעוואָרפן דער דאָזיקער באַוועגונג, אז „ס'האָבן אָנטיילגענומען אין איר פינסטערע כחות”, אָבער דערביי האָט ער פאַרגעסן, אַז צוליב זיי אליין קען מען נאָך נישט פסלען דעם סאָציאַלן זין פון א מאַסן־באַוועגונג. ער האָט איר פאָרגעוואָרפן איר „אייגנמעכטיקייט”, איר געבוידן־ווערן אָן וויסן פון ראַט, אָבער ער האָט פאַרגעסן דעם כלל, אז מ'טאָר נישט ריידן וועגן דער „שולד” פון סאָציאַלע געשעענישן, נאָר מ'דאַרף זוכן זייערע סיבות. האָט ער דאָך בשעתו אָנגענומען די דעמאָנסטראַציע פון 21־טן אַפּריל! אָבער איצט האָט דער ראַט געהאַט פאַר די מאַסן בלויז פאַראורטיילונג, אָדער אַן אויפפאָדערונג צו „געזעצט־קייט”, און די מאַסן האָבן געהאַט פאַרן ראַט בלויז פאַראַכטונג־קייט, און, אין בעסטן פאַל, א טרויעריקע פאַרוואונדערונג. אָט דאָס איז געווען דער סך־הכל פון 3 — 5־טן יולי.

די דאָזיקע באַציאונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און פון די פּאַרטייען, אויף וועלכע ער שטיצט זיך, האָט באַקומען א מעגלעכקייט זיך אַרויסצוווייזן אין א נייער פּרוּווּנג, וועלכע האָט געטראָפן די רעוואָלוציע אין די גאָנסטע טעג. מיר מיינען דאָ די אָנגעהויבענע אָפּטרעטונג פון דער רוסישער אַרמיי אויפן פראָנט, א געשעעניש, וואָס האָט ווידער געשטאַרקט, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט אויסקומען, די עקשנות פון די אָנפירנדיקע דעמאָקראַטישע גרופּעס.

די מפּלה אויפֿן פֿראָנט. דער רוק אויף לינקס.

דעם 7-טן יולי האָבן אונטער טאַרנאָפּאָל (אין גאַליציע) די רוסישע חילות גענומען אַנטלויפֿן פֿאַרן שונא און פֿון דער מלחמה. די גאַנצע סיסטעם פֿון „אָנגריף", וועלכער איז מיט אַזוי פֿיל מי געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג, האָט געפּלאַצט. אַ סטיכישער געפֿיל פֿון צעררודערונג און פּחד האָט תּיכּף אַרומגעכאַפּט די אָנפֿירער פֿון לאַנד. אַנשטאָט צו אַנאַליזירן די געשעענישן, האָט דער פֿאַרמאַטערטער געדאַנק פֿון ראַט, ריכטיק ווי בײַ די געשעענישן פֿון 3 — 5-טן יולי, — גענומען דעם וועג פֿון לײַכטסטער דערקלערונג: ער האָט אין אַלץ באַשולדיקט בלויז די דעמאַגאָגיע פֿון די באָלשעוויקעס.

דאָס איז אָבער לגמרי נישט געווען ריכטיק. בלויז דעמאַגאָגיע האָט געקענט פֿאַרזיכערן, אַז נאָר די באָלשעוויקעס אַליין האָבן „דעמאָראַליזירט" דעם פֿראָנט. די פֿראָנט-דעלעגאַטן, די באַריכטן פֿון די קאָמיסאַרן, דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר אַליין האָבן אויפֿגעדעקט די קאָמפּליצירטע קוויזאַלע פֿאַרבינדונג פֿון די געשעענישן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז בײַ די געגעבענע באַדינגונגען איז דער אָנגריף, אין תּוך גענומען, געווען אַן אמתע אַוואַנטורע. מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן שווערן מאָראַלישן צושטאַנד פֿון דער מיליטערישער דעמאָקראַטיע — דער אַרמיי, וועלכע ווערט געשליידערט פֿון איין געמיט-צושטאַנד אין צווייטן. דער קאָנטראַסט צווישן דער ספֿערע פֿון טויט, וועלכע הערשט אויפֿן פֿראָנט, און דעם בלומען-קראַנץ פֿון לעבן, וועלכן עס ברענגט מיט זיך די רעוואָלוציע, איז געווען שוין צו שאַרף. די זעלנער האָבן אויפֿריכטיק געגלויבט, אַז אויף דער „טעריטאָריע פֿון דער רעוואָלוציע" וועט מער נישט פֿאַרגאָסן ווערן קיין בלוט. אַז היינט-מאָרגן וועלן זיי זיך אומקערן צו דער פֿרידלעכער אַרבעט בײַם וואַרשטאַט און בײַ דער בראַנזשע.

די באָלשעוויקעס האָבן זיי „דעמאָראַליזירט"? נײַן,

נישט זיי אליין, — אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן אין דאָזיקן זין זיי סיסטעמאַטיש געהאַלטן אין איין „דעמאָ-ראַליזירן". די צימערוואַלדער שלום-פאָרמול, אָן וועלכער די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעשלאָסן, איז געווען אנגעלאָדן מיט אַ קאָלאָסאַלער אויפרייס-קראַפט. און דעריבער האָט זי געשלאָגן אַרום זיך יענע גרויסע גייסטיקע קרייזן, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די גאַנצע רוסישע אַרמיי. דעם 14-טן מערץ האָט די רוסישע רעוואָלוציע אין איר „אויפרוף צו די פעלקער" אונטערגעשריבן איר הויפּט-התחייבות פאַר דער אַרמיי און פאַרן לאַנד, און די אַרמיי איז דעריבער באַרעכטיקט געווען צו דערוואַרטן פון איר, זי זאָל דורך מעשים דערפילן די דאָזיקע התחייבות.

די שלום-פאָרמול, אָן וועלכער ס'האָבן זיך געהאַלטן, וועלכע ס'האָבן פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אפילו די מענשעוויקעס און די רעכטע ס.־ר.־ן, די פּאַקטישע גייס-טיקע אָנפירער פון פראָנט, — די דאָזיקע פאָרמול האָט אַריינ-געבראַכט די אַרמיי אין יענעם צושטאַנד פון פרידלעכער, מענטשלעכער בירגערשאַפט, פון וועלכער ס'איז געווען שווע-רער פון אַלץ זי ווידער אַריינצוואַרפן אין ים פון פייער און מאָרד. אין דער דאָזיקער ש ל ו ם-ס ט י כ י ע, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן, ווי אַן אוקינוס, זענען די איינצלנע רופן אָדער לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס פאַרלאָרן געגאַנגען פון אויג ווי קליינע פלעקן. כדי צו טרייבן די דאָזיקע סטיכיע אין אַן אַנדער ריכטונג, כדי די פאָלקס-נשמה זאָל זיך ווידער אָנצינדן מיט דראַנג צו מלחמה, איז נויטיק געווען אַ נייע גראַנדיעזע אויפטרייסלונג, וואָס זאָל ג ל י י ך ז יי ן ל ו י ט א י ר ק ר אַ פ ט צו דער אויפטרייסלונג פון דער רעוואָלוציע. מ'האָט געדאַרפט פירן אַן ענערגישע שלום-פּאָליטיק, מ'האָט געדאַרפט פירן מוטיקע רעוואָלוציאָנערע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרבינדעטע, מ'האָט געדאַרפט שאַרף אוועקשטעלן אַלע פראַגן — און די אַרמיי וואָלט דאָס, אפשר, פאַרשטאַנען. מ'האָט זיך אַליין געדאַרפט אָפּזאָגן פון פאַרכאַפּונגס-פּלענער, מ'האָט

דאָסועלביקע געדאַרפט פאָדערן פון די פאַרבינדעטע, מ׳האָט געדאַרפט אַראָפּלאָזן די אידעישע פאָן פון דער מלחמה, מ׳האָט די אַרמיי געדאַרפט אַוועקשטעלן פנים אל פנים מיטן טרי־אומפירנדיקן, אָדער פאַרעקשנטן שונא — און ערשט דעמאָלט וואָלט די פאָלקס־נשמה זיך אָפּגערופן.

אָבער דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן. אַ פאַרשלעפּטע, געהיימע „דיפּלאָמאַטיע" האָט פאַרנומען דעם אָרט פון יענער רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט, וואָס נאָר זי אַליין האָט געקענט מיטרייסן נאָך זיך די מאַסן, און דאַן איז אין באַוווסטזיין פון דער אַרמיי אויסגעלאָשן געוואָרן דער זין פון דער מלחמה. יענע עלעמענטאַרע, נאַיווע לאָזונגען, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט אין דער צאַרישער צייט („אין נאָמען פון קייזער און פאָטערלאַנד", אַ „הייליקער קריג אויף סאָפיע" און אַז. וו.) זענען איצט פאַרשוווּנדן. לאָזונגען ווי „אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע", פאַר „ערד און פרייהייט" און ענלעכע, האָבן אין באַציאונג צו דער מלחמה אויסגעזען, און זיי זענען טאַקע באמת געווען נישט איבערצייגנדיק; און נייע לאָזונגען, רעאַלע און איבערצייגנדיקע, האָבן נאָך נישט געקענט געשאַפן ווערן, ווייל עס איז נאָך נישט געווען בנמצא יענע נייע סביבה, פון וועלכער זיי וואָלטן געקענט אַרויסוואַקסן. און דאָ איז די אַרמיי שוין באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיטן זין פון דער מלחמה, און די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט זיך צו אינטערעסירן מיט אים. די דאָזיקע סיבה האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דער צעפאַלונג פון דער אַלטער אימפּעריאַליסטישער אַרמיי.

אָבער די באָלשעוויקעס האָבן דעמאָראַליזירט דעם פראָנט נישט נאָר דורך דיסקוסיעס וועגן די צילן פון דער מלחמה, זיי האָבן אויך צעשטערט די דיסציפּלין אין דער אַרמיי, זיי האָבן אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי צו די קאָמאַנדירן, זיי האָבן צעמורשט איר אינערלעכע פעסטקייט. אָט דאָס איז געווען דער נוסח פון דער צווייטער באַשולדיקונג, וועלכע איז

שוין פריער געוואָרפן געוואָרן און וועלכע איז שטאַרקער גע-
וואָרן איצט, אין די טעג, ווען די אַרמיי, די „רעוואָלוציאָנע-
רע אַרמיי״ איז געלאָפן פאַרן שונא.

אויך דאָ שטעקט אַ גרויסע מיספאַרשטענדעניש. אויב
נישט עפּעס ערגערס נאָך. די דיסציפּלין אין דער אַרמיי,
די דאָזיקע אַלטע דיסציפּלין, וועלכע איז געווען איינגעפירט
אין דער אַרמיי פאַר די צאַרישע צייטן, איז דורך דער
רעוואָלוציע אויסגעריסן געוואָרן מיט די
וואָרצלען. און דאָס האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין.
די איניציאַטיוו דערצו איז אין די ערשטע מאָמענטן גאָר נישט
אַרויסגעגאַנגען פון די סאָציאַליסטן. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן,
אַז די פעברואַר-רעוואָלוציע איז געלונגען בלויז אַ דאַנק דער
אַקטיווער מיטהילף, אָדער אַדאַנק דעם באַוווסטזיניקן אָפּהאַלט
פון קעגנווירקן מצד דעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן. שוין
אין די ערשטע רעוואָלוציע-טעג איז געבילדעט געוואָרן אַ
ראַט פון אַרבעטער-און זעלנער-דעפּוטאַטן. דער דאָזיקער
היסטאָרישער פאַקט האָט תּיכף געלייגט זיין חותם אויפן ווי-
טערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. שוין דער ערשטער
פּעטראָגראַדער קאָמענדאַנט, ענגעלגאַרט, וועלכער איז נאָך באַ-
שטימט געוואָרן דורך דער דומע, האָט אויפגעפאָדערט די
זעלנער צו אַנטוואָפּענען די אָפיצירן, און אין פאַל פון א
ווידערשטאַנד — אָנווענדן געוואַלט. און דאָס איז טאַקע געווען
אומפאַרמיידלעך, ווען אין די ערשטע וואַקלדיקע רעוואָלוציע-
טעג האָט דער אָפיצירן-קאָרפּוס, אַלס גאַנצער, פאַרלאָזן די פאָלקן
און זיך אַרויסגעמאַכט פון קאַמף. דאָס האָבן דעמאָלט
פאַרשטאַנען אויך די בורזשואַזע פירער פון דער רעוואָלוציע,
פל זמן זיי האָבן געהאַלטן, אַז זי דינט זייערע צילן. דערנאָך
האָט דער אָנטייל פון דער אַרמיי געפירט צו אַ צווייטן פועל-
יוצא. גלייכצייטיק מיט די רעכט און פרייהייטן פון די ביר-
גער, האָט די רעוואָלוציע געמוזט זיכערן די רעכט פון די
זעלנער, אַלס אַזעלכע. די דאָזיקע דעמאָקראַטיזאַציע
פון דער אַרמיי האָט, פון איין זייט, געפאָדערט דאָס ווייל

פון דער רעוואָלוציע, ווייל זי האָט געמוזט פאָרויס אומשעד־לעך מאכן די מעגלעכע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ווירקונג פון קאָמאַנדירן־קאָרפּוס, און נישט דערלאָזן, אַז די אַרמיי זאָל באַנוצט ווערן קעגן דער רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע דע־מאָקראַטיזאַציע פון דער אַרמיי איז, פון דער צווייטער זייט, אויך געווען אַ פּליכט, אַ חוב פון דעם באַפרייטן לאַנד לגבי דער זיגערישער אַרמיי, וועלכע האָט געפאָדערט פאַר זיך בירגערלעכע רעכט. און נישט קיין אַנדערער, ווי גוטשקאָוו אליין, אַ גרויס־בורזשואַ און קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט גע־מאכט רעוואָלוציע אין די אינטערעסן פון זיין קלאַס, האָט ארויסגעגעבן די ערשטע געזעצן וועגן דעמאָקראַטיזירן די אַרמיי, וועלכע האָבן געמאַכט אין איר אַ ראַדיקאַלע איבער־קערעניש. איינער פון די פאַרשטעגדיקונגס־פונקטן צווישן ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן און דער דומע איז נוגע געווען די רעכט פון די, וועלכע געפינען זיך אין מיליטער־דינסט.

דאָס אָפּשאַפן די אַלטע מיליטערישע באַגריסונגען (דאָס רוסיש־היסטאָרישע „וואשע בלאַהאָראָדיע“), דאָס פאַרבאָטן די אָפיצירן זיך ווענדן צו די זעלנער אויף „דו“, דאָס דערלויבן זעלנער־קאָמיטעטן, פולע פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און פּרע־סע אין דער אַרמיי, דאָס צוזאָגן די זעלנער אַלע פּאָליטישע רעכט ביי וואַלן — אָט דאָס זענען די רעכט פון זעל־נער, וועלכע דער ערשטער בורזשואזער קריגס־מיניסטער האָט שוין געהאַט צוגעזאָגט. היינט דערמאָנט זיך נאָר די קלאַסן־צעטיילונג פון דער רוסישער אַרמיי (די זעלנער—פּויערים און אַרבעטער, און די אָפיצירן — אדעליקע און טיילווייז בור־זשויען, דער אָפיציר איז געווען נישט נאָר די העכערע מאַכט, נאָר אויך — דער פּריץ), וועלכע האָט זיך בלויז ווינציק געענדערט אין דער צייט פון קריג צוליבן צופלוס פון רע־זערוו־אָפיצירן פון די אינטעליגענטישע קרייזן. דערמאָנט זיך נאָר אויך די געפילן פון מורא, הכנעה און אומצוטרוי, וואָס האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער אָנגעזאַמלט אין די זעלנער צו די אָפיצירן אויפן גרונט פון דער דאָזיקער קלאַסן־

צעטיילונג. נעמט אויך אין אכט, אז בײַ דעם קאָלאָסאַלן אַנאַלפאַבעטיזם און בײַ דער אַלגעמײנער בירגערלעכער נישט־דערצויגנקייט פון רוסישן פּויערטום, האָט זיך די אַרמיי, דער עיקר, געהאַלטן אויף דער אײַזערנער דיסציפּלין פון שטעקן און מורא. ווען מ'נעמט דאָס אַלץ אין אַכט, איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, וועלכע רעוואָלוציאָנערע פּועל־יוצאס די „פרײַהייטן" האָבן קודם כּל געמוזט האָבן פאַר דער נשמה פון דער אַרמיי. זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרטיליקט די אַלטע בינדונגס־עלעמענטן פון דער אַרמיי, איר אַלטע דיסציפּלין.

צי דען איז דאָס געווען אַן אומגליק? געוויס נישט. ווײַל א חוץ אין באַפרײַען דעם זעלנער צו א בירגער, איז די אויפגאַבע פון דעמאָקראַטיזירן די אַרמיי אויך באַשטאַנען אין שאַפן א נײַע דיסציפּלין, אין שאַפן פון די בירגער־זעלנער א נײַע, רעוואָלוציאָנערע פאָרמאַציע. אָבער, ס'איז א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס פון שאַפן אַ נײַע אַרמיי אויף די חורבות פון דער אַלטער איז געווען א דויערנדיקער פּראָצעס. די רעוואָלוציע האָט דעם היסטאָריש־פאַרשטויסענעם רוסישן מענטשן און זעלנער געגעבן די ערשטע לעקציע פון פרײַהייט און בירגערלעכע רעכט — און ס'איז נויטיק געווען א לאַנגע צײַט ביז זיי וועלן דאָס אויפנעמען אין זיך. דער איבערגאַנג פון שטעקן־דיסציפּלין צו פליכט־דיסציפּלין האָט נישט געקענט פאָרקומען פאַר איין מאָל. יעדנפאַלס מוז מען מודה זײַן, אַז דער פּראָצעס פון דעמאָקראַטיזירן די אַרמיי, דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען די זעלנער אין בירגער האָט פון דער אַנדער זײַט אַרויסגערופן די ירידה פון דער דיסציפּלין, די צעשטויבונג פון דער אַרמיי, די אָפּשוואַכונג פון איר אינערלעכער פאַרבונדנקייט. אין דעם זין מעגן מיר מיט א רויקן געוויסן זאָגן, אַז אין דאָזיקן איבערגאַנגס־פּעריאָד פון באַנײַאונג, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט צו טאָן מיט אַן עכטער „רעוואָלוציאָ־

נערער ארמיי״, נאָר בלויז מיט אַן ארמיי פון דער רעוואָלוציע.

עס איז געווען בלויז איין מעכטיקער מיטל צו שאפן שנעל אַ נייע דיסציפלין אין דער ארמיי. דער דאָזיקער מיטל איז באַשטאַנען אין קלאָר מאַכן זיך די ציילן פון דער מלחמה, דעם זין פון דער מלחמה, און דאָס האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן אין אַ געמיינזאַמער ארבעט מיט דער אַרמיי. מיר האָבן שוין אָבער אויך אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מיטן דאָזיקן וועג האָבן נישט געקענט גיין די מעסיקע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע האָבן תיכף באַהערשט די נשמה פון דער ארמיי, אַז גראָד אין דער דאָזיקער פראגע האָט די אַרמיי מער פאַר אַלץ געטאַפּט אין דער פינסטער און גאָרנישט געקענט באַגרייפן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז יענער גרויסער סאָציאַלער פּראָצעס, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: די צעפאלונג פון דער רוסישער אַרמיי, האָט זיך געלאָזט דערקלערן היסטאָריש, אָבער נישט דעמאגאָגיש. נישט וויסנדיק די ציילן פון דער מלחמה, האָט די אַרמיי נישט געוואָלט קעמפן, און ביז דער שאַפונג פון אַ נייער דיסציפלין, האָט זי נישט געקענט אונטערווארפן זיך איר אלטן קאָמאַנדירן-שיכט. אָבער אָן אַ דיסציפלין און אָן אַ זין פון דער מלחמה איז נישטאָ קיין אַרמיי.

אין דעם איז באַשטאַנען די קארדינאַלע גייסטיקע דראַמע פון דער ארמיי. אָבער חוץ דעם איז זי נאָך פון אינעווייניק צעפרעסן געווען דורכן מאַנגל פון גוטע קאָמאַנדיר-כוחות און דורך דער טעכנישער נישט-צוגעגרייטקייט. וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן פאַלן פון דער פּראָדוקציע אין לאנד (אַ שטענדיקער פועל-יוצא פון די ערשטע חדשים ביי יעדער רעוואָלוציע), און די שלעכטע ידיעות פון „טיל״. ב. סאַווינקאָוו, דער קאָמיסאַר פון פראָנט, וואָס האָט געליטן אַ מפּלה, האָט מודיע געווען, אַז „די טראַגישע לאגע אויפן פראָנט איז געשאַפן געוואָרן נישט נאָר דורך דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע. די שולד דערפאַר טראָגט אויך אַ געוויסע טייל פון קאָמאַנדירן-קאָרפּוס, וואָס איר אויפפירונג איז בולט

פאַרברעכעריש, צוליב דער אַרויסגעוויזענער פּחדנות און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע טענדענצן". צי דען האָט מען בײַ אַזעלכע תּנאים געמעגט באַשטימען דעם אָנגריף, צו וועלכן די אַרמיי איז נישט געווען צוגעגרייט נישט גײַסטיק, נישט טעכניש? צי דען קלינגט נישט פאַרניכטנדיק דער פאַקט גופא, וואָס נישט קיין אַנדערער, ווי ברוסילאָוו (דער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר), האָט נישט געשעצט קערענסקין אָנצוהייבן דעם אָנגריף? צי דען קען מען נאָך דעם אַלעם זיך וווּנדערן, וואָס די דאָזיקע פּאַטאָלע אַוואַנטורע האָט זיך פון איין זײַט געענדיקט מיטן אַנטלויפן פון דער אַרמיי פון פראָנט, און פון דער צווייטער זײַט — מיט אַכזריותדיקע יידישע פּאָגראָמען (אין קאַלוש. סטאַניסלאַוואָוו — שוין דעם 18־19־טן יוני), וואָס זענען אַ שאַנדע פאַר דער רעוואָלוציע?

וואָס־זשע האָט געטריבן די אַרמיי אין פײַער? שוין־זשע די סטראַטעגיע אַליין, ווי די פירער האָבן געטענהט, פאָדערנדיק, אַז די פראַגע וועגן אָנגריף זאָל אַרויסגענומען ווערן פון דער קאָמפּעטענץ פון דער פּאָליטיק? מיר האָבן געזען די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער סטראַטעגיע. ניין, דער אָנגריף איז געווען אַן אַקט אַ ריין־פּאָליטישער, אַ געצוווּנגענער, אַן אָנגעוואָרפענער. דורכדעם, וואָס מ'האָט אָפּגעריסן די אַרמיי פון דער עכטער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק, האָט מען זי איבערגעענטפערט מיט הויט און נעגל אין די הענט פון אַן אַנידער פּאָליטיק, דער פּאָליטיק פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן. שפּעטער, אויף דער זיצונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ווינטער־פּאַלאַץ — דעם 21־טן יולי, האָט טערעשטשענקאָ אַליין געזאָגט: „חדשים־לאַנג איז מיר אויסגעקומען צו פאַרזיכערן די פאַרבינדעטע, אַז רוסלאַנד וועט נישט פאַרראַטן. דורכן אָנגריף איז צוריקגעשטעלט געוואָרן רוסלאַנדס כבוד און ווירדע". דער קלאַפּ אויפן פראָנט איז געווען זייער אַ שווערער, ווײַל די פאָנען פון דער רעוואָלוציע זענען אַנטלאָפן אונטערן דרוק פון די אימפּעראַטאָרישע אָדלערס. אָבער וועגן וואָס האָט ער עדות געזאָגט? בלויז וועגן דער שאַנדע פון אַרמיי־אָפּטריט,

אָדער וועגן דער בלינדער פּאָליטיק?

דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט געמוזט אײַנזען דעם פולן באַנקראָט פון זײַן אויסערלעכער פּאָליטיק.

מיר ווייסן, אַז זײַנע פירער האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו ווירקן דירעקט אויף די פאַרבינדעטע רעגירונגען (אין דעם זעען זיי זיך צענויפגעקומען מיט דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע). זיי האָבן געהאָפט צו ברעכן זייער עקשנות בלויז דורך אומדירעקטע מיטלען: אָדער דורך אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָדער דורך אַ מיליטערישן אָנגריף. אָבער דאָס ערשטע האָט זיך פאַרשלעפּט, און דער אָנגריף איז נאָר וואָס דורכגעפאַלן: ער האָט בלויז לײַכטער געמאַכט רוסלאַנדס אינטערנאַציאָנאַלע וואָג. דורכדעם אַליין האָט זייער אויסערלעכע פּאָליטיק געבליבן שטעקן אין אַ טעמפּן ווינקל. אויף דעם האָבן גלײַכצײַטיק עדות געזאָגט סיי די געשעענישן אויפן פראָנט, סיי די געשעענישן פון 3—5-טן יולי...

אָבער פּונקט ווי נאָכן 3—5טן יולי, האָט אויך איצט דער צענט. אויס.-קאָמיטעט נישט געמאַכט קיין שום אויספיר וועגן דער נויטיקייט ראַדיקאַל צו רעווידירן זײַן פּאָליטיק, אַדרבה, ער האָט זײַן שולד אײַנגעזען אין דעם, וואָס ער האָט זי נישט דורכגעפירט גענוג קאָנסעקווענט. נאָכדעם, ווי ער האָט צוערשט איבערגעלעבט שווערע מינוטן פון שרעק און פאַרלוירנקייט — איז ער דערנאָך תיכּף איבערגעגאַנגען צו אַ נײַער האַנדלונגס-טאַקטיק. אויב ביז איצט האָט די מעסיקע דעמאָקראַטיע באַקעמפט די ראַדיקאַלע בלויז אידעיש, האָט זי איצט באַשלאָסן איבערצוגיין צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט איר. אויב אַ טייל פון דער דעמאָקראַטיע וואַרפט זיך נישט אונטער, מוז מען זי נויטן דערצו — אָט דאָס איז געווען דער זין פון דער נײַער עפּאָכע. די געשעענישן סיי פון פראָנט, סיי פון 3—5-טן יולי זענען אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויפן חשבון פון די באָלשעוויקעס און מ׳איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיט רעפּרעסיעס. זייערע פירער האָט מען באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת דײַטשלאַנד און מ׳האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה, זייערע פּאַרטיי-אינסטיטו-

ציעס האָט מען פאַרפאַלגט, ס'איז אויפגעשווומען די פראַגע וועגן אויסשליסן זיי פון צענט. אויס.־קאָמיטעט. דאַביי האָט מען פאַרגעסן, אַז די פאַרטיי האָט שוין געהאַט הינטער זיך די מאַסן, וועלכע מ'קען פון קיין אָרט נישט אויסשליסן. אויפן פּראָנט האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן די זעלנער־פרייהייטן. עס איז איינגעפירט געוואָרן טויט־שטראָף פאַר זעלנער, וועלכע דרייען זיך ארויס פון שלאַכט. דער דאָזיקער דראַקאָנישער מיטל איז איינגעפירט געוואָרן קעגן געוויסן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, לויטן אויסדריקלעכן ווונטש פון קאָמאַנדירן־קאָרפּוס. אַזוי אַרום האָט אין א קאַרדינאַלער, אינטימער פראַגע פון דער רעוואָלוציע מנצח געווען אַ כוח, וועלכער איז איר פיינטלעך. דאָס איינפירן טויט־שטראָף האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן די רעוואָלוציע פון איר זיטלעכער הויך; דאָס האָט זי איבערגע־ענטפערט אין די הענט פון א מיליטערישער קליקע, וועלכע האָט, אָנווענדנדיק דעם דאָזיקן כלי־זין, געקענט באַנוצן די אַר־מיי קעגן דער רעוואָלוציע. נאָך דער דאָזיקער ערשטער גע־צוווּנגענער הנחה האָבן געקענט קומען אויך אַנדערע. דאָס האָט טאַקע תיכף דערשפירט די רעאַקציאָנערע טייל פון אָפּי־צירן־קאָרפּוס — און זי איז תיכף אויסגעוואַקסן צו אַ השפעה־רייכע, זעלבשטענדיקע קראַפט אין די געשעענישן, וואָס נאָך בולטער האָט זיך דאָס אַרויסגעשטעלט שפּעטער. דער לאָזונג: „אַריינגעמען די אַרמיי אין די הענט" האָט פאַנאַנדערגעאַרטלט די מיליטערישע רעאַקציע.

און גלייכצייטיק האָט דער לאָזונג: „אַריינגעמען אין די הענט די דעמאָקראַטיע" פאַנאַנדערגעפּענטעט די קאָנטר־רעוואָ־לוציע אין „טיל" — די בירגערלעכע רעאַקציע. דער אומגע־לונגענער אויסגאַנג פון די יולי־טעג אין פּעטראָגראַד און אויפן פּראָנט האָט ברייט צעעפנט אַלע שליוזן פון דער שנאה־קאַמ־פּאַניע פון דער בורזשואַזיע, פון קליינבירגער און פון די שוואַרצע כחות, וועלכע האָבן זיך פאַרטייעט הינטער זיי. די דעמאָקראַטיע איז זיי פאָרגעקומען ווי געשלאָגן, באַזיגט, אירע אַלע אידעען — אויף אייביק קאָמפּראָמיטירט. די גאַס האָט

געלאַכט און אָפּגעחוזקט פון איר. די פּאָליטישע געשעפט-פירער פון דער בורזשואַזיע און איר פּרעסע האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט איר. אויב די טעג פון 3—5-טן יולי זענען געווען שווער פאַר דער רעוואָלוציע, איז זייער ליקווידאַציע דורכן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט געווען פאַר איר פאַטאַל. דורכדעם, וואָס זי האָט פאַראורטיילט און פאַרפאָלגט די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע, האָט זי פריי געמאַכט דעם וועג פאַר יענער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וועלכע איז געשטיגן אַלץ העכער, שוין גענומען אונטערשווייכן די רעוואָלוציע בכלל און דעם סאָציאַליזם, און אָנגעגריפן די דעמאָקראַטיע אויפן גאַנצן פראָנט.

דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעריסן פון לינקן פליגל פון דער רעוואָלוציע און דורכדעם גופא אַרייַנגעפאַלן אין געפאַנגנשאַפט צום רעכטן פליגל פון דער געזעלשאַפטלעכער פּיראַמידע. די אָנפירונג מיטן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד איז איבערגעגאַנגען פון זיינע הענט צו די סאַלאָנען פון די בורזשואַזע פּאַרטייען, צו די מיליטערישע קרייזן, צו דער קליינבירגערלעכער גאַס.

איז דען נויטיק צוצוגעבן, אַז די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע האָט זיך אין אזאַ געזעלשאַפט געשפּירט אָפּגעשטויסן סיי פון די ראַטן, סיי פון די טאָן-געבנדיקע פּאַרטייען? פאַרשטייט זיך, ווען ס'וועט שפּעטער שלאָגן די שעה פון סכנה, וועט מען זי, ווי איין מענטשן, טרעפן אויף די קאַמפּס-פּאָזיציעס. אָבער איצט, אונטערן האָגל פון באַשולדיקונגען, וועלכע האָבן זיך געשאָטן אויף איר, איז זי געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן אין א זייט.

אָפּט האָט מען פאָרגעוואָרפן די דאָזיקע טעג (3—5-טן יולי), אַז זיי האָבן אַרויסגערופן אַ געשטייגערטע אַקטיוויטעט פון דער בורזשואַזיע און פון די בירגערלעכע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע שטימונגען! יאָ, די בורזשואַזיע האָט באַקומען מוט און איבערגעגאַנגען צום אָנגריף — דאָס איז אָבער געשען נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געזען דעם תהום צווישן די מאַסן און די ראַטן, זי האָט געזען, אַז דער אויטאָריטעט פון די לעצטע

איז געפאַלן אין די אויגן פון די ערשטע, אז די ראַטן קענען נישט אָנפירן מיט זיי. און בלויז איין וועג איז געווען צו פאַרוואַנדלען איר נצחון אין אַ מפּלה: די ראַטן האָבן זיך געדאַרפט דערנענטערן, צענויפרעדן, צוזאַמענגיסן מיט דער פעטראָגראַדער דעמאָקראַטיע, ווי אין טאָג פון 21-טן אַפּריל. ווען דער צענט. אויס. - קאָמיטעט האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין די מאַסן, און די מאַסן האָבן זיך פון אים גייסטיק דערווייטערט, האָט זיך די בורזשואַזיע אַנטשלאָסן אָנצוהויבן אַ קאַמף מיט די ר אַ ט ן בכלל, מיט זייער אַפילו גאַנץ מעסיקער אידעאָלאָגיע. די פּאָליטיק, וועלכע דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט געפירט אין די דאָזיקע טעג, האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן פונק, וועלכער האָט געטליעט אין דער בורזשואַזיע, און זי פאַרשטאַרקט — דורך די וואַקלדיקע מאַסן פון איבערגעשראָקענע קליין-בירגער.

די יולי-טעג האָבן געלאָזן נאָך זיך צוויי וויכטיקע פּאָליטישע סך-הכלען. ערשטנס איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער קראַפט די קאָנטר-רעוואָלוציע, סיי די נישט-אָרגאַניזירטע, די קליין-בירגערלעכע, סיי די אָרגאַניזירטע, די פּאַרטייאישע און מיליטערישע. צווייטנס איז אין דער דעמאָקראַטיע פאָרגעקומען אַ טיפע שפּאַלטונג — עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי שאַרף צעטיילטע לאַגערן. אויף דער זייט פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט זענען געבליבן די מענשעוויקעס און רעכטע ס.-ר.-ן; קעגן אים — די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן, און אַ ג ר ו י ס ע ט ײ ל סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. מיטן דאָזיקן שפּאַלטונגס-מאָמענט אין דער דעמאָקראַטיע פאַלט צענויף די אָנגעהויבענע שפּאַלטונג אין די רייען פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. דער לינקער פליגל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט זיך אין די יולי-טעג דערנענטערט און סאָלידאַריזירט מיט די באָלשעוויקעס. צוזאַמען מיט זיי, און אָפט אויך אָן זיי (ווען זיי זענען געווען אַרעסטירט און פאַרפאָלגט אין לאַנד) האָבן זיי אָביעקטיוו אָפּגעשאַצט די לאַגע, באַקעמפט די פּאָליטישע רעאַקציע, וועלכע האָט געהערשט אַרום און אַרום,

געפאָדערט אָפּצושאַפן טויט-שטראָף (באַזונדערס בולט אין דער פּערזאָן פון ספּירידאָנאָוואַ) און שאַפן אַן איינהייטלעכע טאָציאַליסטישע רעגירונג. אין דער צייט, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געהאַט אויסצושטיין די זעלבע פאַרפאָלגונגען, ווי די באָלשעוויקעס (צוגלייך מיט טראָצקין און לונאַטשאַרסקין זענען אַרעסטירט געווען די לינקע סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן פּראָשיאַן און אוסטינאָוו), האָט זייער צווייטע טייל אין צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און אין דער פּראָווינץ (ספּירידאָנאָוואַ, קאַמקאָוו, נאַטאַנסאָן און אַנד.) פאַרטיידיקט די אידעען פון די יולי־טעג. דוקא אין דער אַטמאָספער פון אַלגעמיינער העצע און רעוואָלוציאָנערער ירידה איז פאָרגעקומען די ערשטע דערנענטערונג פון ביידע פּאָליטישע גרופּן, וואָס שפּעטער איז זיי באַשערט געווען צו קומען מיטאַנאַנדער נאָך אין אַ נענטערע פאַרבינדונג.

די צווייטע קאָאַליציע. די דיקטאַטור

מיר געדענקען, אַז די יולי־געשעענישן האָבן געפונען די רעגירונג אין צושטאַנד פון צעפאַלונג. מ'האָט זי געדאַרפט שאַפן פון דאָסניי. מיר געדענקען, אַז דער צענט. אויספיר־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן רופן צוליב דעם אַ ראַטן־קאָנפערענץ, פון וועלכער מ'האָט געקענט דערוואַרטן אונטערשטיצונג פאַר די טעאָרעטישע אויסרעכנונגען פון די פירער. אָבער נאָך די געשעענישן אויפן פראָנט איז דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט באַהערשט געוואָרן דורך פּאַניק און וואַקלעניש. נישט וואַרטנדיק אויף דער קאָנפערענץ האָט ער באַשלאָסן די פראַגע וועגן דער קאָנסטרוקציע פון דער מאַכט. די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן האָבן נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין פאַרלאַנג צו נעמען די מאַכט אין זיינע הענט, צו פאַרצעגאַבן זיין אחריות, נאָר פאַרקערט, — ער האָט

וואָס גיכער זי געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף עמיצן אַנדערש־ די מורא פאַר מאכט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מעסיקער דעמאָקראַטיע, האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן נאָך בולטער, ווי בעתן בילדן די קאָאַליציע.

דעם 10 יולי האָט ער פּראָקלאַמירט די רעגירונג אַלס „רעגירונג צו ראַטעווען די רעוואָלוציע”, און דורך א פאָרמעלער רעזאָלוציע האָט ער איבערגעגעבן אין אירע הענט די גאַנצע מלוכה־מאַכט. מיט אַנדערע ווערטער, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע האָט ער באַשלאָסן שאַפן אַ דיקטאַטור. גראָד דעמאָלט איז אויפן באָדן פון מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן די אַגראַר־געזעצן אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג דער פירשט לוואָוו. אַלס פּרעמיער־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן קערענסקי.

אַזוי אַרום האָט דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט מיט זיין אייגענעם ווילן זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ווייטערדיקער השפעה אויפן גאַנג פון די געשעענישן און אים געלאָזן אויפן באַראָט פון אַ גרופּע פּערזאָנען מיט אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן. דורכדעם אַליין האָט ער די דאָזיקע גרופּע אָפּגעריסן פון די ראַטן און זיי געשטעלט אין רשות פון אַנדערע השפּעות. ס'האָט נישט געקענט זיין דער מינדסטער ספק, אַז ביי דער אַלגעמיין־אָנוואַקסנדיקער פּאָליטיש־רעאַקציאָנערער שטימונג, וועט די דאָזיקע השפּעה זיין רעאַקציאָנער, בורזשואַז־מיליטעריש, אַנטי־דעמאָקראַטיש. דאָס לאַנד איז געווען אויפן וועג צו אַ דיקטאַטור קעגן דער דעמאָקראַטיע.

דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט — ווי כ'האָב שוין געזאָגט אויבן — האָט אַרויסגעוויזן אַנטשלאָסנקייט ביים אונטערדריקן דעם ווילן פון דער לינקער דעמאָקראַטיע; ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַנטשלאָסנקייט ביים שאַפן אַ דיקטאַטור, ד. ה. ביים אָפּנעמען די מאַכט פון די מאַסן און איבערגעבן זי אין די הענט פון יחידים, אָבער מער אַנטשלאָסנקייט האָט אים שוין נישט געקלעקט. זיך און די מאַסן האָט ער פאַררוקט אין הינטערגרונט. דאָס האָט באַדייט, אַז ער אַליין און די פּאַרטייען

פון דער מעסיקער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן אים געשטיצט, זענען באַהערשט געוואָרן דורך אַ פּאָליטישער פּאַניק. דאָס האָט גלייכצייטיק באַדייט, אַז פאַר דער בורזשואַזיע איז אָנגעקומען די תקופה פון פּאָליטישער העגעמאָניע.

ס'מאַכט נישט אויס, וואָס אין דער רעגירונג זענען געזעסן די אויסאַריטעטסטע פּאָרשטייער פון ראַט, און פון די בורזשואַזע פירער זענען — נאָכן אַוועקגיין פון די קאַדעטן — פאַרבליבן אין איר בלויז פּערסאָנעל די בירגערלעכע מיניסטאָרן; דער דראַנג צו אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, דאָס צופּאַסן די גאַנצע פּאָליטישע ליניע צו דער האָפּנונג אויף באַנייען די דאָזיקע קאָאַליציע — האָבן ווייטער געבילדעט דעם גרונט-שטריך, דעם סטימול פון דער גאַנצער רעגירונגס-טעטיקייט. און דעריבער האָט די נייע רעגירונג (די דריטע לויטן צאָל) באַטראַכט פאַר איר שטענדיקער און דרינגנסטער אויפגאַבע די רעקאָנסטרוקציע — אויף פריערע יסודות. די דאָזיקע אויפגאַבע איז זייער פאַרשטענדלעך, ווייל אויב זיך שוין יאָ האַלטן ביי אַ קאָאַליציע-רעגירונג, „איז נויטיק, אַז די קאָאַלירנדיקע טיילן זאָלן זיך באמת שטיצן אויף געהעריקע קלאַסן-כחות". פאַר אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע האָט מען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט זוכן נישט סתם בורזשואַזע מיניסטאָרן, נאָר מיניסטאָרן — באַפולמעכטיקטע שלוחים פון דער בורזשואַזיע. ביי די געגעבענע באַדינגונגען האָט אַזעלכע מיניסטאָרן געקאָנט געבן בלויז די קאַדעטישע פּאַרטיי. און דעריבער, נישט געקוקט אויפן אויפרייס, וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן אין באַשטאַנד פון דער מאַכט דעם 1-טן יולי, איז זי פאַקטיש געוואָרן אַ אַנטשיידנדיקע פּאָליטישע קראַפט. די „דיקטאַטור-רעגירונג" האָט געמאַכט אָפּהענגיק איר גורל פון באַשלוס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי און, פאַרשטייט זיך, אַז אין האָפנונג אויף איר גינסטיקע הסכמה איז געפירט געוואָרן די האַנדלונגס-ליניע פון דער דאָזיקער רעגירונג. די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור איז געצוווּנגען געווען צו באַווייזן דער בורזשואַזיע איר פּאָליטישע

„רייפקייט", כדי זי איינצורעדן צו באַטייליקן זיך אין דער מאַכט. ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע „באַחיינן" האָבן געדאַרפט געגעבן ווערן אויפן חשבון פון דער דעמאָקראַטיע און דער רעוואָלוציע. דאָס דאָזיקע אויף־די־נעגל־קריכן פאַר דער בורזשואַזיע האָט צוגענומען נישט ווייניקער ווי 15 טעג, ביז דעם 25־טן יולי.

צוריקשטעלן די אָרדנונג אין דער אַרמיי און אין „טילי" און באַנייען די קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע — אָט דאָס זענען געווען די צוויי אויפגאַבעס פון דער „רעגירונג צו ראַטעווען די רעוואָלוציע". און פאַר זיי האָט זי זיך גענומען.

אמת, אין צענטר. אויספיר־קאָמיטעט איז דעם 8־טן יולי פאָרמולירט געוואָרן אַ נייע פראָגראַם, וועלכע איז דעם 17־טן יולי באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער באַראַטונג פון אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן; אין פאַרגלייך מיט די פראָגראַמען פון 2־טן מערץ און 6־טן מאַי האָט זי שפּראַכלעך פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ געוויסן טריט פאָרויס. אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט זי צוגעזאָגט „פאָרלייגן די פאַרבינדעטע צענויפ־צורופן אַ קאָנפערענץ אין משך פון חודש אויגוסט, כדי צו באַשטימען די אַלגעמיינע ליניע פון דער אויסערלעכער פּאָלי־טיק פון די „פאַרבינדעטע", און אין דער אינערלעכער — „ענערגישע טריט אויפן אַגראַרן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן גע־ביטן און צענויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג". דרך־אגב דאַרף מען צוגעבן, אַז די דאָזיקע אַלע פּראָגראַמען פלעגן יעדעס מאָל זיין אַ רעזולטאַט פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער גאַס, אַ פועל־יוצא פון אוממיטלבאַרן דרוק פון די מאַסן. און אפילו די באַוועגונג פון 3—5־טן יולי, ווי מ'זאָל זי נישט האָבן פאַראורטיילט אין צענטר. אויספיר־קאָמיטעט, דוקא זי האָט געגעבן דעם שטויס צו פאָרמולירן אַ נייע, אַ מער ענערגישע פּראָגראַם. אָבער, ווי באַקאַנט, יעדע געצוווּנגענע פּראָגראַם, וועלכע ווערט מיט געוואַלט אַרויסגעריסן דורך די מאַסן, זאָל זיין פון אַ פאָלקס־פיינטלעכע רעגירונג, אָדער פון אַ מאַכט, וועלכע האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיטן פאָלק, —

זאָגט תמיד צו מער, ווי פריער, פאַר דער באַוועגונג פון די מאַסן, אָבער ווינציקער, ווי די מאַסן פאָדערן. אויך די דאָזיקע פראָגראַם פון 8-טן יולי האָט גערעדט וועגן אַ סך, זי האָט אָבער נישט געגעבן גלייכצייטיק די עיקר-גאַראַנטיע וועגן איר לעבנס-פעיקייט, זי האָט נישט געשאַפן קיין נייע קאָנסטרוקציע פון דער מאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט, וואָס דער צענטר. אויספיר-קאָמיטעט האָט די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער פראָגראַם איבערגעגעבן אין די הענט פון דער גייער קאָאַליציע, האָט ער זי׳ לחלוטין נישט פאַרזיכערט. מיר רעדן שוין נישט וועגן דער אילוזאָרישקייט פון יענער זעלבער „גרויסמאַכטן-קאָנפערענץ״, וועגן וועלכער טשערנאָוו און צערעטעלי האָבן גערעדט מיט אַזוי פיל ספקות נאָך פאַרן קראַך פון דעם אַרמיי-אָנגריף.

מיר וועלן אָבער נישט באַטראַכטן די ווערטער פון דער פראָגראַם, וועלכע די רעוואָלוציע האָט שוין געזען אַזוי פיל, בפרט נאָך, אַז די פראָגראַם פון 8-טן יולי איז געשריבן געוואָרן אויף דער פלייצע פון באַזיגטן פעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט. לאָמיר בעסער אַ בליק טאָן אויף דער טעטיקייט פון דער רעגירונג, אין וועלכער קערענסקי איז געווען פאָרזיצער און קריגס-מיניסטער, צערעטעלי — מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, טשערנאָוו — פאַר לאַנדווירטשאַפט און סקאָבעלעוו — פאַר אַרבעט.

דעם 13-טן יולי, אויף דער זיצונג פון די קאָמיטעטן פון אַרבעטער- און פויערים-דעפּוטאַטן איז קערענסקי אַרויסגעטראָטן מיט אַ פראָגראַם-רעדע. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַן אוידיטאָריע, וועלכע האָט שוין פון פריער געהאַט מותר געווען אויף אירע רעכט לטובת דער רעגירונג און דעריבער האָט ער געקענט זיין קורץ. ער האָט געפאָדערט פון העכסטן אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע „אַ פולע און ענערגישע פאַרניכטונג פון די עלעמענטן, וועלכע שטעלן זייערע אינטערעסן העכער פאַר די אינטערעסן פון פאָלק״, דאָס הייסט, די פאַרניכטונג פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, אַלס גלייכבאַרעכ-

טיקטע טייל פון דער דעמאָקראַטיע. אָט טאַקע די טייל פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע האָט ער באַצייכנט מיטן נאָמען „אַנאַרכיע", און געבעטן ביים העכסטן אָרגאַן פון דער רעוואָ־לוציע די ברכה צו זיין קאַמף מיט איר. דורכפירנדיק די דאָ־זיקע וויוויסעקציע איבערן קערפער פון דער אומטיילבאַרער דעמאָקראַטיע און באַפרייענדיק זיך פון דער השפעה פון איר געבליבענער מעסיקער טייל, האָט קערענסקי גלייכצייטיק מודיע געווען, אַז ער קלייבט זיך צענויפצורופן אין מאָסקווע אַן אַל־רוסישע באַראַטונג, ווו עס דאַרפן זיין רעפּרעזענטירט „אַלע לעבעדיקע כחות פון לאַנד", ביי וועלכע ער וועט בעטן אונ־טערשטיצונג. צולעצט האָט ער פאַרזיכערט, אַז אַלע פּרוון צו־ריק איינצופירן אין רוסלאַנד אַ מ אָ נ אַ ר כ י ע וועלן ענערגיש אונטערדריקט ווערן. אָט דאָס איז דער זין און גייסט פון דער נייער דיקטאַטור־רעגירונג. אין דער דאָזיקער דערקלערונג איז שוין די רעוואָלוציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוריק צו אירע פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס, זי האָט זיך שוין פאַרטיידיקט פון דער מאָנאַרכיע, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין וואָרט די רעפּובליק. אין דער דאָזיקער דערקלערונג האָט די רעגירונג אויך צוגע־זאָגט צו פירן אַ קאַמף פאַר „אָרדנונג" — אַ קאַמף אויף לינקס, — און דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער איז ביז איצט געווען דער מקור פון קראַפט פאַר דער רעגירונג, ווערט באַזייטיקט אין נאָמען פון אַן אַנדערן, „אַלגעמיינעם פאָלקס־מקור".

די אָנפירנדיקע פּאַרטייען פון צענטר. אויספיר־קאָמיטעט, די מענשעוויקעס און רעכטע ס.־ר.־ן זענען געווען אַקעגנגע־גאַנגען אַזאַ פּראָגראַם. אויך זיי האָבן אין זייער רעזאָלוציע שאַרף אויסגעדריקט זייער באַציונג צו די באָלשעוויקעס, מיט וועלכע עס זענען געבליבן בלויז די גרופּן לינקע סאָצ. רעוו. און די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. קערענסקי האָט גע־קענט אָוועקגיין אַ צופרידענער. דרך אַגב דאַרף מען צוגעבן, אַז דאָס איז געווען קערענסקיס פאַרלעצטע דערשיינונג פאַר די־ראַטן.

די רעוואָלוציאָנערע פּרעראָגאַטיוון, וועלכע ער האָט צו־ גענומען ביי די ראַטן, האָט ער ווי אויף תמיד אוועקגעטראָגן צוערשט פאַר דער צייטווייליקער רעגירונג, און דערנאָך פאַר זיך אליין. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן וועט אים איבערשניידן דעם וועג צו יענעם אָרגאַן פון דער רעוואָ־ לוציע, וועלכער האָט אים אַרויסגעטראָגן אויף דער שפּיץ כוואַליע.

די פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט זיך ראַש אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג קעגן דער דעמאָקראַטיע. אויף דער רעוואָלוציע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קלעפּ פון אירע אייגענע קינדער. אַ גאַנצע פּאָליטישע פּאַרטיי — די באָלשעוויסטישע,— וואָס האָט געהאַט הינטער זיך באַוווסטזיניקע רעוואָלוציאָנערע קאַדרען פון דער דעמאָקראַטיע, איז געשטעלט געוואָרן אונטערן ערגסטן חשד, — אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש. נאָך די אַרעסטן האָט מען גענומען פאַרמאַכן די באָלשעוויסטישע צייטונגען. די פּאָלקן, וועלכע זענען פאַרמישט געווען אין די געשעענישן פון 3—5־טן יולי זענען פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן. די פּעטראָגראַדער אַרבעטער זענען אַנטוואָפנט געוואָרן. דורכדעם אַליין האָט מען צעשטויבט, אָפּגעשוואַכט און גייסטיק דערנידעריקט די הויפּט־ כּחות פון דער דעמאָקראַטיע. צערעטעלי האָט פאַנאַנדערגע־ שיקט איבערן לאַנד אַ צירקוליאַר, וועלכער האָט פאַרשטאַרקט די מאַכט פון די קאָמיסאַרן אויף די ערטער. די דאָזיקע פאַר־ שטייער פון דער צענטראַלער רעגירונג האָט ער זיך באַמיט מאַכן פאַרן מיטלפּונקט פון אַ „שטאַרקער מאַכט" אין דער צייט, ווען גראָד אויף די ערטער זענען שטאַרק געווען די עכטע אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע — די ראַטן. די פּראָ־ ווינציעלע ראַטן האָבן זיך געמעגט על־פּי־רוב באַשטיין פון פאַר־ שטייער פון מעסיקע פּאַרטייען, אָנהענגער פון מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע, אָבער דורכן גאַנג פון די געשעענישן זענען גראָד זיי געוואָרן די איינציקע אויטאָריטעטע מאַכט־צענטרען.

זיי האָבן כמעט תמיד געווירקט אין דער ריכטונג פון רעוואָ-לוציאָנערן וואַקסן, און דעריבער אומאָפּהענגיק און אָפּט קעגן דער צענטראַלער רעגירונג.

דעריבער איז דער איצטיקער פּרווו אומצוקערן די קראַפט דעם אדמיניסטראַטיוון פּעטראָגראַד, אויפגענומען געוואָרן אַלס רעאַקציאָנערע טענדענץ.

אין דערזעלבער צייט האָט צערעטעלי אין אַ ספּעציעלן צירקוליאַר באַפוילן דיזעלבע קאָמיסאַרן (אפילו נישט די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס) צו קעמפן קעגן „דער אייגנמעכטיקער צעטיילונג פון לאַנד-שטחים", קעגן „פאַרכאַפּן, צעאַקערן און פאַרזייען פרעמדע פעלדער". דערמיט האָט זיך דער סאָציאַליסטישער מיניסטער אומגעקערט צו דער טערמינאָלאָגיע פון נאָר-וואָס אָפּגעטראָטענעם פריצישן מיניסטער פירשט לוואָוו. גראָד די דאָזיקע ערד-פאַנאַנדערטיילונג דורכן פויערטום איז געווען איינע פון די הויפּט-סיבות פאַרן קאָנפליקט מיט די קאַדעטן, גראָד דאָס דאָזיקע צייטווייליקע איבערגיין פון באָדן אין רשות פון די ערד-קאָמיטעטן האָט נאָך געפאָדערט אין מאַי דער 1-טער אַלרוסישער פויערים-צוזאַמענפאָר.

אמת, דעם 12-טן יולי איז טשערנאָוו, סוף-כל-סוף, געלונגען דורכצוזעצן אַ באַשלוס פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועגן פאַרבאָט צו מאַכן טראַנזאַקציעס מיט ערד, אָבער די דאָזיקע תרופה האָט שוין נישט געקענט באַפרידיקן דאָס פויערשע לאַנד, וועלכעס האָט זיך נישט דערוואַרט אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

אים איז ווייניק געווען די יורידישע פאַרזיכערונג פון ערד-פאָנד פאַר דער צוקונפט. עס האָט זיך גענויטיקט אין אַ תיכפדיקער ווירטשאַפטלעכער באַנוצונג מיט איר. דעריבער האָט זיך פון אַלע קאַנטן געטראָגן אַן אייגנהייטלעכע, מעכטיקע פאָדערונג וועגן איבערגעבן דעם גאַנצן באָדן אין רשות פון די ערד-קאָמיטעטן. דעריבער האָבן אין אַ סך גובערניעס די ערד-קאָמיטעטן און די פויערים-ראַטן אייגנמעכטיק איבערגענומען אין זייער רשות דעם באָדן, כדי אויסצומיידן אַגראַר-אומרוען

און אַ דערנערונגס־קאַטאַסטראָפע. דעריבער טאקע האָט דעם 16־טן יולי דער הויפּט־ערד־קאָמיטעט אַליין אָנגענומען אַ נייע רעדאַקציע פון געזעץ וועגן די ערד־קאָמיטעטן: „אין רשות פון די ערד־קאָמיטעטן גייען איבער אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע ערד־שטחים, טייכן און וועלדער, ביז די אַגראַר־פראַגע וועט געלייזט ווערן דורך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג... אויף די קאָמיטעטן ליגט דער חוב צו נאָרמירן די ערד־באַציִונגען".

דער דאָזיקער געזעץ־פּראָיעקט האָט געדאַרפט פאָרגעלייגט ווערן דער רעגירונג; אָבער אין דערזעלבער צייט האָט צערעטעלי, פאַרגעסנדיק וועגן דער רעוואָלוציע, דערקלערט אין אַ צירקוליאַר, אַז „די פרווון אייגנמעכטיק צו פאַרווירקלעכן די אַגראַר־רעפאָרם אויף די ערטער דורך באַשלוסן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן און פויערים־צוזאַמענפאָרן — ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר נישט דערלאָזבאַר". אַזאַ צוריקשטעלונג פון דער אָרדנונג, וואָס האָט, אין תוך גענומען, אַריינגעבראַכט אומאָרדנונג אין די נאָרמאַל זיך אַנטוויקלענדיקע באַדינגונגען, און וואָס איז געקומען אָנשטאָט אַ שנעלער צעגויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אָדער אַן אייליקער פאַרעפנטלעכונג פון אַ צייטווייליקן געזעץ, האָט, פאַרשטייט זיך, נאָר געקענט הייבן די האָפנונגען פון די פריצים און אַריינטראָגן אויפרעגונג אין די פויערים־מאסן. פאַרשטייט זיך, אַז די מאַסן האָבן זיך דערביי גאַנץ ווייניק אינטערעסירט מיט די פּאָליטישע אידעען פון דער קאָאַליציע, לטובת וועלכער אַזעלכע צירקוליאַרן זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן. אין אינדוסטריעלן ווירטשאַפטס־געביט איז אויך אַלץ געבליבן ביים אַלטן. נישט קיין אנדערע ווי די מענשעוויקעס האָבן אויפן שאַרפסטן אופן קריטיקירט דאָס האַנדלס־מיניסטעריום, וועלכעס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער מלוכהשער רעגולירונג פון דער פּראָדוקציע און מיט פאַנאַנדערטיילן די פּראָדוקטן. „דאָס האַנדלס־מיניסטעריום איז אַ רויבער־נעסט", האָט איינער פון זיי דערקלערט, און אויף דער באַראַטונג פון די ראַטן, דעם 19־טן יולי, האָט טשערעוואַניגן מודיע געווען פאָלגנ־

דיקעס: „די שפּעריש טעטיקייט פון דער דעמאָקראַטיע, וועל־כע שטרעבט דורכצופירן די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פון דער צייטווייליקער רעגירונג, טרעפט אָן אויף אַ ענערגישן ווידערשטאַנד מצד דעם מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג פּאַלטשינ־סקי, וואָס אין זיינע הענט זענען קאָנצענטרירט די וויכטיקסטע פונקציעס אויף צו רעגולירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן. אַלס פאַר־טרויאונגס־מאַן פון קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס — איז ער ממשיך די פּאָליטיק פון אַלטן רעזשים, ד. ה. ער לאָזט צערויבן דעם פאָלקס־ און מלוכה־פאַרמעגן דורכן פּריוואַט־קאַפּיטאַל. אין דערזעלבער צייט סאַבאָטירט ער די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פון דער קאָאַליציע־רעגירונג". טשערעוואַנין דער עקאָנאָמיסט זעט, פאַרשטייט זיך, דעם סאַבאָטאַזש פון מיטגליד פון דער קאָאַ־ליציע-רעגירונג, אָבער טשערעוואַנין דער פּאָליטיקער פאַרשטייט נישט, אַז די שולד ליגט נישט אין בורזשואַזן מיניסטער, נאָר אין וועזן פון דער קאָאַליציע־מאַכט.

די רעאַקציאָנערע כוואַליע. „דער קאַמף אויף צוויי פראָנטן"

אויב די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון רעאַקציע האָט זיך אַזוי שנעל פאַרשפּרייט הינטערן פראָנט, איז זיך שוין נישט שווער פאָרצו־שטעלן אירע פאָלגן אין דער אַרמיי. די אויבערשטע אַרמיי־אָנפי־רונג איז אָפּגענומען געוואָרן ביי ברוסילאָווען, וועלכער האָט בשעתו געוואָרנט פאַרן אָנגריף, און מ'האָט זי איבערגעגעבן קאָרני־לאָוון. דער דאָזיקער גענעראַל האָט זיך באַרימט געמאַכט דער־מיט, וואָס דעם 21־טן אַפּריל האָט ער אָן דערלויב פּרובירט מאָ־ביליזירן די אַרטילעריע קעגן פּעטראָגראַדער פאָלק, און צוליב דעם געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די הויפּט-שטאָט פון דער רעוואָלוציע. אויפן פראָנט, נאָכן אָפּטרעטן פון דער אַרמיי,

האָט ער צוזאַמען מיט סאָווינקאָוון — דעם אַרמיי-קאָמיסאַר — גע-פאָדערט איינפירן טויט-שטראָף. ער האָט אויסגעפירט זיינס און אַלס „מענטש מיט אַ שטאַרקער האַנט”, איז ער געוואָרן די האָפ-נונג פון דער איבערגעשראָקענער רעגירונג און פון די העכערע מיליטער-קרייזן, וועלכע האָבן גענומען אויפהויבן די קאָפּ. אַלס די איין-און-איינציקע „האָפנונג” האָט ער גענומען שטעלן דער רעגי-רונג פאַרשידענע באַדינגונגען, און אויפן פראָנט — אָפּשאַפן אַלע זעלנער-פרייהייטן. דורך אַ באַפעל האָט ער אויפגעפאָדערט אַלע זעלנער און אָפיצירן, וועלכע זענען באַשעפטיקט געווען אין די אַרמיי-אָרגאַניזאַציעס, זיך שטעלן אונטערן ביקס. ער האָט פאַרבאָטן יעדע אַרט פאַרזאַמלונגען אין געביט פון די קאַמפס-אָפּעראַציעס, און אַפילו פאַרבאָטן די קאָמיטעטן צו באַהאַנדלען דעם דאָזיקן באַפעל. ס'איז קלאָר, אַז די גרעסטע סכנה האָט גע-שוועבט איבער דער אַרבעט צו דעמאָקראַטיזירן די אַרמיי, וואָס אָן דעם האָט זי, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געקענט עקסיסטירן אַלס פאָלקס-אַרמיי, זי האָט בלויז געקענט ווערן אַ כלי-זין אין די הענט פון אַ מיליטערישער קאָנטר-רעוואָלוציע. די לאַגע איז מיט-אַמאָל געוואָרן אויף אַזוי פיל ערנסט, אַז די באַראַטונג פון די ראַטן איז דעם 17-טן יולי געצוווּנגען געווען צו קאָנסטאַטירן, אַז „אונטערן אויסרייד פון צוריקשטעלן די דיסציפלין ווערן ביי היינ-טיקס טאָג אָפט געמאַכט פרוון צו צעשטערן די אַרמיי-אָרגאַני-זאַציעס”. נעמענדיק דאָס אין אַכט האָט זי דערקלערט, אַז „קיין שום אַטענטאַטן אויף די רעכט און אויף דער טעטיקייטס-פרייהייט פון די דאָזיקע אָרגאַנען טאָרן נישט געדולדעט ווערן”. ס'איז לייכט צו באַמערקן, אַז די ראַטן זענען דאָ אַרויסגעטראָטן שוין נישט ווי אָרגאַנען, וועלכע האָבן דעם באַוווּסטזיין פון זייער מאַכט, נאָר ווי יועצים פון דער רעגירונג. זיי האָבן געשפּירט, אַז ביי היינטיקס טאָג האָבן זיי אַרויסגעלאָזן די מאַכט פון זייערע הענט, אַז זי געפינט זיך איצט ביי אַנדערע — און אָנשטאָט אָנצונעמען באַשלוסן און פאָדערן זיי אויסצופירן, האָבן זיי בלויז געקענט געבן עצות און אָנווייזונגען. דאָס הייסט נישט, זעלבסטפאַרשטענד-לעך, אַז אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען די לאַגע אין דער ווירק-

לעכקייט: די נאָנטסטע געשעענישן האָבן ארויסגעוויזן די קראַפט פון די אַרמיי־קאָמיטעטן. אָבער פאַר דער מעסיקער דעמאָקראַטיע פון יענער צייט איז כאַראַקטעריסטיש די דאָזיקע סוביעקטיווע זעלבסט־באַגרעניצונג, וועלכע האָט געמוטיקט די פיינטלעכע עלעמענטן.

אַ רעאַקציאָנערער ווינט האָט געבלאָזן אין אַלע געביטן פון מלוכה־לעבן. דעם 18־טן יולי איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן דער פינלענדישער סיים צוליב דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן פינלאַנדס אומאָפּהענגיקייט, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף דער רוסישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אויב דער רוסישער צייטווייליקער רעגירונג איז אַפילו פאָרגעקומען, אַז זי האָט אַ געוויסן פאָרמעלן גרונט צו פּראָטעסטירן, איז דאָך די פּאָליטיש־רעאַקציאָנערע באַדייטונג פון דאָזיקן אַקט געלעגן אויסער יעדן ספק. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ קאַמף (און אפשר אַ בלוטיקן) מיט אַ פאָלק, וואָס זיין אומאָפּהענגיקייט איז אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געווען געזיכערט. די פאַרשלעפּונג פון אומפאַרמיידלעכן היסטאָרישן פאַקט האָט בלויז געקענט וועקן אומצוטרוי, אומצוטרוי סיי צו רוסלאַנדס גוטן ווילן צו געבן אומאָפּהענגיקייט און אויך צו דער עצם צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אין דער אמתן איז אָבער די דאָזיקע פאַרשלעפּונג פאָרגעקומען אונטערן דרוק פון די בורזשואַזע קרייזן, פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, — און איז לחלוטין פרעמד געווען די פאָלקס־מאַסן;

און צולעצט, די לעצטע, אָדער ריכטיקער, די ערשטע פראַגע, די אויסערלעכע פּאָליטיק... וואָס טוט די צייטווייליקע רעגירונג כדי צו דערגענטערן דעם שלום? דעם 19־טן יולי ווענדט זי זיך צו די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן מיט אַ דערקלערונג, אין וועלכער זי פאַרענטפערט זיך און שלאָגט זיך על חטא פאַר זיי פאַר דעם דורכגעפאַלענעם אָנגריף, און די גאַנצע שולד וואַרפט זי אַרויף אויף דער „פאַרברעכערישער ראַפּאַגאַנדע" פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, וועלכע איז אויסגענוצט געוואָרן דורך פיינטלעכע אַגענטן. אָפּטרנדיק אַלץ מיט דער דאָזיקער טיפּיזיקער דערקלערונג פון די געשעענישן, דערקלערט די נאָטע: „אומ־

דערשיטערלעך אַנטשלאָסן צו ממשיך זיין די מלחמה ביזן פולשטענדיקן טריאומף פון די אידעאַלן, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט, וועט רוסלאַנד נישט צוריקטרעטן פאַר קיין שום שוועריקייטן. איבערטרעטנדיק די שוועל פון פערטן מלחמה־יאָר, וועט דאָס לאַנד און די אַרמײ מאַכן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען פאַר דער ווייטערדיקער קאַמפּאַניע". דאָ איז גאָר קיין רייד נישטאָ וועגן שלום, אַפילו נישט וועגן רעווידירן די מלחמה־צילן; רוסלאַנדס מאַכט־האָבער שרייבן דאָ ווידער אונטער אויפן חשבון פון פאָלק אַ התחייבות צו פירן די מלחמה.

מיר זעען אַלזאָ, אַז כאָטש די רעגירונג האָט נאָך דערווייל נישט געהאַט אין איר באַשטאַנד קיין אָרגאַניזירטע בורזשואַזע פאָרשטייער, פונדעסטוועגן האָט זי געהאַנדלט אין זייער גייסט. אונטערן פאָרזיץ פון קערענסקין האָט דער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים טערעשטשענקאָ ווייטער געפירט זיין געוויינלעכע פאָליטישע ליניע, ווי פריער אונטערן פאָרזיץ פון פירשט לוואָוו.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען די טעטיקייט פון דער רעגירונג „צו ראַטעווען די רעוואָלוציע". ווי באַקאַנט האָט זי צוגעזאָגט צו קעמפן נישט נאָר אויף לינקס, נישט נאָר מיט דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך מיט דער קאָנטררעוואָלוציע. מ'האָט אָבער געמעגט שטאַרק ספקן אין דעם, צי איר וועט געלינגען צו פירן דעם דאָזיקן קאַמף גלייכצייטיק אויף צוויי פראָנטן. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אָבער אוממעגלעך געווען דורכצופירן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די רעגירונג האָט זיך באַפרייט פון איר אָפּהענגיקייט פון די ראַטן און גלייכצייטיק געזוכט מעגלעכקייטן צו דערנענטערן זיך צו דער בורזשואַזער טייל פון לאַנד. אָט די דאָזיקע צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער רעגירונג האָבן איר לייכטער געמאַכט די אויפגאַבע צו טיילן קלעפּ אויף לינקס און האָבן אָפּגעהאַלטן אירע קלעפּ אויף רעכטס. אַנדערש האָט גאָרנישט געקענט זיין.

דערווייל האָבן זיך געמערט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע סימפּטאָמען. אייניקע מיליטער־טיילן האָבן אָפּגעהאַלטן געהיימנישפולע באַראַטונגען הינטער די פּלייצעס פון ראַט. צווישן דער באַפעלקערונג זענען פאַרשפּרייט געוואָרן שמוציקע פלוג־בלעטלעך און צייטונגען. אונטער דער מאַסקע פון אָנפאַלן אויף די באָלשעוויקעס ווערט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן די ראַטן בכלל, קעגן די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן און קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג. מיט גרויס געשיקטקייט איז געמיסטיקט געוואָרן דער באָדן פאַר דער אידעע פון אַ מיליטערישער דיקטאַטור. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע גאַנצע אונטערערדישע אַגיטאַציע איז געדיכט באַדעקט געווען מיט אַנטיסעמיטישע פאַרבן. אונטער פאַרשידנאַרטיקסטע „פּאַטריאָטישע" נעמען זענען אַרויסגעשווומען אויף דער פּאָליטישער אַרענע פאַרשידענע פירער און גרופּן, וועלכע האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלס „טרייע אונטערטאַנען", איבערגעגעבענע דער רעגירונג און פיינטלעכע צו די ראַטן, האָבן זיך אין יענער צייט אויסגעצייכנט, אַ חוץ אַ טייל קאַדעטן, אויך די יונקערס פון די קליין־ און גרויס־בורזשואַזע פאַמיליעס, ווי אויך פאַרשידענע פּריוואַט־מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס.

אין אַ סך שטעט פון לאַנד פלעגן כסדר פאָרקומען צוזאַמענשטויסן פון זעלנער, אַמאָל אויך פון אַרבעטער מיט דער מאַכט. אין העלסינגפאָרס, כאַרקאָוו, ניזשני־נאָווגאָראָד, ריאַזאַן און טווער, ווי אויך אין אַנדערע פונקטן, האָבן די זעלנער זיך אָפּגעזאָגט גיין אויפן פראָנט, געראַבעוועט די מאַגאַזינען, און אַמאָל אויך געמאַכט אַטענטאַטן אויף די ראַטן. אין די דאָזיקע אַלע האַנדלונגען, אַרויסגערופענע דורך די שווערע לעבנסבאַדינגונגען פון די מאַסן, איז גלייכצייטיק קענטיק געווען אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע האַנט, וועלכע האָט זיך באַמיט אַריינצושטויסן דאָס לאַנד אין תהום פון אַנאַרכיע. אָבער די דאָזיקע געהיימע האַנט האָט געקענט אַרבעטן, ווייל זי האָט געשעפּט איר רייכן מאַטעריאַל פון די הימל־שרייענדיקע סתירות פון דער רעוואָלוציע.

פון אָנגעשטרענגטן און אומאַנטשלאָסענעם צושטאַנד, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די פראַגן פון מלחמה און שלום, פון דער שפּאַלטונג אין דער דעמאָקראַטיע, וועלכע די יולי־טעג האָבן אַרויסגערופן.

די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט געהאַט אַ גענוגן גרונט צו טרייבן רכילות קעגן דער דעמאָקראַטיע. דער פּראָצעס קעגן די באָלשעוויקעס איז פאַרטראַכט און דורכגעפירט געוואָרן אַלס פּראָצעס וועגן זייער „מלוכה־בגידה", וועגן געבן הילף דעם שונא. דורכדעם אַליין איז געוואָרפן געוואָרן אַ שאָטן פון רכי־לות אויף די ראַטן בכלל, אויפן סאָציאַליזם בכלל. דער פּאָלי־טישער קאַמף איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער פאַרגיפ־טעטער אַטמאָספער פון שמוציקע חשדים. די רעאַקציע האָט באַ־שלאָסן צו קעמפן אויך ווייטער מיטן דאָזיקן כלי־זיין. דער לאַנד־ווירטשאַפט־מיניסטער טשערנאָוו, דער אָנהענגער פון באַדן־עקס־פּראָפּריאַציע, וועלכער איז צום מיינסטן געהאַסט געוואָרן דורך דער פּריציש־קאַדעטישער פּאַרטיי, כאָטש ער איז צום ווייניקסטן געווען רעאַל־השפּעהדיק, האָט געדינט אַלס ציל פאַר זייערע פיילן. די בורזשואַזע פּרעסע האָט אים באַשולדיקט אין באַצי־אונגען מיטן שונא, און כדי זיך צו רעאַביליטירן, האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוטרעטן פון דער רעגירונג.

די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן די גרע־נעצן פון דער אידעע. זי האָט זיך שוין געשפּירט אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זי האָט געזוכט פירער און באַטעטיקונגס־ער־טער. אַזאַ פירערין איז געווען די קאַדעטישע פּאַרטיי, מיט מי־ליוקאָוון בראש, וועלכע איז דעם 1־טן יולי אָפן אַריבער אין דאָזיקן לאַגער. דער צענטער פון איר טעטיקייט איז געוואָרן די דומע, וואָס וועגן איר באַזייטיקונג האָט מען נאָך גערעדט אויפן ראַטן־צוזאַמענפאָר אין יוני. אויף אַ „פּריוואַטער באַראַטונג" פון אירע מיטגלידער דעם 18־טן יוני, האָבן זיך געלאָזט הערן נישט־צווייידייטיקע דראָונגען. איינער פון די גע־וועזענע דעפּוטאַטן, אַ פּראָגרעסיסט, האָט נאָך אַמאָל געפּרווט פעסטשטעלן די היסטאָרישע בכורה אין דער רעוואָלוציע. „די

רעוואָלוציע, האָט ער דערקלערט, איז פאָרגעקומען אַ דאַנק דער דומע, אָבער אין דאָזיקן גרויסן טראַגישן מאָמענט פון דער געשיכטע האָבן זיך צו דער רעוואָלוציע צוגעפּוצט אַ גרופּע משוגענע פאַנאַטיקער, שווינדלער און בוגדים, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „אויספיר-קאָמיטעט פון ראַט פון זעלנער- און אַרבעטער-דעפּוטאַטן... ווו-זשע איז דער צענטר, ווהין עס דאַרפן קומען דער רוסישער געדאַנק, דער רוסישער כבוד, די רוסישע ליבע צום פאָטערלאַנד? דאָס, מיינע הערן, איז די דומע. שוין צייט, אַז די דומע, וועלכע איז געשטאַנען בראש פון דער רעוואָלוציע, זאָל אויך טראָגן די אַחריות פאַר איר... מ׳דאַרף בעטן דעם פאָרזיצער, ער זאָל אַרויסרופן אַלע דומע-מיטגלידער נישט אויף אַ פּריוואַטע, אונטערערדישע זיצונג, נאָר אויף אַן אמתער זיצונג פון דער גאַס. דומע. מ׳דאַרף פאָדערן, אַז אַהער זאָל אַראָפּקומען די גאַנצע רעגירונג און געבן אַ באַריכט וועגן מצב פון לאַנד. און דעמאָלט וועט שוין די דומע אָנווייזן דער דאָזיקער רעגירונג, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי און מיט וועמען די דאָזיקע רעגירונג קאָמפּלעטירן און פאַרבייטן... פאַר די רעכט פון דער דומע האָט אויך געשטימט דער גע-זעצלעכער פּרעטענדענט אויפן רוסישן טראָן, מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש".

אָט דאָס איז די שפּראַך, מיט וועלכער ס׳האָבן גענומען רעדן יענע, וועלכע סקאָבעלעוו האָט אויפן ראַטן-צוזאַמענפאָר אָנגערופן „בר-מיננס". פּורישקעוויטשעס רעדע האָט שוין גע-טראָגן אַ בולטן פּראָגראַם-כאַראַקטער. ער האָט געפאָדערט תיכף פאַנאַנדערצולאָזן אַלע ראַטן. און דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער געוועזענער דומע — ראָדזיאַנקאָ האָט געמאַכט די נויטיקע אויספירן, און געזאָגט: „אויך איך טייל שוין פון לאַנג די זעלבע מיינונג וועגן צענויפרופן די דומע, אָבער כ׳בין מסכים מיט מיליוקאָוון, אַז ס׳איז נאָך נישט אָנגעקומען יענער פּסי-כאָלאָגישער מאָמענט, ווען די גאַס, דומע, אַלס אַזעלכע, דאַרף צענויפגערופן ווערן". און די אידעישע באַאַרבעטונג פון דער געזעל-שאַפטלעכער מיינונג האָט דערווייל געשיקט אויסגעפּירט די קאַ-

דעסישע פּאַרטיי. מיליוקאָוו פלעגט אין פאַראַנטוואָרטלעכע אױס־טרעטונגען דערקלערן, אַז די איצטיקע רעטונגס־רעגירונג איז אַ טעות, אז ס׳קען גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן אַ פאַר־שטענדיקונג צווישן דער בורזשואַזיע, וועלכע ער פאַרטרעט, און דער רעגירונג. גלייכצייטיק האָט די בורזשואַזע פּרעסע געפירט אַ פאַרביטערטע העצע קעגן די ראַטן, אויפוויזנדיק זייער פּאָ־ליטישע אומרייפקייט, און מיט אַלערליי מיטלען זיך באַמיט אונטערצורייסן דעם צוטרוי צו דער דעמאָקראַטיע. די בורזשו־אַזיע האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט אַ קאָאַליציע, — זי האָט געפירט אַן אָפּענעם, אומצווייידייטיקן קאַמף פאַר מאַכט: זי האָט געהאַלטן, אַז דער מאָמענט איז גינסטיק דערצו.

די דאָזיקע לאַגע איז פאַר דער מעסיקער דעמאָקראַטיע נישט געווען קיין סוד. די „איזוועסטיאַ" האָבן געשטעמפּלט די קאַדעטן נישט אַנדערש, ווי „בוגדים" און „פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע". דעם 19־טן יולי האָבן זיי געשריבן: „און אויב דעמאָלט, ווען דער רעוואָלוציע האָט נאָך נישט גע־דראָט קיין אוממיטלבאַרע סכנה, האָבן זיך די קאַדעטן באַגנוגנט מיט סאַבאָטירן געהיים די שעפערישע אַרבעט פון דער מאַכט, פאַרבלייבנדיק אין איר באַשטאַנד, איז איצט, ווען פאַרן לאַנד איז אויסגעוואַקסן דער דראָענדיקער שאָטן פון אַ רעאַלער קאַטאַסטראָפע, האָבן זיי געהאַלטן פאַר מעגלעך איבער־צוגיין אין אָנגריף, אָפּגעבנדיק זייערע אַלע כחות פאַרן קאַמף מיט דער „רעגירונג אויף צו ראַטעווען די רעוואָלוציע..." זיי גרייטן שוין צו אַ קאַמפּאַניע קעגן דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג. היות די קאַדעטן ווייסן און שפּירן, אַז מיטן מאָ־מענט ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט צענויפגערופן ווערן מעגן זיי זיך אויף תמיד זעגענען מיט דער האָפנונג צו שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער רעוואָלוציע, דעריבער באַמיען זיי זיך צו שטעלן אין אַ שלעכט ליכט די צענויפרופונג גופא פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, רעדנדיק וועגן דעם, אַז די באַפעלקערונג איז צו איר נישט צוגעגרייט, אַז ס׳איז טעכניש אוממעגלעך דורכצופירן די וואַלן אין אַזאַ קורצע צייט". אָבער

נישט נאָר דער אָרגאַן פון די ראַטן האָט דאָס פאַרשטאַנען: די רעזאָלוציע, וועלכע איז דעם 17-טן יולי אָנגענומען געוואָרן דורך דער ראַטן-באַראַטונג, האָט דערקלערט וועגן זעלבן ענין: „דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד, אויף וועלכן אַלע רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען פון דער רעגירונג טרעפן אָן מצד געוויסע קרייזן פון דער בורזשואַזיע, ד. ה. מצד זייערע אָנפירנדיקע עלעמענטן,— דער באָיקאָט פון דער מאַכט, די טענדענץ צו פאַרשלעפן דאָס דורכפירן אין לעבן די עלעמענטאַר-גויטוועגדיקע פּאָליטישע און פינאַנסיעל-עקאָנאָמישע מיטלען און אָפּצולייגן די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, שטעלט פאָר מיט זיך אַ פּרוּוו צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין די אייגענע הענט, אויסנוצנדיק די שווערע לאַגע פון לאַנד. אַזאַ ווידערשטאַנד איז איינס און דאָס זעלבע ווי דירעקט מיטהעלפן די פינסטערסטע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן און דאָס פירט צו אַ פולשטענדיקן חורבן פון לאַנד".

ווען מ'לייענט די דאָזיקע אַלע דערקלערונגען איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון געדאַנק, אַז זיי פלעגן תמיד קומען אַלס פאַרשפּעטיקטע ודוים. ערשט נאָך דער ליקווידאַציע פון וואָסער נישט איז רעזשים פלעגט די מעסיקע דעמאָקראַטיע אָנערקענען זיינע פעלערן. אַזוי איז געווען פריער, ווען נאָך מיליוקאָווס אַוועקגיין האָט זי אַנערקענט דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון ערשטן צוזאַמענשטעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג. אַזוי אויך איצט, נאָכן פאַלן פון דער קאָאַליציע-מאַכט, האָט די דעמאָקראַטיע נאָך אַמאָל אָנערקענט, אַז די קאַדעטן, אָנטיילנעמענדיק אין דער מאַכט, האָבן „געהיים סאַבאָטירט" איר שעפערישע אַרבעט. באַזיצנדיק, צום באַדויערן, אַ טאַלאַנט, וועלכן דאָס רוסישע פאָלק רופט אָן „לאחר המעשה-שכל", האָט די דאָזיקע דעמאָקראַטיע גלייכצייטיק שאַרף פאַראורטיילט איר עקסטרעמע טייל, ווען די דאָזיקע פלעגט אויפדעקן די חסרונות פון דער מאַכט נישט נאָך, נאָר בעת זייער עקסיסטענץ און שעדלעכער ווירקונג. די מעסיקע סאָציאַליסטן פלעגן יעדעס מאָל באַטראַכטן אַלס דעמאַגאָגיע און אונ-

טערגראָבונג פון צוטרוי צו דער מאַכט דאָס, וואָס זיי גופא פלעגן אנערקענען דערנאָך, ווען מ׳האָט שוין נאָר געקענט זיך קלאָגן, אָבער נישט פאַרבעסערן די לאַגע. אמת, זיי קענען טענהן, אַז מיט דער דאָזיקער רודף־שלומדיקער טאַקטיק זייערער האָבן זיי געהאָפט צו „ווירקן“ אויף די בורזשואַזע עלעמענטן פון לאנד, אז שוינענדיק זיי, צוציענדיק זיי צו דער מאַכט און זיך צופּאַסנדיק צו זיי, האָבן זיי דורכדעם גלייכצייטיק געאַרבעט פאָליטיש סיי פאַר דער דעמאָקראַטיע, סיי פאַר דער בורזשואַזיע אין די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. אָבער דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט באַוויזן מיט אכזריותדיקער בולטקייט, אַז קיין איין קלאַס קען נישט טראַכטן און האַנדלען פאַר אַ צווייטן קלאַס, אַז אין געיעג נאָך דער מיטל־ליניע פון די קלאַסן, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער רעוואָלוציע, האָט די דעמאָקראַטיע אומווילנדיק בלויז פאַרראַטן איר אייגענע ליניע.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט, אז אין דערזעלבער צייט, ווי ס׳זענען געמאַכט געוואָרן די דאָזיקע ליטעראַרישע רעוועליאַציעס, האָט די רעגירונג געפירט די לעבהאַפטיקסטע אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַדעטן וועגן זייער אַריינטריט אין דער רעגירונג! צערעטעלי און קערענסקי האָבן הייטער געפירט זייער אַלטע טאַקטיק פון טראַכטן פאַר צוויי: פאַר דער דעמאָקראַטיע און פאַר דער בורזשואַזיע. דאַביי האָבן זיי ארויסגעלאָזן פון זינען, אַז די בורזשואַזיע טראַכט בלויז פאַר איינעם: פאַר זיך אַליין.

די „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג“ און „סטאָקהאָלם“

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג! צי זענען אין משך פון די דאָזיקע אומרויקע מהומה־וואָכן פון דער מאַכט־איבערגרופּירונג

אָנגענומען געוואָרן אײליקע, ענערגישע מיטלען אויף צענויפצוּרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? פאַרשטײט זיך, איר נאָמען פלעגט תּמיד און אומעטום דערמאָנט װערן; בײַם סוף פון יעדער רעזאָלוציע פלעגט מען פרום אויפהויבן צו איר די בליקן. אָבער מיר ריידן דאָ נישט וועגן דער דאָזיקער וואָרט־עקספּלואַטאַציע פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, נאָר וועגן איר ווירקלעכער, רעאַלער, תּיכּפדיקער צענויפרופונג. פון איין זייט איז נאָך די טעג פון 3—5 יולי דער אויטאָריטעט פון צענט. אויספיר־קאָמיטעט שטאַרק געפאַלן אין די אויגן פון דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע. פון דער צווייטער זייט האָט דער צענט. אויספיר־קאָמיטעט נישט אָנערקענט פאר די עקסטרעמע פּאַרטייען דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון דער גאנצער דעמאָקראַטיע אין לאַנד. חוצדעם האָט די בורזשואַזיע, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אָנגענומען אַלע מיטלען, כּדי אָפּצולייגן, אָפּצושלעפּן די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז אַ ל ע ערנסטע רעפאָרמען פלעגן אָפּגעלייגט ווערן „ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג”. סיי פאַר דער גרינדונג פון א אויטאָריטעטן אָרגאַן פון דער דעמאָקראַטיע, סיי פאַר דער אויסוואָרצלונג פון דער אונטערערדישער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט איז, דאַכט זיך, אומבאַדינגט נויטיק געווען צענויפצורופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג תּיכּף־ומיד. מ׳האָט געדאַרפט אָפּשטעלן די אַרבעט פון אַלע קאַנצעליאַריעס און קאָמיסיעס, וועלכע האָבן אין זייערע הויפנס פאַפירן און יורידישע מאָטיוון פאַרטרונקען די עלעמענטאַרע און פּשוטע אויפגאַבע פון צענויפרופן זי, מ׳האָט זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון דער אַרכי־דעמאָקראַטישער אָפּגעטאָקטקייט פון איערע צוגרייטונגס־סטאַדיען און צ ע נ ו י פ ר ו פ ן זי ת י כּ ף־ו מ י ד.

דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן. די אַרבעט אַרום פאַרעפנטלעכן דעם געזעץ וועגן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך געצויגן אָן א סוף. דעם 25־טן מערץ איז גערופן געוואָרן א באַראַטונג וועגן אויסאַרבעטן דאָס דאָזיקע געזעץ. ערשט דעם 25־טן מאַי, ד. ה. שוין אין דער צייט פון דער צווייטער

קאָליציע-רעגירונג, איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער דאָזיקער באַראַטונג. די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון דער דאָזיקער באַראַטונג — „געזעץ וועגן די וואַלן“ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט דעם 26-טן יולי. די וואַלן גופא האָט מען געמאַכט אָפּהענגיק פון פאַרענדיקן די וואַלן אין די וואַלאָסטנע און זעמסקע אופּראַוועס (אָרגאַנען פון דאָרפישער זעלבסטפאַרוואַלטונג), וועלכע האָבן געדאַרפט צענויפשטעלן ווײלער-רשימות. אין די וואַלאָסטן האָט מען נאָך אָבער אַרום סוף יולי נישט געהאַט צוגעטראָטן צו ווײלן „גלאַסנע“, פון וועלכע די זעמסקע אופּראַוועס האָבן געקענט געבילדעט ווערן. ס'איז קלאָר, אַז מיט דער דאָזיקער פאַמעלאַכער, „געזעצמעסיקער“ אָרדנונג, ווי זי איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די יוריסטן, האָט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג נישט געקענט צענויפגערופן ווערן צום טערמין פון 17-טן סעפּטעמבער. אַזוי אַרום איז געשען, אַז אין מאָמענט פון שאַרפסטן קריזיס האָט די ביוראָקראַטישע מאַשין געהאַלטן פעסט אין אירע נעגל יענעם אָרגאַן פון דער רעוואָלוציע, וועלכן אַלע האָבן באַטראַכט פאַר איר איינציקער רעטונג. די רעגירונג און די אָנפירנדיקע פאַרטייען זענען נישט געפאַלן אויפן געדאַנק, צו פאַראײנפאַכן דעם פּראָצעס פון צענויפשטעלן די ווײלער-רשימות, צו פאַרקירצן דעם טערמין פון דער צענויפרופונג, אים איבערטראָגן, למשל, פון סעפּטעמבער אויף אויגוסט. ווי ס'שײנט, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, אָדער מ'האָט זיי געצוווּנגען נישט צו פאַרשטיין, די גאַנצע פאַטאַלע פאָלגן פון דער דאָזיקער אָפּשלעפּונג, וועלכע האָט זיך דערנאָך אַזוי שטאַרק נוקם געווען. דערפאַר אָבער, ווי מיר וויסן, שטייט אויפן סדר-היום די צענויפרופונג פון אַ „מלוכה-באַראַטונג“ אין מאָסקווע.

די „סטאָקהאָלם“-אידעע, די צווייטע ליבלינגס-אידעע פון דער דעמאָקראַטיע, האָט זיך אויך נישט געקענט רימען אין יענער צייט מיט גרויסע דערפאָלגן. ווי אַלץ אין יענער תקופה

פון לאַנגזאַמער דעמאָקראַטיע, האָט אויך די דאָזיקע אידעע פאַמעלאַך און שטויס-אַרטיק זיך באַהעגט צו איר פאַרווירקלעכונג. ערשט אין יולי זענען ארויסגעפאָרן אין די פאַרבינדעטע לענדער ראַט-דעלעגאַטן מיט דער שליחות צוצוציען דעם „פאַרבינדעטן" סאָציאַליזם אויף דער קאָנפערענץ. ערשט דעם 15-טן יולי האָט דער צענטר. אויספיר-קאָמיטעט דעלעגירט קיין סטאָקהאָלם זיינע פאָרשטייער (אקסעלראָדן, למשל), זיי זאָלן צוגרייטן איר צענויפרופונג. ווי באַקאַנט, האָבן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן מסכים געווען אָנטיילצונעמען אין איר און זיך אונטערצוואַרפן אירע באַשלוסן. די עיקר־שוועריקייט איז באַשטאַנען אין באַשלוס פון די פאַרטייען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. צוליב זייערע וואַקלענישן האָט מען דעם טאָג פון דער קאָנפערענץ־צענויפרופונג געהאַלטן אין איין אָפּלייגן פון טערמין צו טערמין. למשל, ריאַזאַנאָוו, אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט אַרומגערייזט אייראָפּע, האָט אויף דער ראַטן-באַראַטונג פון 20-טן יולי מודיע געווען, אַז דער טערמין פון דער קאָנפערענץ ווערט באַשטימט אויפן 14-טן אויגוסט. אָבער דעם 20-טן יולי איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון פּאַריז, אַז די באַראַטונג פון דער רוסישער דעלעגאַציע מיט די פראַנצויזישע און ענגלישע חברים האָט באַשטימט דעם טערמין פון דער קאָנפערענץ צווישן 27-טן אויגוסט און דעם 3-טן סעפּטעמבער. ווען מ'נעמט אין אַכט דעם פריערדיקן צושטאַנד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געריסן צו שלום, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די באַדייטונג פון די דאָזיקע אַלע אָפּשלעפּעניש. „סטאָקהאָלם". קעגן וועלכן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען פון די פאַרבינדעטע האָבן געפירט אַ געהיימען סאַבאָטאַזש, איז דורכדעם גופא אין די אויגן פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן אין רוסלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן עפּעס אין אַן אומפּרוכטבאַרע אידעע, פון וועלכער מ'קאָן נישט האָפן אויף רעאַלע הילף. פּונקט ווי די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אַזוי איז אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף פאַר שלום פון לעבעדיק-שעפערישע יסודות פון דער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין אַ קערפּערלאָזן לאָזונג. דעם דאָזיקן טראַגיזם פון דער לאַגע האָט פאַרשטאַנען אויך די מעסיקע ביוראָקראַטיע, ווען זי האָט אויף דער ראַטן־באַראַטונג פון 20־טן יולי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט נישט פאַרמאָגט קיין איינערלעכע קראַפט. די רעזאָלוציע האָט באַפולמעכטיקט אָנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען, כדי די קאָנפערענץ אין סטאָקהאָלם זאָל זיך צענויפקומען אין באַשטימטן טערמין און כדי עס זאָלן באַזייטיקט ווערן אַלע שטערונגען, וועלכע די ר ע ג י ר ו נ ג ע ן פון די קעמפנדיקע גרויסמאַכטן מאַכן פאַרן אַרויספאָר פון די דעלעגאַטן. אויב די רוסישע רעגירונג האָט גאָרנישט געקענט פועלן ביי די פאַרבינדעטע רעגירונגען פאַרן אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי, איז דאָך קלאָר, אַז ס'האָבן קיין שום האָפענונגען נישט געקאָנט זיין אויף איר השפּעה נ אָ כ ן מוראדיקן דורכפאַל פון דאָזיקן אָנגריף. אַ רעגירונג, וואָס איר מיניסטער טערעשטשענקאָ האָט זיך נאָר־וואָס געשלאָגן על־חטא פאַר די פאַרבינדעטע פאַרן נישט געלונגענעם אָנגריף און צוגעזאָגט אין דער צוקונפט זיין ווייטער געהאָרכזאַם, — אַזאַ רעגירונג, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געקענט רעכענען אויפן דערפאָלג פון איר ד ר ו ק אויף זיי. ביים דאָזיקן מצב העניינים האָט מען די האָפענונג אויף סטאָקהאָלם געדאַרפט האַלטן פאַר טויט.

קערענסקי אין דער ראָל פון אַ דיקטאַטאָר. זיגזאַגן פון דער מאַכט

ווי אונז איז שוין באַקאַנט, האָט די רעגירונג פון רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַדעטן וועגן זייער אַריינטריט אין דער רעגירונג. מ'דאַרף צוגעבן, אַז אויף אירע זוכענישן נאָך בורזשואַזע פאַרטייען, נאָך

אַ „פאַרשטענדיקער״ און ערלעכער בורזשואַזיע, האָט זיך די רעגירונג אָנגעשטויסן אויף אַ נייע, ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין קלאַסן־הינזיכט האָט זיך די דאָזיקע פּאַרטיי גאַנץ ווייניק אונטערשיידט פון די קאַדעטן און איז, בעיקר, געביל־דעט געוואָרן מיטן ציל אויסצופילן יענעם בלויז פון דער קאָ־אַליציע־רעגירונג, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליבן סאַבאָטאַזש פון די קאַדעטן. נישט באַזיצנדיק יענע פאַרביסענע קלאַסן־פּרינצי־פּיאַליטעט, וואָס האָט אויסגעצייכנט די קאַדעטישע פּאַרטיי, איז די דאָזיקע פּאַרטיי, א לחלוטין נישט פאַרוואָרצלטע אין דער געזעלשאַפט, גערן אַנטקעגנגעקומען די פּלענער פון צוזאַמענ־שטעלן א רעגירונג, וועלכע קערענסקי און צערעטעלי האָבן אַרויסגערוקט. דעריבער איז בנוגע זיי נישט געווען קיין שום שוועריקייטן. די קאַדעטן אָבער האָבן געשטעלט זייערע באַדינ־גונגען, וועלכע האָבן מיט אַ קלאָרן לשון גערעדט וועגן זייער פּאָליטישער קראַפט. די דריי קאַנדידאַטן, וועלכע זיי האָבן אָנ־געמערקט, האָבן אין אַ בריוו צו קערענסקין געמאָלדן וועגן פאָלגנדיקע באַדינגונגען: אַלע רעגירונגס־מיטגלידער דאַרפן זיין אומאָפּהענגיק פון וועלכע נישט איז אָרגאַניזאַציעס (ד. ה. פון די ראַטן), דאָס פאַרווירקלעכן אַלע עיקרדיקע סאָציאַלע רעפאָר־מען און דאָס לייזן די פראַגע וועגן דער מלוכה־פאָרם דאַרפן אָפּגעלייגט ווערן ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אין פראַגן פון מלחמה און שלום דאַרף הערשן פולשטענדיקע איינשטימי־קייט מיט די פאַרבינדעטע. דאָס האָט געמיינט אָפּצווייסן די רעגירונג פון דער דעמאָקראַטיע, אָפּרייסן זי פון פּאָזיטיווער שעפערישער אַרבעט, און פולשטענדיק איבערענטפערן אין רשות פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן. דאָס האָט באַדייט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די קומענדיקע רעגירונג דאַרף מותר זיין אויף דער פראָגראַם פון 8־טן יולי, וועלכע האָט געדינט ווי אַ מין באַרעכטיקונג פאַר דער געשאַפענער דיקטאַטור־רעגירונג.

אויף אַזאַ זעלבסטפאַרלייקענונג האָט אַפילו די דאָזיקע רעגירונג נישט געקענט איינגיין און דעריבער איז דעם 21־טן

יולי אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן וועגן אויסגעבראָכענעם רעגירונגס־קריזיס. קערענסקי, און נאָך אים אויך די איבעריקע מיניסטאָרן, האָבן געמאָלדן וועגן זייער דימיסיע. דאַביי איז מערקווירדיק, וואָס דער דאָזיקער קריזיס איז נישט ארויסגערופן געוואָרן דורך אַ פ אָ ל ק ס־באַוועגונג. ער שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין טריט פאָרויס פון דער רעוואָלוציע, נאָר ער איז ארויסגערופן געוואָרן איינציק־און־אַליין דורך דער אוממעגלעכקייט זיך צענויפצורעדן מיט דער ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע, דורכן ווילן זי צוציען צו דער מאַכט פאַר יעדן פרייז. אַזוי אַרום האָט דער קריזיס נישט געשאַפן קיין מעגלעכקייט, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון איר אמתן בעל הבית — פון פאָלק, נאָר אַדרבה. ער האָט געגעבן א מעגלעכקייט דער קאַדעטישער פאַרטיי אריינצוטרעטן אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג מיט נאָך גרעסערע פריווילעגיעס און פרעטענזיעס אין דער צוקונפט.

דעם 21־טן יולי זענען זיך אין ווינטער־פאַלאַץ צענויפגעקומען די צענטראַלע קאָמיטעטן פון אַלע פּאָליטישע פאַרטייען צו באַהאַנדלען די לאַגע. כדי צו כאַראַקטעריזירן די שטימונג דאַרף מען צוגעבן, אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס איז נ י ש ט איינגעלאַדן געוואָרן, אָבער דערפאַר איז איינגעלאַדן געוואָרן די גאָס. דומע אין דער פערזאָן פון איר פאָרזיצער. דער גרונט־טאָן פון די דעבאַטן, וואָס זענען דאָ געפירט געוואָרן, איז געווען אַ תשובה־טאָן. טערעשטשענקאָ, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די גאַנצע אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער רעוואָלוציע, האָט דערקלערט דאָס, וואָס אַלע, ווייזט אויס, האָבן געטראַכט. „איך וויל נישט פאַרמינערן דעם ווערט פון די ראַטן — האָט ער געזאָגט — אָבער די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, וועלכע ווערט איצט געשטעלט אין איר גאַנצער ברייט, קען נישט באַפרידיקט ווערן אַזוי א י י נ ז י י ט י ק. די רעגירונג דאַרף זיך שטיצן אויף אַ ל ע שיכטן פון דער באַפעלקערונג". אָבער אַזוי ווי די אָפיציעלע דעמאָקראַטיע האָט געהאַט איר אייגענע פּראָגראַם פון 8־טן

יולי, וועלכע די קאַדעטישע פּאַרטיי האָט פון אָנהויב ביזן סוף אָפּגעוואָרפן, איז אויך דאָ נישט געקומען צו קיין שום הסכם צווישן די פּאַרטייען. דעמאָלט איז געפונען געוואָרן אַן אויס־וועג. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קערענסקי, אַלס פּערזאָן, זאָל צענויפשטעלן די רעגירונג לויט זיין איינזען. ער קאָן זיך צוקלייבן מיניסטאָרן פון אַלע פּאַרטייען, און די פּאַרטייען דער־לויבן זייערע מיטגלידער אַריינצוטרעטן אין זיין רעגירונג. אָבער די דאָזיקע רעגירונג איז נישט אָפּהענגיק נישט פון קיין פּאַר־טייען, נישט פון וועלכע ס'איז אָרגאַניזאַציעס, און דערפאַר טראָגן נישט די פּאַרטייען קיין אחריות פאַר איר. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די דיקטאַטור איז איבערגעגאַנגען פון די הענט פון דער רעגירונג, אַלס אַזעלכער, ווי דאָס איז גע־ווען ביז איצט (פון 8־טן ביזן 21־טן יולי), אין די הענט פון איין פּערזאָן: די רעוואָלוציע האָט שוין דעגראַדירט צו אַ פּערזענלעכער דיקטאַטור.

די דאָזיקע לייזונג פון דער פראַגע האָט זי נישט גע־לייזט, נאָר נאָך מער קאָמפּליצירט. די רעגירונג איז צענויפ־געשטעלט געוואָרן אָן אַ שום פּראָגראַם, און דאָס האָט באַדייט, אַז ביידע צדדים האָבן איר אונטערגערוקט, אָדער געזען אין איר זייער פּראָגראַם. דער צענט. אויספיר־קאָמיטעט, למשל, האָט אין זיין רעזאָלוציע פון 24־טן יולי אויפגעפאָדערט די דעמאָקראַטיע „צו שטיצן אויפן אקטיווסטן אופן די רעגירונג אין אירע האַנדלונגען אויפן גרונט פון דער פּראָגראַם פון 8־טן יולי". און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די קאַדעטן האָט דערלויבט די מיטגלידער פון זיין פּאַרטיי אַריינצוטרעטן אין דער נייער רעגירונג דערפאַר, ווייל זי וועט „באַשטיין פון פּער־זאָנען, וועלכע טראָגן נישט קיין אחריות פאַר קיין שום אָרגאַ־ניזאַציעס (ד. ה. ראַטן), און דערפאַר, ווייל די מאַכט וועט באַזירן אויף דער האַרטער נויטווענדיקייט צו פירן די מלחמה". צווישן די דאָזיקע ביידע פּראָגראַמען איז נישט געווען קיין שום געמיינזאַמעס. ס'איז געווען קלאָר, אַז קערענסקי וועט אַלס באַזיס פון דער רעגירונגס־טעטיקייט מוזן אָננעמען איינע פון

זיי. און אַזוי ווי דער צענס. אויספיר־קאָמיטעט האָט פּאַקטיש באַפרייט קערענסקין פון יעדער אָפּהענגיקייט און אחריות פאַר אים, איז נישט ווינציקער קלאָר געווען, אַז ער וועט אַריינפאלן אין נעץ פון דער בורזשואַזער פּראָגראַם. די פּערזענלעכע השפעה און די גרויסע אינדיווידועלע ראָל, וועלכע זענען אויסגעפאַלן אויף קערענסקיס גורל, האָבן נישט געקענט פאַרבאָרגן די אמתע טבע פון דער דאָזיקער אויף גיך, אָן דער באַטייליקונג פון פאָלק צענויפגעשטעלטער מאכט. היינטערן פּרעכטיקן פראָנט פון קערענסקיס דיקטאַטור איז אין דער אמתן געבילדעט געוואָרן אַ קאָאַליציע, מיט אַן איבערוויגנדיקער פּאָליטישער קראַפט פון דער בורזשואַזיע. מיט דעם האָט זיך טאַקע די דאָזיקע קאָאַליציע אונטערשיידט פון דער ערשטער, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין מאַי. אויב ביי יענער קאָאַליציע האָט די ראָל פון אַ פירער און אָנרעגער געהערט דער רעוואָלוציאָנערער גאַס, האָט איצט די דאָזיקע ראָל געשפּילט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער סאַלאָן און דער אָפיצירישער קלוב. אָנשטאָט אַ פאָלקס־רעגירונג, וועלכע האָט געקענט קומען בלויז פון די טיפעניש פון די ראַטן, איז געשאַפן געוואָרן אַן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע" רעגירונג, וועלכע האַנדלט, ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, מחוץ אָדער קעגן דער דעמאָקראַטיע. אַריינטרעטנדיק אין דער ראָל פון אַ „אלגעמיין־נאַציאָנאַלן" פירער, האָט קערענסקי דורכדעם גופא אָביעקטיוו אויפגעהערט צו זיין דער באַפולמעכטיקטער פון דער דעמאָקראַטיע. פון איצט אָן וועט ער געצוווּנגען זיין צו זוכן פאַר זיין טעטיקייט אַן אַנדער באַזע, ווי די דעמאָקראַטיע: ער וועט שוין גענויט זיין צענויפצורופן אין מאָסקווע אַ מלוכה־באַראַטונג.

דער נייער באַשטאַנד פון דער רעגירונג האָט שוין דורכן צענויפשטעל גופא פון די מיטגלידער אַרויסגעוויזן איר געענדערט פּנים. פון 15 פּערזאָן האָבן זיבן געהערט צו בורזשואַזע פּאַרטייען, פון זיי פיר — צו דער קאַדעטישער פּאַרטיי. וואָס שייך די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, זענען זיי פּאַרלאָזן געוואָרן דורך צערעטעלין, און עס זענען זיי צוגעקומען סאָציאַל־דעמאָ־

קראטן, די צום מערסטן מעסיקע און צום ווייניקסטן אויטאָרי־
טעטע פערזאָנען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. טשערנאָוו, וועלכער
האָט זיך רעאבילימירט, איז אריינגענומען געוואָרן אין דער
רעגירונג בלויז לויט דער פאָדערונג פון זייער פּארטיי סאָצ.־
רעוו. אויף אַזאַ אופן איז די אידעישע און פּאָליטישע השפעה
פון די סאָציאַליסטן אין דער נייער רעגירונג דערפירט געוואָרן
צו אַ מינימום.

דער דאָזיקער נייער קורס איז כסדר געקומען צום אויס־
דרוק, כּדי צו כאראקטעריזירן די אויפגאַבן פון דער נייער
מאַכט, וועלן מיר אָנווייזן אויף די אַרעסטן פון טראָצקין און
לונאַטשאַרסקין, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין זעלבן טאָג. די
רעגירונג פלעגט זיך יעדן טאָג באַשענקען מיט נייע, אויסער־
אָרדנטלעכע פולמאַכטן. זי האָט זיך גענומען דאָס רעכט
צו פאַרווערן אַלערליי צונויפפאָרן און פאַרזאַמלונגען;
אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן צו אַרעסטירן און פאַרשיקן
בירגער. קעגן דעם האָט פּראָטעסטירט אפילו א טייל ליבעראַ־
לע פּרעסע. ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַרעסטן אויף די מיט־
גלידער פון די ערד־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן גענומען אויף
זיך צו פאַרוואַלטן און דיספּאָנירן מיט די ערד־זאַפּאַסן. דער
פּאַרטיי־מיטגליד פון די רעכטע ס.־ר.־ן, דער פּאָרזיצער פון
אַלרוסישן פויערים־ראַט, אווקסענטיעוו, וועלכער איז צו יענער
צייט געווען מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, האָט
דערלאָזן אַרעסטירן פויערים, וועלכע האָבן דורכגעפירט
אין לעבן די אינסטרוקציעס פון לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער
טשערנאָוו, דעם מיטגליד פון דערזעלבער פּאַרטיי! אפילו זיינע
באַשיידענע פּראָיעקטן וועגן צייטווייליקע מיטלען ביז דער
גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן אָנגעטראָפן אין דער רעגירונג
אויף אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד מצד די בורזשואַזע מיטגלי־
דער. און ווען די פאָרשטייער פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג
ביים פויערים־ראַט האָבן געפאָדערט פון טשערנאָוון, ער זאָל

תיכף פאַרווירקלעכן זיינע פּראָיעקטן, האָט ער זיי בלויז געקענט אָפּשיקן צו אַ צווייטן מיטגליד פון דער רעכטער פּאַרטיי סאָצ.-רעוו. — צו קערענסקין. און קערענסקי האָט אויפגענומען די דאָזיקע דעפּוטאַציע פון זעלנער-פויערים, אָבער דעליקאַט זיי אָפּגעשיקט צוריק, צו טשערנאָוון. די דאָזיקע וואַנדערונג פון די פויערים פון פּאָנטיוס צו פּילאַטן האָט בעסער ווי אַלץ סימבאָליזירט דעם פּאָליטישן מצב. דער דיקטאַטאָר קערענסקי האָט פריי געקענט געוועלטיקן אין דער פּאָליטישער ספערע פון „אונטערדריקן די אַנאַרכיע" און פון קאַמף אויף לינקס, אָבער דערפאַר איז ער געווען אָנמעכטיק אין דער סאָציאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער ספערע. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אַרבעטס-פאַרטיילונג איז פאַר דער בורזשואַזיע געווען ווי געוווּנשן.

„סטאָקהאָלם" איז דערווייל צוגעקומען צו זיין אומפאַרמיידלעכן סוף. ווען די ענגלישע אַרבעטער-פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, האָבן די פאַרבינדעטע רעגירונגען אָפן דערקלערט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ אַרויסצוגעבן זייערע סאָציאַליסטן פּעסער אויף דער רייזע, ד. ה. וועגן זייער אַקטיוון קעגנווירקן דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע. דאַביי האָבן זיי שוין געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פאַררופן אין דער דאָזיקער פראַגע אויף די ווונשן פון דער רוסישער רעגירונג. לאָיד-דזשאָרזש האָט דערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז ס'איז באַקומען געוואָרן זייער אַ וויכטיקע מעלדונג פון דער רוסישער „רעגירונג", אין וועלכער זי גיט אונז צו וויסן, אַז כאָטש זי האַלט נישט פאַר מעגלעך צו שטערן די רוסישע דעלעגאַטן אָנטיילצונעמען אין דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ, קוקט זי אויף דעם פונדעסטוועגן, ווי אויף אַ פּאַרטייאישע זאַך, און אַז דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ וועט אויף קיין פאַל נישט קרעמפירן די פרייהייט פון די רעגירונגס-האַנדלונגען". די דאָזיקע מעלדונג פון דער רוסישער רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך פּשוט אַ כאַראַקטעריסטיק אין דער קאָנפערענץ, ווייל די רוסישע דעמאָקראַטיע האָט גאָר

קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן צוגעבן איר אַן אָפּיציעל־מלוכהשן כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער מעלדונג האָט די רוסישע מאַכט זיך אָפּגעגרענעצט פון די פּרינציפּן פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע און דורכדעם גופא האָט זי זיי ווידער פאַרוואַנדלט, ווי אין די צייטן פון מיליוקאָוו, אין ריין־פּאַרטייאישע לאָזונגען. די רוסישע מלוכה האָט געשייגט צו האָבן גאַנץ אַנדערע ריכט־ליניעס אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק, ווי די, וועלכע ס׳האָט געהאַט דאָס רוסישע פאָלק (נישט קיין פאָלקס־פּאָליטיק, נאָר אַן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע”). אויב אַזוי, האָבן די פאַרבינדעטע רעגירונגען פאַרלאָרן יעדן גרונט צו שוינען די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע איז יעדנפאַלס געווען געפערלעך פאַר זיי. זיי האָבן איר גאַנץ פשוט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ, נישט צולאָזנדיק אויף איר די סאָציאַליסטן פון זייערע לענדער. וואָס האָבן שוין נאָך דעם אַלעם בעקאָנט אויפטאָן דער רוסישער ראַט, אָדער זיין דעלעגאַציע, וועלכע איז אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע, ווען אין איר אייגענעם לאַנד איז די רוסישע דעמאָקראַטיע אַזוי פאַרעטעריש אָפּגענאַרט געוואָרן דורך איר אייגענער „רעגירונג”.

דורכדעם, וואָס דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט האָט מותר געווען אויף דער מאַכט און זי אינגאַנצן אָנגעטרויט קערענסקיס דיקטאַטור, האָט ער פּאַקטיש צונישט געמאַכט נאָך איין האָפנונג אויף שלום, צעשטערנדיק די מעגלעכקייט פון אַ אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטן־צוזאַמענפאָר.

דערפאַר איז אָבער געוואַקסן די קראַפט פון דער מיליטערישער קאָנטר־רעוואָלוציע. די הויפּט־קוואַרטיר פון העכסטן ארמיי־קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו איז געוואָרן דער צענטר פון דער דאָזיקער קראַפט. דער „אָפיצירן־בונד” ביי דער הויפּט־קוואַרטיר האָט אַלץ מער פאַרשפּרייט זיין קאָמפּעטענץ איבער דער אַרמיי, זיך באַמיענדיק אַראָפּצודריקן און אַרויסצושטויסן די אַרמייאישע אָרגאַניזאַציעס פון די זעלנער און פון דעמאָקראַטישן אָפיצירנטום. פון אומצאָליקע ביישפּילן לאָמיר ברענגען בלויז איינעם: דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דרום־מערב־פראָנט גענעראַל

דעניקין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אין וועלכן ער האָט לאַקאָניש געפאָדערט: די אַרמיי־קאָמיטעטן זאָלן נישט פאַרברייטערן זייער קאָמפּעטענץ, און די קאָמאַנדירן זאָלן זיך נישט איינשרומפּן.

דאָס איז געווען דער גרונט־טאָן פון קאָמאַנדירן־שיכט. קאָרנילאָוו איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער. אויסנוצנדיק דעם אומרויִקן צושטאַנד, אין וועלכן די רעגירונג האָט זיך געפונען צוליב דער לאַגע פון דער אַרמיי, האָט ער זי געהאַלטן כסדר אין שרעק און אולטימאַטיוו געפאָדערט אָננעמען זיין פּראָגראַם. און די דאָזיקע פּראָגראַם האָט געפאָדערט די פולע דיסציפּלינאַרע מאַכט פון אָפיציר איבער די זעלנער, דאָס איינפירן טויט־שטראָף הן אין דער אַרמיי, הן אין „טיל", די מיליטאַריזאַציע פון די אייזנבאַנען און באַטריבן, וועלכע אַרבעטן פאַר דער לאַנד־פאַרטיידיקונג. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז זי האָט געפאָדערט דעם אומקער צו די פאַר־רעוואָלוציאָנערע סדרים אין דער אַרמיי און אין אַרבעטער־קלאַס, און זי האָט געדאַרפט שפּילן נישט אַזוי אַ מיליטעריש־סטראַטעגישע, ווי אַ פּאָליטישע ראָל פון צונעמען די רעכט ביים זעלנער און אַרבעטער. די דאָזיקע פּראָגראַם איז געווען צו דורכזיכטיק, אַז אירע סכנות זאָל נישט דערזען אפילו קערענסקי. דעריבער איז נישט דערגרייכט געוואָרן קיין הסכם צווישן דער הויפּט־קוואַרטיר און דער רעגירונג, און ביידע לאַגערן האָבן געלעבט אין צושטאַנד פון העכסטער געשפּאַנטקייט, אין כסדרדיקער דערוואַרטונג פון איבערראַשונגען.

אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ צווייטע געשעעניש, וועלכע האָט געמוזט שפּילן אַ ראָל אין ווייטערדיקן גאַנג פון די ענינים. דער טערמין פון צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — דעם 17־טן סעפּטעמבער, — וועלכער האָט צוליב דער אַלגעמיינער לאַגע געדאַרפט פאַרקירצט ווערן, — איז, פאַרקערט, אָפּגעלייגט געוואָרן ביזן 12־טן נאָוועמבער. דעם 5־טן אויגוסט האָט דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט ווידער־אַמאָל בולט

אַרויסגעשטעלט זיין ווילנלאָזע און וואַקלדיקע אויפפירונג. פון איין זייט האָט ער איינגעפונען, אז דעם „רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד דראָט אַ סכנה פון אינערלעכער צעפאַלונג און אויסערלעכער פארניכטונג, און אַז דער הויפט-מיטל אויף צו פארפעסטיקן די רעוואָלוציע און אַרויספירן דאָס לאַנד פון דער טראַגישער לאַגע איז וואָס שנעלער צענויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאמלונג", על־כן האָט ער געמאַכט אַן אויספיר, אַז „יעדער איבעריקער טאָג, וואָס פאַרשלעפּט די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פארגרעסערט די מלוכה-סכנה און מערט די כחות פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע". אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דער צענטר. אויספיר-קאָמיטעט דערקלערט, אַז די „רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע האָט אין דאָזיקן ענין זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאנצער ריי נישט-איבערטריטלעכע שטרויכלונגען: עס פעלן די אָרגאַנען פון שטאָטישער, זעמסקער און וואָלאָסטנער זעלבסטפארוואלטונג, וועלכע מ'וואָלט געקאָנט אָנטרויען דורכצופירן די גאנצע וואל-אַרבעט און פארטיק מאַכן צום טערמין די וויילער-רשימות".

דאָס איז געווען פונקט דערזעלבער מאָטיוו קעגן דער שנעלער צענויפרופונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועלכן די בורזשואזע פרעסע האָט אַרויסגעשטעלט. נישט געקוקט אויף דער איבערוויגנדיקער און אומצווייפלהאפטער דעמאָקראַטישער מערהייט אין גאַנצן לאַנד, וואָס פלעגט זיך תמיד ארויסשטעלן ביי די שטאָטישע און „זעמסקע" וואלן, האָט די דאָזיקע פרעסע נישט אויפגעהערט צו טענהן, אז עס זענען נישטאָ קיין גאַראַנטיעס, אַז די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועלן פאָרקומען ווי געהעריק.

פונקט ווי ס'וואָלטן געקאָנט זיין וועלכע נישט איז ספקות וועגן דעם, וועלכע פארטייען עס וועלן האָבן אַן איבערוויגנדיקע מערהייט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג! נישט געקוקט אויף דעם, אָדער טאַקע גראָד צוליב דעם, האָבן די קאַדעטן אין זייערע אַלע פראָגראַמאַטישע דערקלערונגען, אָדער באַדינגונגען אויף אַריינצוטרעטן אין דער רעגירונג, אַרויסגערוקט נישט

דעם פּונקט וועגן צענויפֿרופֿן תּיכּף, אָדער צום טערמין די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, נאָר דעם פּונקט וועגן די „גאַראַנטיעס" פֿאַר די וואַלן צו איר. למשל, אין בריוו פֿון די קאַדעטישע קאַנדידאַטן אויף מיניסטאָרן־פּאָרטפֿעלן צו קערענסקין (פֿון 17־טן יולי) האָט זיך געפֿונען אַזאַ מין פּונקט: „די וואַלן צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג דאַרפֿן פֿאָרקומען בײַ דער אָפּהיטונג פֿון אַלע גאַראַנטיעס, וועלכע זענען נייטיק פֿאַרן אויסדרוק פֿון ריכטיקן פֿאָלקס־ווילן; די אָנפֿירונג מיט דער וואַלאַרבעט דאַרף איבערגעגעבן ווערן די געזעצלעך אויסגעוויילטע אָרגאַנען פֿון אָרטיקער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און עס דאַרף געזיכערט ווערן די פֿרייהייט פֿון דער פֿאָרוואַל־אַגיטאַציע". פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע „דעמאָקראַטישע" פֿאָדערונגען האָבן געהאַט דעם צוועק אונטער שיינינקע אויסריידן אָפּצושלעפּן די דורכפֿירונג פֿון די וואַלן. דער צענטר. אויספֿיר־קאָמיטעט אַליין האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער הענטקע פֿון די דאָזיקע פֿאָדערונגען, כאָטש די גאַנצע פּאָליטישע לאַגע האָט געשריגן גוואַלט וועגן עפּעס אַנדערש. אין דערזעלבער רעזאָלוציע האָט דער צענטר. אויספֿיר־קאָמיטעט אַליין אָנערקענט די אָנגעשטרענגטקייט פֿון דער לאַגע. „די געשעענישן אויפֿן פֿראָנט, — האָט ער געזאָגט, — און דער דויערנדיקער קריזיס פֿון דער מאַכט אין שייכות מיט די אינערלעכע אויפֿטרייסלונגען האָבן טאָרמאָזירט דעם גאַנצן גאַנג פֿון די צוגרייטונגס־אַרבעטן צו די וואַלן". דאַרף מען, הייסט עס, נישט ג ע ז אַ מ ט צענויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג? ניין, פֿאַרקערט! „די דאָזיקע אַלע באַדינגונגען צווינגען שלום צו מאַכן מיט דער אוממעגלעכקייט דורכצופֿירן די וואַלן צום באַשטימטן טערמין פֿון 17־טן סעפּטעמבער... דער צענטר. אויספֿיר־קאָמיטעט האַלט דאָס אָפּלייגן די וואַלן פֿאַר אוממאַרמיידלעך". נו, און אויב עס וועט זיך נישט איינגעבן צו פֿאַרענדיקן אַלע פֿאָרמאַליטעטן אין משך פֿון נייעם טערמין? „אין פֿאַל, ווען אין משך פֿון נייעם טערמין וועט אוממעגלעך זיין אויסצונוצן די שטאָטישע, „זעמסקע" און „וואָלאָסטנע" „אופּראַוועס", וועלכע דאַרפֿן געבילדעט ווערן,

דאַרפֿן איבערגיין די פֿליכטן פֿון די דאָזיקע לעצטע בנוגע די וואַלן צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג צו אַנדערע אָרטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, אָדער אָרגאַניזאַציעס״.

אָט דאָס איז דאָס טאַקע! אין אַ נויט־פֿאַל קען די רעוואָלוציע אויסנוצן נישט נאָר די אינסטיטוציעס, וואָס האַלטן זיך אין אויסבילדן, וואָס דאַרפֿן נאָך אויסקעמפֿן זייער אויטאָריטעט ביי דער באַפֿעלקערונג, נייערט אויך די אינסטיטוציעס, וואָס עקסיסטירן שוין אויף די ערטער און געניסן דעם צוטרוי פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן. אויב אָבער מ׳וועט עס קענען טאָן דערנאָך, נאָכן דורכפֿאַל פֿון פֿרישן טערמין, — פֿאַרוואָס־זשע האָט מען דאָס נישט געקענט אָנווענדן איצט, ביי די „שווערע געשעענישן אויפֿן פֿראָנט און ביים דויערנדיקן קריזיס פֿון דער מאַכט?״

די דאָזיקע פֿאַרשלעפּונג ברענגט מיט זיך די ווייטערדיקע צעפֿאַלונג פֿון דער רעגירונגס־מאַכט, די ווייטערדיקע פֿאַרשאַרפֿונג פֿון אינערלעכן קאַמף אין דעמאָקראַטישן לאַגער, די ווייטערדיקע אויפֿטרייסלענישן פֿון דער רעוואָלוציע. די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג קען זיך ווען־נישט־איז קומען, אָבער זי ריזיקירט צו קומען שוין צו שפּעט.

די מאָסקווער „מלוכה־באַראַטונג״

א רעגירונג קען נישט לעבן אין אַ לופֿטלאָזן רוים: זי מוז זיך אויף וועמען־נישט־איז שטיצן. ווער האָט איצט געקענט זיין איר אָנשפּאַר?

דער צענטר. אויספֿיר־קאָמיטעט? אָבער די אָפֿיציעלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע האָט אַליין גאַנץ ווייניק געגלויבט אין זיך. זי האָט זיך נאָך אַלץ געפֿונען אויסשליסלעך אונטערן איינדרוק פֿון די געשעענישן פֿון 3—5־טן יולי. וואָס זי זאָל

נישט האָבן געטאָן, וואָס זי זאָל נישט האָבן אונטערגענומען, פּלעגט זי אָנהויבן און פאַרענדיקן מיט די ווערטער: „געדענקט וועגן 3—5־טן יולי". די ראַטן־טריבונע איז פול געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערע קאַסאַנדראַס, וועלכע האָבן אָן אויפהער דערמאָנט וועגן די „טעג פון מפּלה", וועגן דער „אַנאַרכיע פון לינקס", וועגן דעם „קלאַפּ פאַר דער רעוואָלוציע". אין אויסברוך פון יאוש האָבן זיי אַליין אונטערגעריסן זייער אייגענע באַדייטונג, זיי האָבן אַליין געשריגן וועגן זייער שוואַכקייט, זיי האָבן אַליין פאַרשפּרייט אַ פּאַנישע שטימונג צווישן די מאַסן און געמוטיקט די קאָנטער־רעוואָלוציע. אַן איינציק־אַרטיקע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציע!

קערענסקיס רעגירונג, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע", האָט איצט באַשלאָסן זיך אויך זיכערן אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אונטערשטיצונג. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווען די קליידער, וועלכע זי טראָגט, וועלן באַשטיין פון הונדערטער פאַרשידנאַרטיקע און בונטע פּיצלעך שטאָף, וועלן זיי זיין שטאַרקער פאַר דער גראָבער, איינהייטלעכער און גאַנצער סחורה. זי האָט צענויפגערופן אין מאָסקווע א מלוכה־באַראַטונג, אויף וועלכער זי האָט פאַרבעטן טויזנטער מענטשן, „אַלע לעבעדיקע כחות פון לאַנד": פון צענטר. אויספיר־קאָמיטעט, איבער די סוחרים און פּריצים, ביזן קלער און די העכערע מיליטער־לייט.

די מלוכה־באַראַטונג, וועלכע האָט געדויערט אין מאָסקווע דריי טעג (דעם 12־טן — 14־טן אויגוסט), האָט נישט געבראַכט קיין שום דירעקטע רעזולטאַטן, ווייל זי איז דאָך בלויז געווען אַ באַראַטונג. זי האָט אָבער געדינט אַלס הויכע אַרענע, אויף וועלכער ס'זענען אַרויסגעטראָטן און אַרויסגעוויזן זייער פּרצוף אַלע עקסיסטירנדיקע כוחות אין לאַנד. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון דער דאָזיקער באַראַטונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די כחות פון רעכטס, די כחות פון דער פּריצישער, בורזשואַזער און מילי־

טערישער ר ע אַ ק צ י ע, זענען דאָ אַרויסגעטראָטן ווי צום בעסטן אָרגאַניזירט. די דומע, אָן וועלכער אַ סך האָבן זיך נאָך געקלאָ־ מערט, האָט שוין איר לידל געהאַט אָפּגעזונגען און נישט געקענט פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון אַ שטענדיקן אָרגאַן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דידאָזיקע מאָביליזאַציע פון די קאָנטער־רע־ וואָלוציאָנערע כּוחות האָט געהאָלפן דורכפירן די מלוכה־באַראַטונג.

נאָך ערב דער באַראטונג זענען פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון „געזעלשאַפטלעכע טוער", אויף וועלכן ס'איז געקומען צו אַ פאַרייניקונג צווישן די העכסטע מיליטערישע קאָמאַנדירן מיט די קאַדעטן און די רעשטלעך פון דער דומע, און אַ צוזאַמענפאָר פון האַגדלס־אינדוסטריעלע, אויף וועלכן דאָס גרויס־סוחרטום און דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָבן פאַרזיכערט צו „נעמען" די רעוואָלו־ציע דורך „דער ביינערדיקער האַנט פון הונגער". אויף דער מלוכה־באַראַטונג גופא האָבן זיך די דאָזיקע אַלע כּוחות פאַרייניקט אין איין פּאָליטישן און סאָציאַלן בלאָק. דער העכסטער קאָמאַנדירן־קרייז, וועלכער האָט זיך געגוויטיקט פאַר זיינע באָנאַפּאַרטיסטישע צילן אין פּ אָ ל י ט י ש ע ר פירערשאַפט, און די בורזשואַזע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געזוכט פאַר זייערע פּלענער אַ רעאַלע מ י ל י ט ע ר י ש ע קראַפט, — האָבן ענטגילטיק געפונען איינער דעם צווייטן. פון קערענסקיס זייט איז געווען אַ גרויסער פעלער דאָס, וואָס ער האָט די דאָזיקע אַלע עלעמענטן געגעבן אַ מעג־לעכקייט זיך צוזאַמענצוגיסן אין איין כּוח. ווען ער האָט אָבער דערצו דערלאָזן, האָט ער זיך אויף דער מלוכה־באַראַטונג דערזען אין קלעם צווישן צוויי שטיילע ווענט: צווישן דער דע־מאָקראַטיע (דער מעסיקער) און דער ר ע אַ ק צ י ע.

די רעאַקציע, וועלכע האָט אין לאַנד און אין פאָלק פאַר־געשטעלט מיט זיך אַ נישטיקן כּוח, איז דאָ, אויף די פייערלעכע זיצונגען, פלוצלונג אַרויסגעטראָטן פאַר די אויגן פון דער גאַנ־צער וועלט אַלס ג ל י י כ באַרעכטיקטער כּוח, אַ גלייכער לויט דער וואָג און ווירקונג מיט דער דעמאָקראַטיע. דאָס איז געווען אַ געקינצלטע מאַרגרעסערונג פון איר כּוח, וועלכע האָט אָבער לגמרי פאַרקריפּלט דאָס פּאָליטישע פּנים פון לאַנד.

די גענעראַלער קאָרנילאָוו און קאַלעדין זענען געווען די פאַראַנטוואָרטלעכע וואָרט-פירער פון דער רעאַקציע. דער ערשטער, אַלס העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר, האָט דאָ געפאָדערט אָנצונעמען די זעלבע מיטלען, אויף וועלכע קערענסקי, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, האָט נישט געקענט מסכּים זיין. „אַן אייזערנע דיסציפּלין", דערפירן צום נול-פּונקט די ראָל פון די אַרמיי-קאָמיטעטן, מיליטאַריזירן די אייזנבאַנען, א שטרענגער רעזשים פאַר דער אַרמיי און הינטערן פראָנט (טויט-שטראָף) — אָט דאָס זענען די מיטלען, וועלכע די רעאַקציע האָט איצט געפאָדערט דורך זיין מויל, שטרעבנדיק צו באַקומען פאַר זיך א רעאַלע קראַפט. קאָרנילאָוו האָט שטרענג געפאָדערט, דראָענדיק מיט נייע מעגלעכע מפּלות אויפן פראָנט. דאָס זענען געווען נישט נאָר אַנטי-היסטאָרישע פאָדערונגען, נאָר אויך פּראַקטיש פּרוכטלאָזע: ווייל עס האָבן שוין נישט געקענט עקסיסטירן יענע כּוחות, וועלכע זאָלן אין רעוואָלוציאָנערן לאַנד אויפן פערטן מלחמה-יאָר ווידער קענען פאַרוואַנדלען די אַרמיי אין א מאַשין און א געצייג. דאָס, וואָס קאָרנילאָוו האָט פאַרגעלייגט רויק און אין אַלגעמיינע שטריכן, האָט קאַלעדין — דער פאַרטרויונגס-מאַן פון רייכן קאָזאַקנטום — אַרויסגעזאָגט אָפן און דראָענדיק: „די אַרמיי דאַרף זיך געפינען מחוץ ווירקונגס-קרייז פון פּאָליטיק, אַלע ראַטן און קאָמיטעטן דאַרפן באַזייטיקט ווערן אין דער אַרמיי ווי אויך הינטערן פראָנט, די פירער פון דער אַרמיי דאַרפן באַקומען די פולע מאַכט", עס דאַרף תּיכּף און שאַרף געמאַכט ווערן א סוף צו דער פאַנאַנדערדריבונג פון דער מלוכה-מאַכט דורך די ראַטן. דאָס זענען געווען קלאָרע פאָדערונגען, וועלכע האָבן געדאַרפט אַנטוואָפענען די דעמאָקראַטיע און באַוואָפענען די קאָנטר-רעוואָלוציע. אַזוי האָבן אויסגעזען די באַפעלן, וועלכע זענען געגעבן געוואָרן מיט דער קאַמף-שפּראַך פון דער מיליטערישער קליקע. זייער פּאָליטישע אַרומשלייפונג, די פּרינציפּיעלע באַגרינדונג האָבן גענומען אויף זיך די קאַדעטן. אין זייער נאָמען האָט גערעדט מאַקלאַקאָוו, אַז די עקאָנאָמישע מיטלען דאַרפן דורכגעפירט ווערן „אויפן באָדן פון יענער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָרדנונג, וועלכער ס'איז נאָך באַשערט צו אַנטוויקלען

זיך". „היט אָפּ די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן" — האָט ער אויסגערופן, — „אָבער פּאַנטאַזירט נישט, גראָבט נישט אונטער די בורזשואַזע אָרדנונג". בנוגע דער פראַגע וועגן מלחמה האָט ער דערקלערט, אַז „איצט איז קלאָר, אַז ציממערוואַלד האָט נישט מציל געווען", און דעריבער מוז מען „קעמפן ביזן סוף, ביז א בכבודיקן שלום". און די רעגירונג האָט ער אויפגעפאָדערט צו האָבן מוט, צו „וואַגן גיין קעגן פּאַרלאַנג פון די פּאַרטייען, ווייל זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ מינדערהייט פון לאַנד". צי דען באַדייט עס פונדעסטוועגן, אַז די רעגירונג דאַרף אויספירן די פּראָגראַם פון 8-טן יולי?

חס וחלילה! אַדרבה, אַ צווייטער קאַדעטישער רעדנער, אַסטראָוו, האָט אָנגערופן די דאָזיקע פּראָגראַם „א האַלב-פּאַרגעסענער דאָקומענט, אַ סימבאָל פון קאָנווענציאָנעלער באַדייטונג". די רעגירונג איז מיט גרויס התמדה אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ווערן „אומאָפּהענגיק", אומאָפּהענגיק פון דער דעמאָקראַטיע.

די פּראָגראַם פון דער רעאַקציע איז געווען קלאָר, און זי איז דאָ ארויסגעטראָטן אלס אָרגאַניזירטע קראַפט. דערפאַר אָבער איז אַלס אָרגאַניזירטע מאַכטלאָזיקייט אַרויסגעטראָטן די דעמאָקראַטיע. די דאָזיקע דעמאָקראַטיע איז געווען א מעסיקע, אַ מלוכה-טרייע און אַן „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע", ווייל זי האָט נישט צוגעלאָזן אין איר באַשטאַנד אויף דער דאָזיקער באַראַטונג נישט די באָלשעוויקעס און נישט די ס.-ר.-ן פון לינקן פליגל. אמת, זי האָט דאָ פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרבאַנד פון צענטער, אויספיר-קאָמיטעט, פון דעמאָקראַטישע שטאָט-דומעס, קאָאָפּעראַטיוון, אַרמיי-אָרגאַניזאַציעס, אַ איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד. און פונדעסטוועגן האָט זי זיך דאָ געפירט פון אָנהויב ביזן סוף, פונקט ווי זי וואָלט זיך געפונען אין דעפּענסיוו-צושטאַנד. די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, — ווי מיר וועלן באַלד זען, — האָט זיך, אָביעקטיוו גענומען, שוין נישט געפונען אין צושטאַנד פון שוואַכקייט און זעלבסטפאַרטיידיקונג, אָבער אירע אָפיציעלע פירער האָבן זיך נאָך אַלץ געפילט אין דער דאָזיקער לאַגע

און אין הסכם מיט דעם געהאַנדלט. אין דער אַלגעמיינער דעקלאַראַציע פון די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און אין צערעטעליס רעדעס איז בלויז פאַרטיידיקט געוואָרן דאָס רעכט פון דער דעמאָקראַטיע אויף עקסיסטענץ, אויף אָרגאַניזירט זיין, אויף השפעה. „דורך די ראַטן, — האָט דערקלערט די דעקלאַראַציע, — האָט די דעמאָקראַטיע נישט געשטרעבט צו מאַכט, זי האָט נישט געזוכט פאַר זיך קיין מאָנאָפּאָל. זי איז גרייט געווען צו אונטערשטיצן יעדע מאַכט, וועלכע איז פעיק אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון לאַנד און פון דער רעוואָלוציע". „די פּראָגראַם פון 8-טן יולי" — האָט די דעקלאַראַציע זיך באַמיט צו באַרויקן — „איז נישט בלויז אַ פּראָגראַם פון די דעמאָקראַטישע קלאַסן: זי דריקט נישט אויס זייערע פולע פאָדערונגען". אין קעגנזאַץ צו די קלאָרע און קאַטעגאָרישע פאָדערונגען פון די רעכטע רעסטאַוראַטאָרן, האָט די דאָזיקע דעקלאַראַציע פאָרמולירט די פּאָסטולאַטן פון דער דעמאָקראַטיע שרעקעוודיק און פאַרזיכטיק, מיט באַוואָרענישן און באַמערקונגען. וועגן פראַגן פון אויסערלעכער פּאָליטיק האָט זי בכלל קיין וואָרט נישט געזאָגט. בנוגע די מיליטערישע רעפּרעסיעס (צווישן זיי וועגן טויט-שטראָף, וואָס האָט אַלעמען באַאומרויקט) האָט די דעקלאַראַציע, למשל, זיך אויסגעדריקט אַזוי: „די אויסעראָרדנטלעכע מיטלען פון רעוואָלוציאָנערן דרוק דאַרפן פאַר קיין פאַל נישט פאַרשפּרייט ווערן אויף די געזונטע עלעמענטן פון דער אַרמיי; דאָס מיטברויכן מיט דער סיסטעם פון צוואַנג און רעפּרעסיעס צעשטערט די קאַמפּס-קראַפט פון דער אַרמיי". די דאָזיקע פראַזעאָלאָגיע, גלייכצייטיק אַ דיפּלאָמאַטישע און קנעכטישע, אַ שרעקעוודיקע און וואַקלדיקע, איז, פאַרשטייט זיך, לגבי דער אָרגאַניזירטער מיליטער-אָנפירונג געווען להלוטין אָנמעכטיק און זינלאָז.

בנוגע דער אַגראַר-פראַגע האָט די דעקלאַראַציע געזאָגט, אַז „מ'דאַרף אָפּוואַרפן יעדע אַרט פאַרכאַפּונג פון פרעמדן באָדן", אָבער גלייכצייטיק האָט זי דערקלערט, אַז „די אוממיטלבאַרע רעגולירונג פון די באָדן-באַציונגען דאַרף איבער-

געגעבן ווערן די אָרטיקע ערד-קאָמיטעטן". די דאָזיקע פּראָוו-
אָלאָגיע, וועלכע האָט זיך באַמיט גלייכצייטיק צו באַפרידיקן סיי די
פּויערים, סיי די פּריצים, איז, פאַרשטייט זיך, געווען אָנמעכ-
טיק צו באַפרידיקן סיי די, סיי יענע. פאַרקערט, אַרויסווייזנדיק
די אינערלעכע צווייאיקייט פון דער דעמאָקראַטיע, האָט די דאָ-
זיקע אויפפירונג אירע פאַרשטאַרקט דעם דרוק און די זעלבסט-
זיכערקייט פון רעכטן פליגל פון דער מלוכה-באַראַטונג. אומזיסט
האָט צערעטעלי איינגערעדט און אויפגעפאָדערט די בורזשו-
אַזיע צו אַן „ערלעכער קאָאַליציע", אומזיסט האָט ער געטראַכט
און געמאַכט אויסרעכנונגען א ו י ף פ אַ ר א י ר: פון דער נאָכ-
גיביקייט פון דער דעמאָקראַטיע האָט די בורזשואַזיע בלויז גע-
מאַכט אַן אויספיר וועגן אויסנוצן זי פאַר איר אייגענער טובה.
און כאָטש נאָך זיינע רעדעס האָט איינער פון די גרויס-אינ-
דוסטריעלע רעדנער אים געדריקט די האַנט אויף די אויגן פון
דער גאַנצער באַראַטונג, וועלכע האָט אַפּלאָדירט דעם דאָזיקן
פאַקט, אַלס אַ סימבאָל פון דער קאָאַליציע צווישן דער בור-
זשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, — פונדעסטוועגן איז דאָס
געבליבן נישט מער ווי אַ סימבאָל. ווען דער ווייטערדיקער
דעמאָקראַטישער רעדנער האָט געפרעגט דעם רעכטן טייל פון
דער באַראַטונג: „זאָל דאָס הייסן, אַז איר זענט מסכּים אויף
דער פּראָגראַם פון 8-טן יולי"? — ה אָ ט ע ר נ י ש ט באַקומען
קיין ענטפער.

יאָ, אויף דער דאָזיקער באַראַטונג האָט זיך די דעמאָ-
קראַטיע (אויף וויפל זי איז דאָרט געווען פאַרטראָטן) אַרויסגע-
שטעלט אַלס זייער פאָלגעוודיק, און צודרינגלעך איז שוין גע-
ווען די רעאַקציע. זי איז שוין געווען אויף אַזוי ווייט צו-
דרינגלעך, אַז קערענסקי, וועלכער האָט זיך באַמיט צו געפינען
די מיטל-ליניע צווישן ביידע לאַגערן, האָט זיך אין זיינע רע-
דעס כּסדר געמוזט פאַרטיידיקן און דראָען דעם רעכטן לאַגער,
„וועלכער טראַכט, שטיצנדיק זיך אויף באַגנעטן, וועגן אַראָפּוואַרפן
די רעוואָלוציאָנערע מאַכט". די נאָענטסטע צייט האָט באַוויזן,
אַז דער רעכטער פליגל האָט נישט נאָר „געטראַכט", נאָר איז

אויף גרייט געווען צו האַנדלען.*) אמת, אויף דערזעלבער באַראַטונג האָט קערענסקי נישט איינמאָל אין זיינע רעדעס געדראָט „מיט אייזן און בלוט" אויף דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן דעם 3—5־טן יולי. ס'איז אָבער געווען אַ גרויסער חלוק אין זיינע באַציונגען צו די פאַרשווערער פון רעכטס און צו די רעוואָלוציאָנערן פון לינקס. מיט די ערשטע האָט ער זיך פאַרשטענדיקט, די ערשטע האָט ער גערופן אויף דער באַראַטונג און פאַרוואַנדלט אין א פאָליטישע קראַפט, אַ גלייכבאַרעכטיקטע מיט דער דעמאָקראַטיע. די צווייטע אָבער האָט ער פאַרטריבן פון די דעמאָקראַטישע רייען, וועלכע האָבן געהאַט השפעה אויף דער מלוכה, מיט די צווייטע האָט ער בלויז געוואָלט קעמפן, אָבער נישט פאַרשטענדיקן זיך.

וואָס איז געווען דער סך־הכל פון דער מלוכה־באַראַטונג? צי האָט זי, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, געבראַכט צו אַן אויסגלייך, צו א פאַרשטענדיקונג, צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער מאַכט? ניין, דערצו האָט זי נישט געפירט. זי האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס דעמאָנסטראַציע פון קלאַסן־קאַמף אין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די רעגירונג איז פון איר נישט אַרויס אַ פאַרשטאַרקטע, ווייל ביידע לאַגערן זענען זיך נישט צענויפגעקומען נישט אויף דער פראָגראַם פון 8־טן יולי, נישט אויף אַ וואָסער נישט איז אַנדערע געמיינזאַמע פראָגראַם. דאָס

---

*) קערענסקי איז אין יענער צייט געווען אַ דיקטאַטאָר און דעריבער דאַרף מען זיך גוט צוקוקן צו זיין פערזענלעכקייט. ער איז שטענדיק געבליבן דער אינטעליגענט; אויך איצט איז ער נאָר געווען אַן אינטעליגענט אויפן טראָן. אַ לאַנגע צייט אין דער רעוואָלוציע האָט ער איינגענומען מיט רייד, איצט אויף דער מלוכה־באַראַטונג האָט ער גערעדט. אָבער סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע זענען געווען מעטאָדן פון מ א ר א ל י ש ן דרוק, דאָס זענען גיכער געווען אַטריבוטן פון מאַכט, איידער די מאַכט גופא. אויך אויף דער מלוכה־באַראַטונג — אין זעניט פון זיין מאַכט — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך וואַקלען, און דעריבער האָט ער נישט אָפּגעהאַלטן די גערייצטע פאַרשווערונג פון די רעכטס.

באַדייט, אַז די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אין דער רעגירונג די דאָזיקע ביידע לאַגערן, זענען אויך דאָרט געבליבן געשפּאָלטן צווישן זיך. קערענסקי האָט דאָ געזוכט די מיטל־ליניע צווישן די לאַגערן פון דער רעאַקציע און פון דער מעסיקער דעמאָקראַטיע, בעת די אנטוויקלונג פון די געשעענישן, און, ממילא, אויך די לאָגיק פון דער רעוואָלוציע האָבן געפאָדערט צו געפינען גאָר אַן אַנדער מיטל־ליניע: צווישן דער מעסיקער און דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע. ווייל די רעאַקציאָנערע כוחות, נישט געקוקט אויף זייער אויסערלעכער טומלדיקייט, זענען געגאַנגען קעגן דער דאָזיקער לאָגיק און מ'האָט זיי געמוזט מוטיק ארויסוואַרפן פונם היסטאָרישן חשבון. און ווען קערענסקי וועט זיך שוין שפּעטער — אויף דער דעמאָקראַטישער בּאַראַטונג — באַמיען צו געפינען אָט די דאָזיקע מיטל־ליניע — וועט שוין זיין צו שפּעט.

צו קיין אויסגלייך איז נישט געקומען, אָבער די דעמאָקראַטיע איז ארויס אַן אָפּגעשוואַכטע. זי האָט נישט באַוויזן אפילו איר מעסיקע פּראָגראַם צו מאַכן פאַר אַן אלגעמיינע פּראָגראַם, אָבער דערווייל האָט זי די רעגירונג באַפרייט פון זיין אָפּהענגיק פון איר. צערעטעלי האָט קלאָר דערקלערט: „אויב דער בונד פון דער רעגירונג מיט די ראַטן האָט אייך (ד. ה. די בורזשואַזיע) געשטערט אונטערצושטיצן די מאַכט, טאָ דערקלערן מיר אייך: די דאָזיקע שטערונג עקסיסטירט נישט מער. די קאָאַליציע־מאכט האנדלט מחוץ דער פריערדיקער פאָרמעלער פארבינדונג מיט די ראַטן". צי דען האָט די רעאַקציע געקענט ווינשן פאַר זיך עפּעס בעסערס?

דער וווּקס פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות. דער אויפשטאַנד פון גענעראַל קאָרנילאָוו

איז דען די דעמאָקראַטיע אין יענער עפּאָכע רעפּרעזענטירט געווען בלויז אויף דער מלוכה־באַראַטונג?

ניין, די רעוואָלוציע איז געווען טיפער און וואַסער־רייכער, ווי דאָס האָט געוויזן איר אָפיציעלע פלוס־בעט. ס׳האָט נאָך עקסיסטירט די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע, וועלכע איז נישט געווען אָנוועזנדיק אין זאַל, אָבער אָן וועלכער מען האָט נישט פאַרגעסן; ווייל זי האָט גענוג הויך געגעבן וועגן זיך צו הערן.

אין טאָג, ווען ס׳איז געעפנט געוואָרן די מלוכה־באַראַטונג, האָט די פּראָלעטאַרישע מאָסקווע געשטרייקט. עס האָבן געשטרייקט אַלע גרויסע באַטריבן, די טראַמווייען, שטאָטישע אונטערנעמונגען. מען האָט געשטרייקט, נישט געקוקט אויפן קעגנזעצלעכן באַשלוס פון מאָסקווער ראַט. דאָס האָט באַדייט, אַז אויך אין מאָסקווע, ווי אין פּעטראָגראַד, זענען די אַרבעטער־מאַסן רעוואָלוציאָנערער פאַר זייערע פירער.

עס זענען אויך געווען אַנדערע סימנים פון נייעם שוווּנג אין דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון די מאַסן. ביי די וואַלן צו דער פּעטראָגראַדער שטאָט־דומע האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען א גרויסע צאָל ערטער, כמעט גלייך מיט דער ס.־ר.־נעדער פּאַרטיי. דער פּעטראָגראַדער ראַט (נישט דער צענטר. אויספיר־קאָמיטעט), ווי ס׳שיינט אונטערן דרוק פון די מאַסן, האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אָפּשאַפן טויט־שטראָף און וועגן ליקווידירן די אַרעסטן פון די באָלשעוויקעס. עס איז צוגעגרייט געוואָרן און ס׳איז שיר נישט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די באַן־אַרבעטער. די אַלגעמיינע שטייגונג פון דער שטימונג אין די פּראָלעטאַרישע קרייזן האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי שטאַרק, אַז אויף דער מלוכה־באַראַטונג האָט קערענסקי, ווי מיר האָבן געזען, אייגיקע מאָל איר געדראָט מיט בלוטיקער אונטערדריקונג. און, צולעצט, לאָמיר ברענגען

נאָך איין סימפּטאָם פון דער אָנגעהויבענער איבערגרופּירונג פון די רעוואָלוציאָנערע כּוחות. דאָס איז די שפּאַלטונג, וועלכע האָט זיך געלאָזט מערקן אין דער פּאַרטיי סאָצ.-רעוו.

די דאָזיקע פּאַרטיי, וועלכע האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין ערשטן רעוואָלוציע-פּעריאָד די צאָלרייכסטע שיכטן פון דער דעמאָקראַטיע, דער עיקר פון דער פּויערשער, איז געפאַלן אַלס קרבן פון איר אייגענער קראַפט. צוליבן אנפלוס פון פאַרשידנאַרטיקע סאָציאַלע עלעמענטן, האָט זי אַלץ מער פאַרלאָרן די רעוואָלוציאָנערע אויסגעהאַלטנקייט. איר באַנטקייט צו דער רעגירונג האָט איר נישט בעגעבן קיין מעגלעכקייט צו קריטיקירן און ענדערן די אָפיציעלע פּאָליטיק. אַ טייל פון אירע מיטגלידער איז מסכים געווען מיט קערענסקיס פּאָליטיק, אַ טייל אירער האָט נישט געוואַגט זי צו באַקעמפן. אין רעזולטאַט איז זי געווען געצווונגען צוצוזען, ווי מאַכטלאָז עס איז איר לידער טשערנאָוו אין דער אַגראַר-פראַגע — אין דאָזיקן הויפּט-פּונקט פון איר פּראָגראַם, — ווי איר מיטגליד אווקסענטיעוו דערלאָזט צו אַרעסטירן די מיטגלידער פון די ערד-קאָמיטעטן, ווי אַזוי איר מיטגליד קערענסקי ליקווידירט דאָס ווערק פון דער דעמאָקראַטיע. אין שטראָם פון איר מלוכהשער און אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פאַרזינקט איר רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער און אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער, וועלכער איז אויסגעשמידט געוואָרן אין משך פון איר יאָרצענדליק-לאַנגן קאַמף ביז דער רעוואָלוציע.

מיט דער דאָזיקער אָפּשטאַרבונג, מיט דער סאָציאַלער ניי-געשטאַלטונג פון דער פּאַרטיי האָט געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פון סאַמע אָנהויב רעוואָלוציע דער לינקער פליגל פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען אין דער מינדערהייט, ער איז אָבער כסדר געוואַקסן אי אין דער צאָל, אי לויט זיין השפּעה. אויפן אַלגעמיינעם פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין מאַי האָט ער נאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט. נאָך די יולי-געשעענישן איז שוין דעם 9-טן יולי פּובליקירט געוואָרן די ערשטע אָפיציעלע דעקלאַראַציע פון לינקן פליגל פון די ס.-ר.-ן. „די מינדערהייט" — איז דאָרט געזאָגט געוואָרן — „קאָנסטאַטירט, אַז די פּאָליטיק,

וועלכע ס׳פירן די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער פּאַרטיי שטויסט אָפּ פון איר די באַוווסטזיניקסטע טייל פון די האַרעפּאַשנע מאַסן און דראָט אַריבערצוטראָגן דעם צענטר פון דער פּאַרטיי־שטיצע אויף די באַפעלקערונגס־שיכטן, וואָס לויט זייער קלאַסן־כאַראַקטער, אָדער זייער באַוווסטזיניקייט־ניוואָ קענען זיי נישט זיין קיין אמתער אָנשפּאַר פאַר אַ פּאָליטיק פון אַ עכט־רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם". דער 7־טער פּאַרטיי־ראַט (אַ פאַרשמעלערטער צוזאַמענפאָר), וועלכער איז פאָרגעקומען אין אויגוסט, האָט בולט ארויסגעוויזן דעם וווּקס פון לינקן פליגל. זיין רעזאָלוציע האָט באַקומען אַזוי פיל שטימען, אַז עס איז נישט ווייט געווען פון אַ העלפט מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר. אין דער צייט, וואָס די מערהייט, אַ ווילנלאָזע און אָנגעשראָקענע דורכן גראַנדיעזן פאַרנעם פון די געשעענישן, האָט זיך בלינד און איינגעשפאַרט געקלאַמערט אָן איר אַלטער פּאָליטיק פון אונטערשטיצן די רעגירונג און מורא האָבן פאַר דער רעוואָלוציע, האָט דער לינקער פליגל גערעדט מיט אַ פול מויל. אין זיין רעזאָלוציע האָט ער פּראָטעסטירט קעגן דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער רעגירונג, וועלכע האָט געהאַלטן געשמיט די כּוחות פון דער רעוואָלוציע, קעגן פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דער מיליטעריִשער קליקע, וועלכע דראָט מיט אַ באַנאַפּאַרטישער פאַרשווערונג. ער האָט געפאָדערט תּיכּף ומיד אָפּצושאַפן די אויסנאַם־געזעצן קעגן דער לינקער דעמאָקראַטיע, איבערצוגעבן אַלע ערד־שטחים אין רשות פון די ערד־קאָמיטעטן, תּיכּף זיך ווענדן צו די קעמפנדיקע גרויס־מאַכטן מיט אַ פאָרשלאַג וועגן וואָפנשטילשטאַנד. צולעצט האָט ער געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אַראָפּנעמען פון זיך די אחריות פאַר דער טעטיקייט פון אירע מיטגלידער, די מיניסטאָרן טשערנאָוו און אַווקסענטיעוו, אין דער דיקטאַטור־רעגירונג, וואָס דאָס האָט געמוזט דערפירן צום פאַלן טאַקע די דאָזיקע רעגירונג.

דער וווּקס פון לינקן פליגל האָט באַדייט נישט נאָר אַן אינערלעכע ענדערונג אין איינער פון די צאָלרייכע פּאַרטייען פון דער רעוואָלוציע. ער האָט באַדייט, אַז די מאַסן, וועלכע די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געפירט, זענען געשטימט נישט רודף־שלום־

דיק, נאָר רעוואָלוציאָנער, דאָס האָט באַדייט, אַז די אידעע פון א איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער רעגירונג און פון אַ רעאַלער ליקווידאַציע פון דער מלחמה זענען געווען די פּאָליטישע אידעען שוין נישט נאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַליין. דאָס האָט באַדייט, אַז דאָס האָרעפּאַ־נע פּויערטום — די סאָציאַלע באַזע פון דער פּאַרטיי סאָצ.־רעוו. — איז איבערגעגאַנגען פון לאַגער פון פּאָליטישן און סאָציאַלן אָפּאָרטוניזם אין לאַגער פון אַנטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דער לינקער פליגל פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, נישט גע־קוקט אויף זיין מינדערהייט, האָט זיך שוין געשפּירט אויף אַזוי פיל פעסט און זיכער, אַז דער צוזאַמענפאָר איז געצוווּנגען געווען צו פאַרעפנטלעכן די רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט צוזאַמען מיט דער רעזאָלוציע פון דער מערהייט. פון דאַן אָן האָט שוין די מינדערהייט־רעזאָלוציע געדינט אַלס פּלאַטפאָרם צו פאַרייניקן איבערן גאַנצן לאַנד די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון דער פּאַר־טיי ס.־ר.־ן און פון די מאַסן, וועלכע הערן זיך צו צו איר שטים. די רעזאָלוציע, וועלכע איז אַרויסגעריסן געוואָרן דורכן חוקס פון די אָפּאָזיציאָנעלע כּוחות אין דער פּאַרטיי, האָט איצט פון איר וייט רעוואָלוציאָניזירט די פּאַרטיי, צענויפזאַמלענדיק אין איר די לינקע עלעמענטן. פון דעם צוזאַמענפאָר אָן האָט זיך שוין די פּאַרטיי ס.־ר.־ן דערנענטערט צו איר שפּאַלטונג: איר אָפיציעלע רעכטע מערהייט איז דורכן גאַנג פון די געשעענישן און דורך דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי גופא געשטויסן געוואָרן אין אַ פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע, די לינקע מינדערהייט ווי־דער, באַגייסטערט דורכן זעלבן גאַנג פון די געשעענישן און דורך דער אַלץ וואַקסנדיקער אונטערשטיצונג פון די מאַסן, האָט זיך פיבערדיק געגרייט צו זעלבסט־אָרגאַניזירונג, וועלכע האָט זי דערנענטערט צו דער טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס. פון דעם צוזאַמענפאָר אָן איז פּאַרפעסטיקט געוואָרן דער נאָמען „לינקע ס.־ר.־ן" אין קעגנזאַץ צו דער אָפיציעלער פּאַרטיי „רעכטע ס.־ר.־ן".

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך זעלב־

שטענדיק אָרגאַניזירט, האָט דער לינקער פליגל דאָך נישט געהאַלטן פאַר נויטיק ענטגילטיק זיך אָפּצושפּאַלטן און פאַרלאָזן די אַלטע פּאַרטיי. צוזאַמען מיט דער מערהייט האָט ער צענויפגעשטעלט געמיינזאַמע קאַנדידאַטן-ליסטעס פאַר די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. דער דאָזיקער באַשלוס, וועלכער האָט דערנאָך געהאַט גרויסע פאָלגן, איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי סיבות. קודם כּל האָט דער לינקער פליגל געהאַט אַ סך גרונטן צו האָפן, אַז ער וועט פאַר זיך דעראָבערן די מערהייט אין דער פּאַרטיי. אַ גאַנצע ריי סימנים האָבן אים דערין איבערצייגט, און אגב איז דער נאָמען פון דער ס.-ר.-ער פּאַרטיי געווען אַזוי פּאָפּולער צווישן די ברייטע מאַסן, אַז די רעוואָלוציע איז גיכער פאַראינטערעסירט געווען אין אויסגלייכן און געזונט-מאַכן די פּאָליטישע ליניע פון דער אַלטער פּאַרטיי, ווי אין שאַפן אַ נייע.

חוצדעם האָט דער לינקער פליגל געהאַט איין געמיינזאַמע אידעע מיטן רעכטן, די גרונט־אידעע פון זייער געמיינזאַמער פּראָגראַם: די סאָציאַליזאַציע פון באָדן. די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן געדאַרפט פאָרקומען אויף פּלאַטפאָרמען, אין צענטער פון וועלכע ס'האָט זיך געפונען די אַגראַר-פראַגע. קיין שום אַנדער פּאַרטיי אין דער רעוואָלוציע, אַ חוץ די ס.-ר. פּאַרטיי, האָט נישט אונטערגעשטיצט די פּראָגראַם פון סאָציאַליזירן דעם באָדן. די באָלשעוויקעס, אַלס סאָציאַל-דעמאָקראַטן, זענען נישט געגאַנגען ווייטער פון דער אידעע צו עקספּראָפּריאירן דעם באָדן אָן אויסקויפגעלט, זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט וועגן די פּרינציפּן פון פאַנאַנדערטיילן און באַאַרבעטן די ערד, בעת די פּראָגראַמען וועגן סאָציאַליזירן דעם באָדן האָבן אַנטהאַלטן נישט נאָר דעם פּרינציפּ וועגן פאַרגעזעלשאַפטלעכן דאָס ערד־אייגנטום, נאָר, דער עיקר, אויך דעם פּרינציפּ וועגן פאַנאַנדערטיילן זי אויף גלייכע אַרבעטס־יסודות און וועגן איר קאָלעקטיווער באַאַרבעטונג. גראָד דידאָזיקע פּראָגראַם, וועלכע איז געשטאַנען אין הסכּם סיי מיט די אַרבעטס-אידעאַלן, סיי מיט די קלאַסן-אינטערעסן פון

פויערטום, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם רעוואָלוציאָנערסטן לאָזונג, וועלכן די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעריקט און וועלכער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלע. דערדאָזיקער לאָזונג האָט באַדייט אַ טויט-קלאַפּ פאַר דער בורזשואַזער אָרדנונג, ווייל ער צעשטערט די קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום-געוווינהייטן אין דאָרף, און דורך אים אויך אין שטאָט, אין רוסלאַנד, און דורך איר אויך אין דער גאַנצער וועלט. און דערזעלבער לאָזונג האָט מאָביליזירט אַרום זיך די צאָלרייכסטע האָרעפּאַשנע שיכטן פון דאָרף, פאַרגרעסערנדיק אַזוי אַרום די קאַמפּס-קראַפט פון רעוואָלוציע-אַוואַנגאַרד — פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אויפן גאַנצן משך פון דער רעוואָלוציע, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, האָבן די בורזשואַזע פאַרטייען געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט טשערנאָווס אַגראַרע פּראָיעקטן. אָט פאַרוואָס דער לינקער פליגל פון דער ס.-ר.-ער פאַרטיי, וועלכער איז פאַראינטערעסירט געווען אין רעאַליזירן די באָדן-סאָציאַליזאַציע, איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן רעכטן פליגל פון דער פאַרטיי ביי די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. קענענדיק גאַנץ גוט די אָפּאָרטוניסטישע טבע פון דאָזיקן פליגל אין אַ סך פראַגן, האָט ער פונדעסטוועגן געהאָפט, אַז אין דער פראַגע וועגן סאָציאַליזירן דעם באָדן, וואָס אין דעם באַשטייט איר גאַנצעס וועזן און איר גאַנצער עבר, וועט די גאַנצע פאַרטיי, אָן אויסנאַם, אַנטוויקלען דעם מאַקסימום ענערגיע און פּראָפּאַגאַנדע. דער לינקער פליגל האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרשטאַנען, אַז אָן אַ אַנטשלאָסענער אינערלעכער און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק וועט די פאַרטיי ס.-ר.-ן אויך נישט דורכפירן אין לעבן די סאָציאַליזאַציע פון באָדן, ער האָט אָבער גערעכנט, אַז, קודם-כל, דאַרף מען זיך דערשלאָגן צו אַ מערהייט דעפּוטאַטן אין דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג, וועלכע זענען פאַר סאָציאַליזירן דעם באָדן, און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע וועט דווקא דעם לינקן פליגל פאַרשאַפן די אויבערהערשאַפט אין דער פאַרטיי. דאָס צערייסן די פאַרטיי אויף צוויי טיילן אין יענער

קורצער צייט, וועלכע ס'איז פאַרבליבן ביז די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָלט גיכער געקענט אָפּשוואַכן, איידער פאַרשטאַרקן די שאַנסן פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע ביי די וואַלן. דאָס פויערטום, וועלכעס האָט זיך נאָך דאַן נישט אויסגעקענט, ווי דער פּראָלעטאַריאַט, אין די פּאָליטישע פּאַרטיי-אונטערשיידן, וועלכעס פלעגט שפּעטער און נישט אַזוי שנעל איבערלעבן די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע, — דאָס דאָזיקע פויערטום וואָלט ביי דער שפּאַלטונג פון זיין פּאַרטיי געקענט שטימען ביי די וואַלן פאַר פאַרשידענע מעסיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. אין לאָזונג „ערד און פרייהייט" איז די ערשטע פאָדערונג פון „ערד" אויף אַזוי ווייט רעוואָלוציאָנער, אַז זי וועט אומפאַרמיידלעך מיטרייסן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג אויך די צווייטע פאָדערונג פון „פרייהייט".

אַזוי האָט אין יענער צייט באַטראַכט די לאַגע די לינקע טייל פאַרטיי ס.-ר.-ן. צי דידאָזיקע פּאָזיציע איז געווען אַ ריכטיקע, וועט דאַרפן באַווייזן די צוקונפט. מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט גענוי אויף דערדאָזיקער פראַגע דערפאַר, ווייל שפּעטער איז טאַקע דידאָזיקע פּאַרטיי אַריין אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַלס מערהייט.

מיר האָבן געזען אַ סך סימפּטאָמען פון דער אַנוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג ביי די מאַסן. די דערדריקנדיקע איינדרוקן פון 3—5-טן יולי זענען אָפּגעווישט געוואָרן. די דעמאָקראַטיע, אין די פאַבריקן, אין די קאַזאַרמעס און אין דאָרף האָט ווידער דערשפּירט איר כּח, נישט געקוקט אויפן ירידה-צושטאַנד אין דער אויספירונג פון אירע אָפיציעלע פירער. זי האָט געזען די פאַרדעכטיקע באַוועגונג אין רעאַקציאָנערן לאַגער, זי האָט אים שאַרף אָבסערווירט און זיך געגרייט צום קאַמף. פון דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג זענען די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע גרופּעס אַוועק, אינגאַנצן באַרויקט וואָס שייך דער האַלטונג פון דער „אָפיציעלער דעמאָקראַטיע". די דאָזיקע גרופּעס האָבן געוווּסט, אַז קערענסקיס

רעגירונג האָט זיך אָפּגעריסן פון דער רעאַלער דעמאָקראַטיע; מער נאָך, די דאָזיקע דעמאָקראַטיע איז כמעט געווען קעגן איר. און דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן איבערצוגיין צו מעשים.

זיי האָבן אָבער פאַרגעסן וועגן דער קראַפט אָט טאָקע פון דער דאָזיקער רעאַלער דעמאָקראַטיע. זי וועט גרייט זיין דאַן, ווען מ׳וועט דאַרפן האַנדלען, נישט געקוקט אויף דער רעגירונג און, אפילו, אויף די ראַטן.

דעם 21-טן אויגוסט האָבן די דייטשע חילות דורכגעריסן דעם ריגער פראָנט און ריגע איז געפאַלן. די סכנה פון מיליטערישער פאַרוויסטונג איז צוגעקומען האַרט צו דער הויפּטשטאָט פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. די קליין-בירגערלעכע באַפעלקערונג פון פעטראָגראַד האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. די פּאַניק האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אויך אין די פּראָלעטאַרישע שיכטן. די דאָזיקע שטימונג האָט באַקומען נאַרונג דורך די שרעק-אָנוואַרפנדיקע מיליטערישע באַריכטן פון דער הויפּט-קוואַרטיר פון העכסטן אַרמיי-אָנפירער, וועלכער האָט געשילדערט די לעצטע שלאַכטן ווי אַ פּאַנישן און כאַאָטישן אַנטלויפן פון דער גאַנצער רוסישער אַרמיי, ווי אַ המשך פון די יולי-געשעענישן הינטער טאַרנאָפּאָל.

צי זענען אָבער די דאָזיקע ידיעות געווען ריכטיקע? האָט מען דען געקענט שענקען גלויבן דער הויפּט-קוואַרטיר, וועלכע האָט, ווי מיר ווייסן שוין, געפירט אַן אַקטיווע פּ אָ ל ? ט י ש ע ליניע?

אויף דעם האָבן געגעבן אַן ענטפער די איינשטימיקע אָפּרופן פון די אַרמיי-קאָמיטעטן און-קאָמיסאַרן. זיי האָבן געמאָלדן, אַז אין איר גרעסטן טייל קעמפט די אַרמיי „העלדיש״, אַז „גאַנצע דיוויזיעס״ קומען אום אין פייער, אַז די לעטישע פּולקן (די זעלבע, וועלכע וועלן שפּילן אַ ראָל אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע) שטאַרבן אין קאַמף, ווי העלדן. „פאַר גאַנץ רוסלאַנד זאָג איך עדות — האָט געמאָלדן דער קאָמיסאַר פון צפון-פראָנט — אַז אין דורכפאַל פון אונזער אַרמיי איז נישט געווען קיין שאַנדע. די מיליטער-טיילן האָבן ערלעך אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון זייערע קאָמאַנדירן, גייענדיק אַנטקעגן דעם זיכערן טויט. קיין פאַלן פון

אַנטלויפן אָדער בגידה פון מיליטער-אָפּטיילונגען זענען נישט פאָרגעקומען". האָבנדיק פאַר זיך אַזעלכע פאַקטן, האָט די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע נישט אויפגעהערט צו שטעלן זיך די פראַגע וועגן די סיבות פון אַזאַ שנעלן דורכפאַל היינטער ריגע, און נישט ווילנדיק האָט זי זיך אומגעקערט אין זכרון צו דער מלוכה-באַראַטונג, אויף וועלכער קאָרנילאָוו האָט געדראָט מיט פאַרלירן ריגע. אין באַוווּסטזיין פון דער דעמאָקראַטיע איז אויסגעשווומען אַן ערנסטער חשד: צי איז אין די לעצטע מפּלות נישט געווען, לכל הפּחות, קיין באַוווּסטזיניקעס דורך-די-פינגער-קוקן מצד די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע גענערעלער, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אָנשרעקן דאָס לאַנד מיטן גרויל פון מיליטערישער פאַרווּיסטונג און דערנאָך עס אונטערצוואַרפן אונטער זייער הערשאַפט?

אין יענער צייט האָט זיך די הויפּט-קוואַרטיר שוין אַזוי בולט געהאַט אַרויסגעוויזן אַלס רעאַלער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער כח, אַז אַפילו דער צענט. אויספיר-קאָמיטעט האָט געמוזט פאָדערן, די רעגירונג זאָל קאָנטראָלירן די הויפּט-קוואַרטיר און באַקעמפן איר געפערלעכן צונויפשטעל. ס'איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז ביי דער ענגער פאַרבינדונג, וואָס האָט עקסיסטירט צווישן דער רעגירונג און די בורזשואַזע מיליטערישע קרייזן, האָט זי קיין שום אַנטשלאָסענע טריט אין דער דאָזיקער ריכטונג נישט געקענט אונטערנעמען. אין דער פּאָליטישער אַטמאָספער איז געוואַקסן אַ שפּאַנונג, וועלכע האָט געוואָרט אַזוי אָדער אַנדערש אויסגעלאָדן צו ווערן.

די אויפלאָדונג איז פאָרגעקומען דעם 28-טן אויגוסט, ווען קאָרנילאָוו און זיין הויפּט-קוואַרטיר האָבן אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג. נעמענדיק אין אכט די גערדיקטע שטימונג פון „טיל", וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן דורכפאַל אויפן פראָנט, האָבן קאָרנילאָוו און די הינטער אים שטייענדיקע קרייזן געהאַלטן דעם מאָמענט פאַר גינסטיק אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד. וועלכע ראָל עס זאָל נישט האָבן אויסגעפאַלן אויפן גורל פון די אָנטיילנעמער אין די דאָזיקע געשעענישן (און אין דער ערשטער

דיי פון קאָרנילאָוו און קערענסקין),—דער פּאָליטישער הויפּטזין פון דאָזיקן אויפשטאַנד איז געווען לחלוטין קלאָר. קעגן דער מאַכט פון דער דעמאָקראַטיע (אין ברייטן זין פון דאָזיקן באַגריף) האָבן דאָ אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף די בורזשואַזע קלאַסן פון לאַנד, פאַרייניקט מיט דער מיליטערישער מאַכט און טיילווייז מיט דער פאַרבינדעטער דיפּלאָמאַטיע. צום ערשטן מאָל האָבן מיר דאָ געהאַט אַ טאָן מיט אַן עכטן בירגער־קריג. מיר זאָגן „צום ערשטן מאָל" דערפאַר, ווייל אין די טעג פון 3—5 יולי איז בלויז געקומען צום אויסדרוק אַ שווערע מחלוקה אין דער דעמאָקראַטיע גופא, בעת איצטיקס מאָל איז אַ קלאַס אויפגעשטאַנען קעגן אַ קלאַס. די מורדים האָבן אַרויסגעשטעלט אַנטשלאָסענע פאָדערונגען: קאָרנילאָוו האָט געפאָדערט מ'זאָל איבערגעבן אין זיינע הענט די גאַנצע מלוכה־מאַכט, ער זאָל צענויפשטעלן אַ נ"ע רעגירונג. דער ערשטער ציל פון דער דאָזיקער מאַכט וואָלט אודאי געווען פאַנאַנדערצוטריבן די ראַטן און דערשטיקן די דעמאָקראַטיע. אין זיינע מאַניפעסטן האָט ער אָפנהאַרציק מודה געווען: „אונטערן דרוק פון דער באָלשעוויסטישער מערהייט פון די ראַטן האַנדלט די ציטווייליקע רעגירונג אין פולן הסכם מיט די פּלענער פון דייטשן גענעראַל־שטאַב און, גלייכצייטיק מיטן פאָרשטייענדיקן דעסאַנט פון פיינטלעכע כוחות אויפן ריגער ים־ברעג, פאַרטיליקט זי די אַרמיי און דאָס לאַנד". גלייכצייטיק מיט דעם איז ער געגאַנגען אויף פעטראָגראַד מיט אַן אַרמיי.

די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אָבער שלעכט אויסגערעכנט: די דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער ווי זי האָט גערעכנט. אויפן ערשטן אַלאַרמירנדיקן סיגנאַל איז דאָס גאַנצע לאַנד, פון די הויפּטשטעט ביזן לעצטן פאַרוואָרפענעם ווינקל, אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש. דאָס איז געווען אַ דערהויבנדיקער מאָמענט פון דער רעוואָלוציע, ווען אין דראַנג צו זעלבסטדערהאַלטונג האָבן די גאַנצע דעמאָקראַטיע, אַרבעטער, זעלנער, באַן־אַרבעטער, פּאָטשט־ און טעלעגראַף־באַאַמטע זיך אויפן סיגנאַל באַוואָפנט, פאַרנומען אַלע געפערלעכע פּאָסטנס, אָפּגעשניטן די הויפּטקוואַרטיר און אירע חילות פון לאַנד און זי געצוואונגען צו אַ פולשטענדיקער און באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַ-

ציע. די דעמאָקראַטיע האָט אַזוי קלאָר דערשפּירט דעם טויט־טראָגנדיקן אָטעם פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט געשטעלט אין סכּנה נישט נאָר די „באָלשעוויסטישע מערהייט פון די ראַטן", נייערט איר גאַנצע עקסיסטענץ, אַז זי האָט מיטאַמאָל געפונען אין זיך ריזן־כּוחות צו קעמפן. זי האָט אינסטינקטיוו באַגריפן, אַז איר נצחון וועט נישט נאָר אָראָפּוואַרפן די קאָנטער־רעוואָלוציע, נאָר ער וועט אויך קרעפטיקן די דעמאָקראַטיע פאַר ווייטערדיקע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע. די קאָרנילאָווישע עפּאָפּיע האָט באַוויזן, אַז די רעאַקציאָנערע כּחות אין לאַנד זענען קליין און נישטיק, אַז ס'איז גענוג געווען, די דעמאָקראַטיע זאָל זיך באַפרייען פון קאָשמאַר פון איר שוואַכקייט (אין וועלכער ס'האָבן איר איינגערעדט די אָפיציעלע פירער) און זיך ווידער אַמאָל פאַרייניקן אַרום אירע צענטרען, כּדי אָפּצוטרייסלען פון זיך די סכּנה.

ווער־זשע זענען געווען די דאָזיקע צענטרען? וועמען האָט די רעוואָלוציע צו פאַרדאַנקען איר שנעלע און געשיקטע רעטונג?

דאָס זענען געווען די — ראַטן. גראָד זיי, און נישט די רעגירונג, אָדער וועלכע נישט איז געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן באַזיגט דעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד. גרופּירנדיק אַרום זיך די אַקטיווסטע און באַוווסטזיניקסטע טיילן פון פּראָלעטאַריאַט, פון דער אַרמיי און פּויערטום, זענען די ראַטן, לויט דער אַלגעמיינער אָנערקענונג, אין די דאָזיקע פּרוווונג־טעג געוואָרן קאַמף־צענטרען פון דער רעוואָלוציע. די ראַטן אין „טייל" און די זעלנער־קאָמיטעטן אין דער אַרמיי האָבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און פּאָליטישן טאַקט אונטערדריקט אין וואָרצל די פאַרשווערונג קעגן פאָלק. דער האַס פון דער בורזשואַזיע און פון די גענעראַלער צו די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט. זיי גופא און די מאַסן, וואָס שטייען הינטער זיי, האָבן זיך ווידעראַמאָל אַרויסגעוויזן, צו דער גרויסער איבעראַשונג פון אַ סך, אַלס פּאָליטישע בעלי־בתּים פון דער לאַגע.

ס׳איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די ליקווידאַציע פון קאָרנילאָוו-בונט ליקווידירט גלייכצייטיק אויך יענעם פּאָליטישן בין-השמשות, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די רעוואָלוציע. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָרט, וווּ ס׳האָט נאָר וואָס אין פרייעם אויפשוווּנג געזיגט די דעמאָקראַטיע, די זעלבסטשטענדיקייט פון די מ א ס ן, האָט מער קיין אָרט נישט געקענט זיין פאַר דיקטאַטור, פאַר אַ פּערזאָנען-רעגירונג, פאַר דיפּלאָמאַטישע רעגירונגס-קאָמבינאַציעס, פאַר אַ „קאָאַליציע". די מאַכט פון פאָלק, צו וועלכער ס׳האָבן נישט דערלאָזן די אָפיציעלע רעוואָלוציע-פירער, איז אין דידאָזיקע טעג געקומען צום אויסדרוק אין מ ע ש י ם אין די הויפּטשטעט און, דער עיקר, אויף די ערטער. אמת, די דעמאָקראַטיע האָט זיך אָפּגערופן אויף קערענסקיס רוף, אָבער, אונטערדריקנדיק דעם בונט פון דער רעאַקציע, האָט זי צוריק אויפגעשטעלט נישט ז י י ן רעגירונג, נישט די רעגירונג פון דער געקינצלטער קאָאַליציע, נאָר די מאַכט פון די ר אַ ט ן.

דעם דאָזיקן פשוטן אמת האָט מען אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע ווידער נישט פאַרשטאַנען. אמת, ס׳איז ענדלעך געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו דער פאַרפאָלגונג פון לינקן פליגל פון דער דעמאָקראַטיע. דער מאָסקווער ראַט, למשל, האָט דעם 28־טן אויגוסט באַשלאָסן: „פאַרמשפטנדיק דאָס אָנווענדן רעפּרעסיעס לגבי אַ גאַנצער ריכטונג אין דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, פאָדערן מיר זיי אָפּצושטעלן, באַזונדערס אין איצטיקן מאָמענט, ווען איר א י נ י ק י י ט איז נויטיק פאַרן קאַמף מיט דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער פאַרשווערונג". און אין פּעטראָגראַד זענען אין יענע טעג באַפרייט געוואָרן אַלע אַרעסטירטע פאָרשטייער פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע. אָבער אין דער פראַגע וועגן צענויפשטעל פון דער נייער מאַכט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פּאַטאַלע וואַקלענישן.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן קאָרנילאָווס אויפשטאַנד, האָט די צייטווייליקע רעגירונג (פון דער פערטער פאָרמאַציע!) אויפגע-

הערט צו עקסיסטירן. אַלע מיניסטאָרן האָבן איבערגעגעבן אין קערענסקיס הענט זייערע פּאָרטפעלן און פולמאַכטן. די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן דאָס געטאָן, כדי צו קענען באַקוועמער קעמפן מיטן בונט. אָבער די קאַדעטישע מיניסטאָרן זענען אַוועק אין דימיסיע צוליב גאַנץ אַנדערע סיבות. ערשטנס האָבן זיי נ י ש ט געוואָלט קעמפן מיט קאָרנילאָוון, ווייל זיי האָבן די דאָזיקע באַוועגונג, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, באַטראַכט פאַר געזעצלעך און נייטווענדיק. זייער פּאָליטישע פאַרבינדונג מיט איר איז געווען אויסער יעדן ספק, זייער אָנוועזנהייט אין דער רעגירונג האָט פאַרלייכטערט איר אויסברוך. צווייטנס האָבן זיי איצט מורא געהאַט פאַר קאָנצענטרירן אין קערענסקיס הענט די מאַכט, ווייל זיי האָבן פאָרויסגעזען אירע קלעפּ א ו י ף ר ע כ ט ס, קעגן זיי און זייערע קלאַסן. זיי האָבן מער אָדער ווייניקער געדולדעט קערענסקיס דיקטאַטור, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין די טעג פון 3 — 5־טן יולי און פון טאַרנאָפּאָלער דורכברוך, ווען זי איז געווענדעט געווען קעגן דער לינקער דעמאָקראַטיע און האָט פאַרדעקט מיט זיך די סאָציאַלע און מיליטערישע רעאַקציע. אָבער אין דערזעלבער צייט זענען זיי געווען קעגנער פון דעמזעלבן קערענסקיס דיקטאַטור, ווען זי איז באַרעכטיקט געווען דורכן קאַמף מיט קאָרנילאָוון און מיט די פאָלגן פון ריגער דורכברוך. זיי האָבן זיך, נאַטירלעך, נישט געקענט ריכטן אויף דעם, אַז תיכף נאָכן אונטערדריקן דעם בונט, וועט קערענסקי זיך ווידער ווענדן צו זיי; אין יענעם מאָמענט האָבן זיי, פּונקט ווי די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטיע, זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ זיגזאַג־ארטיקע פּאָליטיק און האָבן מורא געהאַט, אַז זי וועט לחלוטין ענדערן איר ריכטונג. דעריבער האָבן זיי פאַרלאָזן די רעגירונג די. גאַנצע מאַכט איז געבליבן אין קערענסקיס הענט. אין רעכטן ברעג פון קאָרנילאָוו־בונט האָבן אַ ל ע פּאַרטייען פון דער דעמאָקראַטיע געהאַלטן אַזאַ לאַגע פאַר אומפאַרמיידלעך. אויף דער זיצונג פון צענטר. אויספיר־קאָמיטעט פון 28־טן אויגוסט האָבן אַלע זייער פראַקציעס, צווישן זיי אויך די באָלשעוויקעס און

לינקע ס.-ר.-ן, אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „איבערלאָזנדיק פאַר קערענסקין צו בילדן די רעגירונג, וואָס איר צענטראַלע אויפגאַבע דאַרף זיין דער אַנטשלאָסנסטער קאַמף מיט דער פאַרשווערונג און מיט קאָרנילאָוון, זאָגט דער צענט. אויספיר-קאָמיטעט צו דער רעגירונג זיין ענערגישסטע אונטערשטיצונג אין דאָזיקן קאַמף". אָבער ווי נאָר דער דאָזיקער קאַמף איז פאַרענדיקט געוואָרן, איז די פּראָבלעם פון מאַכט ווידער אַמאָל געשטאַנען אויפן סדר-היום, ווייל סיי פאַר דער דיקטאַטור פון אַ פּערזאָן, סיי פאַר דער אַלטער קאָאַליציע איז שוין מער קיין אָרט נישט געווען. אַזוי, האָט זיך געדוכט, טראַכטן אויך די פירער פון צענט. אויספיר-קאָמיטעט. יעדנפאַלס, אויף דער זיצונג פון 30-טן אויגוסט האָט סקאָבעלעוו דערקלערט, אַז „אין דער רעגירונג איז נישטאָ קיין אָרט פאַר די, וועלכע זענען אַזוי צי אַנדערש פאַרבונדן געווען מיט קאָרנילאָוון. די קאַדעטן, וועלכע האָבן אויף די שפּאַלטן פון זייער אָרגאַן דערקלערט, אַז קאָרנילאָוו איז אַ רעאַלער כח, מיט וועלכן מ'מוז זיך רעכענען, קענען נישט אויסרעכענען אויף דעם, זייערע פאָרשטייער זאָלן אַריין אין דער רעגירונג". „אין דער רעגירונג קענען נישט אַריינטרעטן יענע לייט, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די מאָרדישע גענעראַלער", האָט געזאָגט אויך אווקסענטיעוו. אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן די דאָזיקע זעלבע פירער נישט געלאָזט פאַלן די אידעע פון אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע. צערעטעלי האָט אין יענער צייט דערקלערט: „אונזערע אויפגאַבן אין די נאָענטסטע טעג זענען: אויפהיטן די אידעע פון קאָאַליציע, אָראָפּשליידערן יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך מיט אַ שווערער לאַסט געלייגט אויף דער רעגירונג (ד. ה. די קאַדעטן) און צוציען עלעמענטן, וואָס ס'קען נאָר צוזאַמען מיט אונז ליקווידירן יענעם הייטערנדיקן געשוויר, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אין דער הויפּט-קוואַרטיר". אַזוי אַרום איז דאָ געבוירן געוואָרן יענע שלימזלדיקע אידעע, וואָס איר איז שפּעטער, אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג, באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע: די אידעע פון

אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, אָבער אָן די קאַדעטן. צערעטעלי האָט דאַביי פאַרגעסן בלויז איינס, אַז אויפן סדר היום איז געשטאַנען די אויפגאַבע צו שאַפן אַ מאַכט נישט נאָר אויף צו „ליקווידירן דעם געשוויר”, נאָר אויך אויף צו פירן ווייטער די רעוואָלוציע, אויף צו דערפילן אירע אויפגאַבעס. וואָס־זשע האָט געקענט טאָן פאַרן דאָזיקן ציל אַ מאַכט, וועלכע איז געקינסטלט צוגעטראַכט און צענויפגעשטעלט געוואָרן. דער צענט. אויספיר־קאָמיטעט האָט זיך אין גרונט גענומען געפילט פאַרלוירן און לחלוטין נישט געהאַט קיין פּראָגראַם. דעריבער האָט ער נאָר געוואַרט אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג. דער פּעטראָגראַדער ראַט, אין וועלכן ס'איז שוין פאָרגעקומען די איבערגרופּירונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, האָט אין דערזעלבער צייט אָנגענומען די קלאָרע און קאַטעגאָרישע רעזאָלוציע פון די באָלשעוויקעס. „נישט נאָר עס דאַרפן באַזייטיקט ווערן” — האָט זי דערקלערט — „די פאָרשטייער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי און פון די צענז־עלעמענטן בכלל, נאָר עס דאַרף דערשטיקט ווערן אין וואָרצל יענע גאַנצע פּאָליטיק פון קאָמפּראָמיסן און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע האָט געשאַפן די מעגלעכקייט גופא צו פאַרוואַנדלען די העכסטע ארמיי־אָנפירונג אין אַ אַפּאַראַט פון מלוכה־מאַכט, אין אַ נעסט און אַ כלי־זין פון אַ פאַרשווערונג קעגן דער רעוואָלוציע. דער איינציקער אויסוועג יז — בילדן אַ רעגירונגס־מאַכט פון פאָרשטייער פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום”. אַלס איינעם פון די דרינגלעכסטע מיטלען האָט דער ראַט געפאָדערט תיכף צענויפצורופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַן ענלעכע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן דורכן מאָסקווער ראַט; אַזוי האָט אויך אויסגעזען די פּאָליטישע שטימונג פון אַלע השפעה־רייכע פּראָווינציעלע ראַטן.

אָבער דער צענט. אויספיר־קאָמיטעט האָט זיך נישט געשטעלט אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט. אָנשטאָט אַנטשלאָסן און שנעל צו האַנדלען האָט ער זיך באַגרענעצט מיט צענויפרופן די דעמאָקראַטישע באַראַטונג, אויף וועלכער די שפּאַלטונג פון דער

דעמאָקראַטיע איז נאָך טיפער געוואָרן. דערווייל האָט קערענסק-
צענויפגעשטעלט אַ רעגירונג, קומענדיק צו אַ הסכם סיי מיט די
קאַדעטן, סיי מיט די אינדוסטריעלע.

אין איר נייעם צוזאַמענשטעל איז שוין טשערנאָוו, דער
דאָזיקער לא-יוצלחדיקער נביא פון דער אַגראַרער רעוואָלוציע,
מער נישט אַריינגעגאַנגען, דערפאַר זענען דאָרט געווען 7 בורזשואַזע
מיניסטאָרן (פון זיי דריי קאַדעטן און דערזעלבער קאָנאָ-
וואַלאָוו, וועלכער האָט נאָך אין מאַי פאַרלאָזן די רעגירונג פאַר
איר שטרעבונג צו רעגולירן די אינדוסטריע). וואָסער אויטאָריטעט
האָט שוין געקענט פאַרמאָגן אַזאַ רעגירונג אַלס גאַנצעס, אָדער
די דיקטאַטור פון פינף, וועלכע איז פון איר אויסגעטיילט געוואָרן?
זי האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגעריסן פון דער דעמאָקראַ-
טיע, כאָטש עס האָבן אָנטיילגענומען אין איר אייניקלע סאָציאַ-
ליסטן; דאָס לאַנד האָט פאַקטיש געלעבט מיט זיין אייגן לעבן,
נישט פילנדיק אויף קיין האָר איר הילף, אָבער שפירנדיק דער-
פאַר אויף יעדער שריט און טריט איר קעגנווירקונג. די רעגי-
רונג, למשל, האָט דעם 1-טן סעפטעמבער אויסגערופן רוסלאַנד
אַלס אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק. דערנאָך האָט זי פאַנאַנדערגע-
לאָזן די דומע. אָבער די דאָזיקע צוויי אַקטן, וועלכע די דעמאָ-
קראַטיע האָט בשעתו אַזוי ליידנשאַפטלעך אָפּגעוואַרט, האָבן איצט,
אין דער אַטמאָספער פון פיבערדיקן פּאָליטישן קאַמף, שוין נישט
געצויגן אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע אַקטן זענען
געקומען צו שפּעט. די רעוואָלוציע האָט שוין פון לאַנג געהאַט
אַריבערגעשפּרייזט איבער זיי. די גלייכגילטיקייט פון דער דעמאָ-
קראַטיע צו אַזעלכע פאַרשפּעטיקטע און דערייבער אָנמעכטיקע רע-
פאָרמען איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז עפּעס ענלעכעס קען
געשען אויך מיט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. די צו שפּעט צע-
נויפגערופענע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז אין דער צוקונפט טאַקע
אויך געוואָרן אַ קרבן פון נישט-באַרעכטיקטער פאַרשלעפּונג.

אָבער די דעמאָקראַטיע האָט צו גלייכער צייט געזען אויך
אַנדערע פאַטאַלע טריט פון דערזעלבער רעגירונג. אָנשטאָט קאָר-
נילאָוון איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַר-

בײַ דער גענעראַל אַלעקסייעוו, װעלכער איז געװען אין איין דעה מיטן ערשטן. די טויט-שטראָף, װעלכע איז בשעתו אײַנגעפירט געװאָרן אין דער אַרמײ לויט דער פאָדערונג פון דעמזעלבן קאָרנילאָװ, איז נישט אָפּגעשאַפט געװאָרן, כאָטש קעגן איר האָט שוין פּראָטעסטירט די גאַנצע דעמאָקראַטיע. דערפאַר האָט אָבער די רעגירונג זיך באַמיט װידעראַמאָל אַנטװאָפענען די אַרבעטער און די דעמאָקראַטיע, װעלכע האָבן געהאַט פאַר דער רעװאָלוציע אומשאַצבאַרע פאַרדינסטן אין זייער נאָר-װאָסיקן קאַמף קעגן בונט. אין אַ אָפיציעלן דאָקומענט האָט די צײַטװײַליקע רעגירונג, מיט קערענסקיס אונטערשריפט, דערקלערט, אַז „די ספּעציעלע קאָמיטעטן צו ראַטעװען די רעװאָלוציע, װעלכע זענען געבילדעט געװאָרן אין די פאַרגאַנגענע טעג פון בונט דורך דער איניציאַטיװ פון די בירגער אַליין, זענען געװאָרן מאַכט-צענטרען אויף די ערטער. איצט, װען די מורדים האָבן זיך אונטערגעגעבן, װען די אָרדענונג איז צוריקגעשטעלט, זענען די צילן פון דידאָזיקע קאָמיטעטן שוין דערגרייכט און די צײַטװײַליקע רעגירונג לאַדט אײַן אַלע בירגער אומצוקערן זיך צו די נאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען". ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יענע „מאַכט-צענטרען", װעלכע די רעגירונג האָט דערמאָנט, און װעלכע זענען אָן אויסנאַם פאַרקערפּערט געװען אין די ראַטן, האָבן שוין מער קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצולאָזן דאָס געװער פון זייערע הענט. זיי האָבן זיך געגרייט צו אַ נײַער היסטאָרישער ראָל.

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג אין פּעטראָגראַד

מיטן אויסברוך פון קאָרנילאָװ-אויפשטאַנד איז דער גורל פון דער קאָאַליציע און פון קערענסקין גופא היסטאָריש שוין געחתמעט געװאָרן. די רעװאָלוציע האָט זיך מיט אײַזערנער נויטװענדיקייט געריסן צו איר אָקטאָבערשן עטאַפּ. אַלע גע-

שעענישן פון די צוויי נאָנטסטע חדשים (סעפּטעמבער און אָק־טאָבער) זענען בלויז געווען עפּיזאָדן אויפן דאָזיקן וועג, וועל־כע זענען נישט בכח געווען צו ענדערן דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג פון די געשעענישן, און האָבן אים בלויז געקענט אויפ־האַלטן אַ געוויסע צייט. די קאָרנילאָוו־טעג האָבן אַנטפּלעקט פאַר די אויפמערקזאַמע מאַסן אַ גאַנצע ריי אויספירן, נאָך וועלכע מ'האָט זיך שוין מער נישט געקענט אומקערן צו דער פאַר־קאָרנילאָוו־תקופה. די פאַטאַלע שעדלעכקייט פון יעדער דיקטאַטור און יעדער אומפאַראַנטוואָרטלעכער מאַכט, אין וואָ־סערע זיכערע הענט מ'זאָל זיי נישט איבערגעבן און וואָסערע דעמאָקראַטישע פאָרמולעס זיי זאָלן נישט אָננעמען, — אָט דאָס איז געווען דער ערשטער אויספיר. די פאַטאַלע ווירקונג פון קאָאַליציע־פּרינציפּ, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז הינטערן רוקן פון דער מאַכט זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ מיליטערישע אַוואַנטורע, — אָט דאָס איז געווען דער אַנדערער אויספיר. די צעפאַלונג פון דער ארמיי איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען פאָרויס, ווייל די גאַנצע שווערע אַרבעט פון די אַרמיי־אָרגאַני־זאַציעס אויף צו שאַפן אין איר אַ נייע דיסציפּלין און אַ קעגנזייטיקן צוטרוי איז צעשטערט געוואָרן דורכן דאָזיקן אומ־דערהערטן בונט פון העכערן אָפיצירנטום. די קאַדעטישע פאַר־טיי האָט אין משך פון דאָזיקן בונט גאַנץ אָפן אַרויסגעוויזן איר פּאָליטישע פאַרבינדונג מיט אים. איר אָפיציעלע צייטונג האָט דעם 30־טן אויגוסט געשריבן וועגן אים בזה הלשון: „קאָרנילאָוו איז נישט קיין רעאַקציאָנער, זיינע צילן זענען נישט די צילן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע... אונז איז לייכט זיך אָנצושליסן אָן זיין פאָרמולירונג פון די נאַציאָנאַלע צילן, ווייל מיר האָבן באַנוצט די זעלבע אויסדרוקן שוין לאַנג פאַר קאָר־נילאָוון... מיר האָבן נישט קיין מורא צו זאָגן, אַז קאָרנילאָוו האָט געשטרעבט צו דיזעלבע צילן, וועלכע מיר האַלטן פאַר גויטוועלנדיק אויף צו מציל זיין רוסלאַנד".

דער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער פאַרטיי (מיליוקאָוו) האָט פאָרגעלייגט זיין פאַרמיטלערשאַפט אויף „אַריינלייגן זיך

אין שלום״ צווישן ביידע לאגערן, וועלכע ער האָט, אַזוי ארום, באַטראַכט פאר גלייכבאַרעכטיקט. גלייכצייטיק האָט זיך בולט אַרויסגעשטעלט, אַז צו די כחות, וועלכע זענען פיינדלעך דער רעוואָלוציע, זענען צוגעשטאנען אויך די פארבינדעטע דיפּלאָמאַטן: אויך זיי האָבן פאָרגעלייגט דער רעגירונג זייער „פאַרמיטלערשאַפט״ אויף שלום־מאַכן מיט קאָרנילאָוון. ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן, האָט דער ענגלישער אמבאַסאַדאָר אין נאָמען פון די איבעריקע געמאַכט פאָלגנדיקע דערקלערונג דעם מיניסטער טערעשטשענקאָ.

„די פאָרשטייער פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן — האָט ער דערקלערט, — וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן כדי צו באטראכטן די געשאַפענע לאגע אין שייכות מיטן קאָנפליקט צווישן דער צייטווייליקער רעגירונג און דעם גענעראל קאָרנילאָוו, באַטראַכט פאַר זייער איינציקער אויפגאבע אונטערצוהאַלטן די איינהייט פון רוסלאַנדס אַלע כחות לטובת דעם נצחונדיקן המשך פון דער מלחמה. דעריבער דערקלערן זיי, אַז אין די אינטערעסן פון מענטשלעכקייט לייגן זיי פאָר זייער דינסט, כדי צו פאַרמיידן בלוטפאַרגיסונג און אַ בירגער־קריג״. די דאָזיקע דערקלערונג האָט בלויז באַשטעטיקט, אַז אין די אינטערעסן פון דער מלחמה האָבן די פאַרבינדעטע אַמבאַסאַדאָרן געוואָלט אָנווארפן דער רעוואָלוציע מיט געוואַלט דעם ווילן פון דער מיליטערישער רעאַקציע. צי דען דאַרף מען זיך וווּנדערן נאָך דידאָזיקע אַלע אויספירן, וואָס די קאָרנילאָוו־טעג האָבן געהויבן דעם ווערט פון די באָלשעוויקעס און פון די לינקע ס.־ר.־ן *), וואָס גראָד די פירער פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע זענען געוואָרן די פירער פון דער דעמאָקראַטיע בכלל?

---

*) די פעטראָגראדער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי סאָצ.־רעוו., למשל, וועלכע האָט געציילט אַרום 35.000 אַרבעטער, איז אויף דער קאָנפערענץ פון 10־טן סעפּטעמבער אַריבערגעגאַנגען אין לאַגער פון לינקן פּאַרטיי־פליגל. אגב אורחא האָט אין פעטראָגראַד דער לינקער פליגל געהאַט אַ גרויסע השפּעה שוין זייט סוף יולי.

פונקט ווי די יולי-טעג אויפן פראָנט, זענען די קאָרנילאָוו-טעג געווען דער שטאַרקסטער מאָראַלישער און פּאָליטישער קלאַפּ פאַרן פּרעסטיזש פון דער געמעסיקטער דעמאָקראַטיע. פון דעמאָלט אָן גייט איר פּאָליטישע העגעמאָניע אָן אַן אויפהאַלט באַרג-אַראָפּ.

אָבער דער צענטר. אויספיר-קאָמיטעט האָט זיך נאָך נישט אונטערגעגעבן. כדי צו לייזן די פראַגע וועגן דער מאַכט, האָט ער, ווי מיר ווייסן, באַשלאָסן צונויפצורופן אַ נייע אַלרוסישע באַראַטונג. די דאָזיקע באַראַטונג האָט געדאַרפט זיין נישט קיין ראַטן-צוזאַמענפאָר, ווייל וועגן באַשלוס פון אַזאַ צוזאַמענפאָר וואָלט שוין נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק: ער וואָלט זיך באַשטימט אַרויסגעזאָגט קעגן נייע פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזיע, קעגן קאָאַליציע. אָבער די דאָזיקע באַראַטונג האָט אויך נישט געקענט ענלעך זיין אויף דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג, ווייל די בורזשואַזע און פריצישע כחות, וועלכע זענען דאָרט פאַרזאַמלט געווען אין אַ גרויסער צאָל, זענען נאָר-וואָס קאָמפּראָמיטירט געוואָרן אין קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות אין לאַנד — „אַ דעמאָקראַטישע באַראַטונג”. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע איז דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר געווען אַ טריט צוריק אין פאַרגלייך מיט יענער פּאָליטישער הויך, וועלכע די רעוואָלוציע האָט דערגרייכט נאָכן אונטערדריקן די רעאַקציע. אָבער פאַר די מעסיקע פירער פון צענטר. אויספיר-קאָמיטעט האָט דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר פון דער דעמאָקראַטיע אַליין אויסגעזען ווי אַ טריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער תקופה, ווען מ'האָט דערוואַרט די לייזונג פון פּאָליטישן גורל פון לאַנד סיי פון דער דעמאָקראַטיע, סיי פון דער בורזשואַזיע (פון דער מלוכה-באַראַטונג, למשל, און נישט פון ראַטן-צוזאַמענפאָר, וועלכער איז, לויט זייער מיי-

בונג, געווען פאַרפליכטנדיק בלויז פאַר דער דעמאָקראַטיע, אָבער נישט פאַרן גאַנצן לאַנד און פאַר דער רעוואָלוציע). די מעסיקע פירער האָבן דאַביי אויסגערעכנט, אַז אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר דאַרפן די ראַטן שפּילן די ראָל פון איינער פון די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער צוגלייך מיט זיי דאַרפן ביי־זיין און באַשליסן אויך קאָאָפּעראַטיוון, מוניציפּאַליטעטן, זעמסט־וועס און דערנערונגס־אינסטיטוציעס. אין דידאָזיקע אַלע אָר־גאַניזאַציעס האָט די מערהייט שטימען געהערט אָדער די קליין־בירגערלעכע קרייזן, אָדער דער גאָר־מעסיקער דעמאָקראַטיע. דעריבער האָט מען געהאַט אַ גוטן גרונט צו דערוואַרטן, אַז די פּאָליטישע באַשלוסן פון אַזאַ צוזאַמענפאָר וועלן נישט שטיין אין סתּירה צו דער פּאָליטיק פון צענט. אויספיר־קאָמיטעט. צי האָבן אָבער די דאָזיקע צאָלרייכע אָרגאַניזאַציעס געהויבן דעם אויטאָריטעט פון צוזאַמענפאָרז לחלוטין נישט. אמת, די שטאָ־טישע מוניציפּאַליטעטן זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויף די יסודות פון אַלגעמיינעם, גלייכן וואַל־רעכט; אמת איז אויך, אַז די קאָנסום־ און קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון האָבן גרופּירט אַרום זיך מיליאָנען בירגער, דער עיקר פּויערים. ס'וואָלט אָבער געווען אויפן העכסטן גראַד קורצזיכטיק צוצוגעבן זיי אַ וועלכע נישט איז אַנטשיידנדיקע פּאָליטישע באַדייטונג אין דער רעוואָלוציע. אמת, אין דער תּקופה פון דער צאַרישער רעאַק־ציע, אין דער תּקופה פון פולשטענדיקער אונטערדריקונג פון יעדער פּאָליטישער זעלבסטעטיקייט פון פאָלק, האָט די שטימע פון דעם, אָדער יענעם געזעלשאַפטלעכן, ווירטשאַפטלעכן אָדער אינטעלעקטועלן קאָלעקטיוו געהאַט אַ סימפּטאָמאַטישע באַ־דייטונג. אָבער די רעוואָלוציע, וועלכע האָט געשאַפן אַ מעג־לעכקייט פאַר אַ פּאָליטישער מאַסן־אָרגאַניזירונג, האָט שוין נישט געקענט, פאַרשטייט זיך, גרינדן אירע באַשלוסן אויף צו־פעליקע מיינונגען פון פאַרשידנפאַרביקע אָרגאַניזאַציעס. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן געהאַט זייערע באַשטימטע ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן, און די מיטגלידער פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון פלעגן ווילן זייערע קאָמיטעטן בלויז אויף אויסצופירן די דאָ־

זיקע אויפגאַבן. אויך די מוניציפּאַליטעטן האָבן געהאַט זייערע באַשטימטע אדמיניסטראַטיוו-ווירטשאַפטלעכע צילן און ביים ווילן זייערע מיטגלידער פלעגט מען זיך על-פּי-רוב טאַקע רעכענען מיט דידאָזיקע צילן. פאַרן פּאָליטישן קאַמף האָט די רעוואָלוציע געשאַפן אירע באַשטימטע קאַמפּס-אָרגאַנען — די פּאָליטישע פּאַרטייען און די ראַטן. פאַר דער דעמאָקראַטיע זענען די ראַטן געווען באַרופענע פּאָליטישע וועג-ווייזערס שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זענען געשטאַנען בראש פון דער דעמאָקראַטיע פון ערשטן רעוואָלוציע-מאָמענט אָן: זיי זענען געווען אירע אויסגעפּרוווטע קאַמפּס-אָרגאַנען. דער שטורם-ווינט פון קאָרנילאָווטשינע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געהאַט אַדורכגעטראָגן, האָט דאָס באַוויזן אין דער פולסטער מאָס: די מוניציפּאַליטעטן האָבן נאָר געהאָלפן די ראַטן זיך אַן עצה געבן מיט איר. די מוניציפּאַליטעטן זענען אַנטשטאַנען ערשט אין די לעצטע חדשים, זיי האָבן נאָך געקעמפט פאַר זייער אָנערקענונג מצד די מאַסן, מ׳האָט זיי נאָך נישט געקענט. און זייער איינלאַדונג אויף דער באַראַטונג אין אַ גרויסער צאָל איז, אין תוך גענומען, געווען דער ערשטער פּרווו זיי אַנצושליסן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. חוצדעם האָבן זיך די ראַטן אונטערשיידט פון די מוניציפּאַליטעטן און קאָאָפּעראַטיוון דערמיט, וואָס זיי זענען כסדר און אוממיטלבאַר פאַרבונדן געווען מיט די וויילער-מאַסן. אין דער צייט, וואָס ביים אויסקלייבן מוניציפּאַליטעטן פלעגט דער ווילן פון דער באַפעלקערונג בלויז איינמאָל קומען צום אויסדרוק אין אַקט פון וויילן, און דערנאָך פלעגט זי אָפּגיין אָן אַ זייט פון דער ענינים-פאַרוואַלטונג — פלעגן די אַרבעטער- פויערים- און זעלנער-מאַסן תמיד האָבן אַן אויג אויף דער אַרבעט פון זייערע ראַטן, האָבנדיק אַן אוממיטלבאַרע השפּעה אויפן גאַנג פון דידאָזיקע אַרבעטן. די שטאָט-דומעס פלעגן געשאַפן ווערן אויפן יסוד פון טעריטאָריאַלע וואַלן, דער פּראָפעסיאָנעלער אָדער קלאַסן-באַשטאַנד פון זייערע וויילער האָט זיך נישט געלאָזן קאָנטראָלירן, זיי האָבן זיך דעריבער נישט געקאָנט שטיצן רעאַל אויף באַשטימטע

בירגער-גרופן. די ראַטן אָבער פלעגן געוויילט ווערן לויטן אַרבעטס-פּרינציפּ. זייערע דעפּוטאַטן פלעגן קומען דירעקט פון באַשטימטע באַטריבן, פאַבריקן, מיליטער-טיילן אָדער דערפער, און זיי זענען דעריבער רעאַל פאַרבונדן געווען מיט זייערע וויילער-מאַסן. דער דאָזיקער אונטערשייד אין דער סטרוקטור האָט געבראַכט מיט זיך אויך אַ קאָלאָסאַלן אונטערשייד אין זייער פּראַקטישער ווירקונג. אין פאַל פון אַ נויטוועגדיקייט צו מאָביליזירן די פאָלקס-כחות האָבן די דומעס געקענט בלויז יוצא-זיין מיט אויפרופן און „ווענדונגען צו דער באַפעלקערונג“, וועלכע האָט פאַר זיי פיגורירט בלויז אַלס אומבאַשטימטע מאַסן, בעת די ראַטן האָבן אין ענלעכע פאַלן לויט איין סיגנאַל געקענט שטעלן אויף די פיס טויזנטער און אפילו מיליאָנען באַשטימטע בירגער. אמת, די דומעס זענען געוויילט געווען אויפן יסוד פון „הייליקן“ אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, און די ראַטן האָבן פאַקטיש פאָרגעשטעלט מיט זיך בלויז אָרגאַניזאַציעס פון רעוואָלוציאָנערע מעוטים! דערפאַר אָבער, אויב די דומעס האָבן פאַרקערפּערט די מיינונגען פון דער רעוואָלוציע, האָבן די ראַטן פאַרקערפּערט — איר ווילן.

עס האָבן נאָך עקסיסטירט אויך ווייטערע אונטערשיידן. די דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געוויילט די ראַטן, האָט ניט נאָר שאַרף באַוואַכט זייער אַרבעט, נאָר דורך איר פרייער אַריינמישונג האָט זי ניט אויפגעהערט אָנצופירן מיט דער ריכטונג פון דער דאָזיקער אַרבעט. אויסנוצנדיק איר רעכט אָפּצורופן די ניט-געוואונשענע דעפּוטאַטן, האָט זי כסדר אָפּגעפרישט דעם צוזאַמענשטעל פון די ראַטן. אַ דאַנק דעם האָבן די ראַטן, אָנהייבנדיק פון יולי, ריכטיק אָפּגעשפּיגלט אין זייער צוזאַמענשטעל דעם רוק אויף לינקס אין דער פּאָליטישער שטימונג פון די מאַסן, איבערגייענדיק פון די הענט פון די מענשעוויקעס און רעכטע ס.-ר.-ן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס און לינקע ט.-ר.-ן. אָבער די שטאָט-דומעס, געוויילטע ביי אַ געוויסער פּאָליטישער שטימונג פון די מאַסן, זענען געבליבן ביי זייער אַלטן באַשטאַנד אפילו דעמאָלט, ווען די שטי-

מוגג פלעגט זיך ראַדיקאַל ענדערן.

דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס די מאָסקווער שטאָט־דומע האָט געהאַט אין איר צוזאַמענשטעל אַן איבערוויגנדיקע צאָל ס.־ר.־ן, בעת דער מאָסקווער ראַט און די שטאָט־דומעס אין ראַיאָן (שפּעטער געווײלטע) האָבן געהאַט אַ באָלשעוויסטישע מערהייט. מ׳קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די דומעס האָבן אין סעפּטעמבער־מאָנאַט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט בלויז די פּאָליטישע שטרעמונגען פון די פאָריקע חדשים. מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז די דומעס האָבן פאַרקערפּערט די מיינונגען פון דער רעוואָלוציע, און די ראַטן — איר ווילן. איצט קען מען צוגעבן, אַז אַפילו די דאָזיקע מיינונגען זענען שוין געווען פ אַ ר ע ל ט ע ר ט. ווײל כמעט אין אַלע מוניציפּאַליטעטן האָבן געהאַט אַ מערהייט די ס.־ר.־ן (פון רעכטן פליגל) און די מענשעוויקעס. דער דאָזיקער פאַקט איז געווען די סיבה פון תהום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן די דומעס און די ראַטן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער שוין אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט ער געשאַפן אַ בולטן אונטערשייד צווישן דעם פּאָליטישן פּרצוף פון די דומעס און פון די ראַטן. די דומעס, וועלכע האָבן אַליין פאַרווירקלעכט דעם קאָאַליציע־פּרינציפּ, ווײל אין זייערע זיצונגען האָבן אָנטײלגענומען אַלע קלאַסן פון לאַנד, זענען געווען די מליצי־יושר פון קאָאַליציע אויך אין דער צענטראַלער רעגירונג. די קאָאָפּעראַטיון, וועלכע האָבן גרופּירט אַרום זיך אַלע קלאַסן פון לאַנד און וועלכע זענען געווען קאָאַליציש לויט זייער וועזן, האָבן זיך אויך אין דער מערהייט אַרויסגעזאָגט פאַר קאָאַליציע אין דער רעגירונג. דאַבײ דאַרף מען באַמערקן, אַז קיין אַנדער ענטפער האָבן זיי גאָרנישט געקענט געבן, ווײל בײ זייער פאַרשידנפאַרביקן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל האָבן זיי בײ פּאָליטישע פראַגן געמוזט פאַנאַנדערפאַלן אויף פאַרשידענע פּאַרטייען, אָדער שטימען פאַר קאָאַליציע.

נישט געקוקט אויף אַזאַ קלאָרער פאַנאַנדערגרענעצונג פון די אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, האָט דער צענט. אויספיר־קאָמי־

טעט געהאַלטן פאַר מעגלעך דוקא זיי צענויפצורופן אויף אַ
פּאָליטישע באַראַטונג. ווייל ערשטנס האָט ער מיט אַלע
כחות געשטרעבט צו אַ צוזאַמענפּאָר פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס
זענען וואָס פולער און דעמאָקראַטישער צוזאַמענגעשטעלט, מאַנ-
קירנדיק גלייכצייטיק מיט אָרגאַניזאַציעס אַקטיווע און טעטיקע.
צווייטנס האָט ער געשטרעבט צו באַקומען אַ דעמאָקראַטישע
סאַנקציע פאַר זיין פּאָליטיק פון מיטאַרבעטן מיט דער בורזשו-
אַזיע, און די איראָניע פון דער געשיכטע איז באַשטאַנען אין
דעם, וואָס אַפילו דידאָזיקע באַראַטונג האָט אים נישט געגעבן
קיין שום אונטערשטיצונג, אויף קיין האָר נישט פאַרפעסטיקט
זיין פּאָזיציע.

דעם 14-טן סעפּטעמבער האָט זיך געעפנט דידאָזיקע באַ-
ראַטונג. זי האָט פאַר זיך נישט געהאַט קיין אָרגאַניזירטע
מאַכט, ווייל די רעגירונג, וועלכע קערענסקי האָט אין איילעניש
צענויפגעשלאָגן נאָך די קאָרנילאָוו-טעג, האָט זיך באַטראַכט
אַלס אַ צייטווייליקע און צופעליקע. די לאַגע פון דער דעמאָ-
קראַטיע אין לאַנד איז געווען אויף אַזוי וייט פעסט, אַז קע-
רענסקי האָט אָפּגעהאַלטן די פאָרמירונג פון דער רעגירונג ביזן
אויסגאַנג פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג. ער אַליין, קאָמ-
פּראָמיטירט דורך דער קאָרנילאָוו-אַוואַנטורע, האָט אויף דער
דאָזיקער באַראַטונג שוין נישט געשפּילט יענע אַנטשיידנדיקע
ראָל, ווי אויף דער מלוכה-באַראַטונג אין מאָסקווע. דאָרט איז
ער אַרויסגעטראָטן ווי אַ קראַפט, וועלכע האָט געדאַרפט מעסיקן
די אַפּעטיטן פון ביידע קלאַסן-לאַגערן. דאָרט האָט ער נאָך גע-
מאַכט דעם איינדרוק פון אַ „ליבלינגס-מענטש” פון דער דעמאָ-
קראַטיע (דער מעסיקער) און פון אַ מענטשן, וועלכער איז
פאַרדייַלעך פאַר דער בורזשואַזיע. דאָ אָבער האָט ער זיך גע-
פונען בלויז צווישן דער דעמאָקראַטיע אַליין, פאַר אַ העלפט
פון וועמער ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון בגידה קעגן
דער פאָלקס-זאַך, אַן אָביעקט פון קאַמף און מאַכט-באַזייטיקונג.

ווי מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, האָבן זיך אויף דער באַראַטונג פאַרביסן צענויפגעשטויסן צוויי קאַרדינאַלע שטאַנדפּונקטן: פאַר אָדער קעגן א קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע — אַזוי איז געשטעלט געוואָרן די הויפּטפּראַגע. קאַמעניעוו — אין נאָמען פון די באָלשעוויקעס, ספּירידאָנאָוואַ — אין נאָמען פון די לינקע ס.-ר.-ן, וועלכע זענען אויף דער דאָזיקער באַראַטונג שוין אַרויסגעטראָטן לחלוטין אָפּגעטיילט פון דער רעכטער טייל פון דער פּאַרטיי סאָצ.-רעוו. — זענען קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן קאָאַליציע. „האָפט נישט צו פאַרוואַנדלען אין פריינט די קעגנער פון אייער קלאַס" — האָט געזאָגט קאַמעניעוו, — „אין דער געשיכטע קומען נישט פאָר קיין נסים. אומצוטרוי צו זיינע קלאַסן-פיינט איז די ערשטע מעלה פון א סאָציאַליסט. אויב די אונטערדריקונג פון קאָרנילאָוו-בונט האָט אייך אויסגעלערנט צו שעצן די פראָנט-צוזאַמענשליסונג פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע — טאָ גיט איבער די גאַנצע מאַכט די ראַטן". „די קאָאַליציע האָט געגעבן קאָרנילאָוון, לאָקאַוטן. די קאָאַליציע האָט גאָרנישט געגעבן דעם פויערטום" — האָט גערעדט ספּירידאָנאָוואַ — „די קאָאַליציע האָט נישט געגעבן קיין שאַפונגס-קראַפט; אַלץ, וואָס מ׳האָט באַקומען — איז גענומען מיט כח". דער פאָרשטייער פון די פויערשע ראַטן האָט דערקלערט: „דאָס פויערטום האָט פאַרמאָגט גענוג אויסדויער צו פאַרהאַלטן זיך רויק און אָפּוואַרטן די אַנטשיידונג פון זיין גורל. אָבער מיסברויכט נישט מיט זיין געדולד. ערד מוז מען געבן און טאַקע געבן תיכף. דאָס פויערטום, וועלכעס האָט אויסגעטראָגן די לאַסט פון דער מלחמה אויף זיינע פּלייצעס האָט רעכט צו פאָדערן — אין נאָמען פון פראָנט-אייניקייט — מ׳זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער קאָאַליציע". זיך ווענדנדיק צו דער מעסיקער דעמאָקראַטיע פון דער באַראַטונג, האָט דער לינקער ס.-ר. קאַמקאָוו געזאָגט: „איר האָט אויסצוקלייבן צווישן א קאָאַליציע מיט צענז-עלעמענטן און א קאָאַליציע מיט די לינקע עלעמענטן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. שליסט זיך אָן אין דער צווייטער קאָאַליציע".

פאַר אַ קאָאַליציע איז אַרויסגעטראָטן צערעטעלי. „אויך איצט דאַרף מען קאָנטראָלירן — האָט ער געזאָגט — צי איז נישטאָ קיין געמיינזאַמע ליניע ביי דער דעמאָקראַטיע מיט אַ צענז און דער דעמאָקראַטיע אָן אַ צענז. און אויב אַזאַ איז דאָ — דאַרף מען גיין מיט איר צוזאַמען. דאַביי דאַרף מען נישט איבערשאַצן די כחות פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. די צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אַן אַקטיווע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, דער ווידעראויפבוי פון דער אַרמיי — זענען נישט קיין פּאַרטיי־אויפגאַבעס, נאָר אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע". ווי מיר זעען האָט צערעטעלי און די קאָאָפּעראַטיוון און מוניציפּאַליטעטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף זיין שטאַנדפּונקט, פאַר די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציע־חדשים גאָרנישט פאַרגעסן און גאָרנישט געלערנט. זיי זענען פעסט געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע פון צוזאַמענאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע, נישט געקוקט אויף אַלע איבערגעלעבטע פּרוּוונגען און אַנטוישונגען. אָבער מיט וועמען שליסן אַ קאָאַליציע, ווען די קאַדעטישע פּאַרטיי האָט זיך אָקאָרשט סאָלידאַריזירט מיט קאָרנילאָוון?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט מען געגעבן אַן ענטפער, וועלכער האָט זיך ווי געפונען צווישן ביידע קלאָרע לייזונגען פון צערעטעלי און פון דער לינקער דעמאָקראַטיע. דעם דאָזיקן ענטפער האָט געגעבן א טייל פון דער באַראַטונג מיט טשערנאָוון בראש, וועלכער האָט אים פאָרמולירט אַזוי: *אַ קאָאַליציע, אָבער אָן די קאַדעטן*. מיט אַנדערע ווערטער, די מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע דאַרף איינגעהיט ווערן, אָבער מיט אַ בורזשואַזיע אַ נאָכגיביקער, אַן „ערלעכער".

אָבער אַזאַ בורזשואַזיע איז נאָך נישט געווען בנמצא: מ'האָט זי נאָך געדאַרפט באַשאַפן. פאַרשטייט זיך, ביי אַ גוטן ווילן איז נישט געווען קיין גרינגערע זאַך, ווי געפינען פּאַסיקע מיניסטאָרן־בורזשויען, פּאָליטישע יחידים אָן זייער קלאַס, וועלכע זאָלן אויפנעמען צערעטעליס „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע" אידעאָלאָגיע. ווייל אין אַזאַ תקופה איז פּאָליטישע פּראָיעקטן־מאַכעריי תמיד אַ גאַנגבאַרע סחורה און ליבעראַלע מיניסטאָרן, נויטיקע צום

אַנסאַמבל, געפינען זיך שוין. אָבער אַזעלכע מיניסטאָרן זענען
שוין געווען אין משך פון דער רעוואָלוציע, און קיין קאָאַ־
ליציע האָבן זיי דאָך נישט געשאַפן. ווייל אַן אמתע און אַרבעטס־
פעיקע קאָאַליציע זעצט פאָרויס די צוזאַמענאַרבעט נישט פון פּערזאָ־
נען, נאָר פון קלאַסן; די צוזאַמענאַרבעט נישט מיטן בורזשוא, נאָר מיט
דער בורזשואַזיע. אָבער די רוסישע בורזשואַזיע, אַזוי ווי זי האָט זיך
אַנטוויקלט אין דער רעוואָלוציע־תקופה, האָט געהאַט איר פּאָליטישע
פאָרשטייערשאַפט בלויז אין דער פּאַרטיי פון די „קאַדעטן”.
אַזוי אַרום האָט די אַנטשטייאונג פון טשערנאָווס פאָרמול באַ־
דייט נישט קיין לייזונג פון קריזיס, נאָר זיין פאַרשאַרפונג. זי
האָט געשאפן אַ פאַלשן איינדרוק וועגן דער עקסיסטענץ פון
עפּעס אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, אַ חוץ
דער קאַדעטישער, וואָס דאָס איז געווען נישט ריכטיק. זי האָט
אויך געשאַפן דעם איינדרוק, ווי די קאַדעטן וואָלטן פאַרשטויסן
געוואָרן פון דער מאַכט „פאַר אָנטיילנעמען אין דער קאָרנילאָוו־
אַוואַנטורע”, וואָס דאָס אויך איז נישט געווען ריכטיק. נישט
דער קרימינעלער שטאַנדפּונקט וועגן „אָנטיילנעמען אין דער
פאַרשווערונג” האָט געשפּילט אַ ראָל אין באַשלוס פון דער
עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, (ווייל רעאל האָבן אָנטיילגענומען
בלויז פּערזאָנען, אָבער נישט די פּאַרטיי), נאָר בלויז דער פּאָ־
ליטישער, פאַר וועלכן די קאָרנילאָווטשינע איז בלויז גע־
ווען אַ באַווייז וועגן דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער ראָל פון
דער בורזשואַזיע. די דעמאָקראַטיע האָט נישט אַרויפגעלייגט
אויף דער קאַדעטישער פּאַרטיי קיין מאָראַלישע שטראָף נאָך
די קאָרנילאָוו־טעג, נאָר זי האָט זיך גופא באַפרייט פון צו־
זאַמענאַרבעט מיט דער אָפענער, אָדער באַהאַל־
טענער רעאַקציע.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט שווער איינצוזען, אַז אין
גרונט גענומען איז טשערנאָווס דאָזיקע פאָרמול אַ געהיימע דער־
נענטערונג צו דער פּאָזיציע פון דייעניקע, וועלכע האָבן באַ־
קעמפט יעדע קאָאַליציע. אין רעוואָלוציאָנערע תקופות, ווען
פאָרמולעס ווערן געהאַלטן אין מיליאָנען מיילער און ווערן גיך

פאַרוואַנדלט אין קלישעס, וואָס זייער אינהאַלט איז נישט תמיד קלאָר, אָדער ער ווערט פאַרגעסן, שפּילן זיי אַ גרויסע, אַמאָל אַ זעלבשטענדיקע ראָל. די אָנטיילנעמער פון היסטאָרישע פאַרזאַמלונגען גייען נאָך אָפטמאָל בלינד אַזעלכע פאָרמולעס און דורך זייערע שטימען וועגן זיי איבער די וואָגשאָלן אין דער אָדער יענער זייט. אַזאַ גורל האָט אויך דערוואָרט טשערנאָווס דראַזיקע פאָרמול.

אָבער אויך אַ צווייטע פאָרמול, וועלכע איז דאַן געווען אין דער מאָדע, — „אַן איינהייטלעכע סאָציאַליסטישע רעגירונג", — איז איבערגעחזרט געוואָרן דורך פיל השפעהרייכע שיכטן אָן אַ גענויער פאַרטיפונג אין איר אינהאַלט. אַן איינהייטלעכע רעגירונג פון מעסיקע מיניסטאָרן־סאָציאַליסטן, אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אַזאַ דעמאָקראַטישע באַראַטונג, למשל, וואָלט אויך געקענט ממשיך זיין די וואַקלדיקע, אומאַנטשלאָסענע פּאָליטיק פון אַלערליי קאָאַליציע־רעגירונגען. אָבער פונדעסטוועגן איז די דראַזיקע פאָרמול פאַר יענער צייט געווען גאַנץ רעוואָלוציאָנער.

צווישן דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געפאָדערט אַן איינהייטלעכע סאָציאַליסטישע מאַכט, זענען אויך געווען ווייטערדיקע טיילונגען. אין דער צייט, וואָס איין טייל אירער איז געווען פאַר אַ מאַכט, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דערדאָזיקער דעמאָקראַטישער באַראַטונג, האָט איר גרעסטע טייל געפאָדערט אַ מאַכט, וואָס זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף די ראַטן. אָבער, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז די עיקר־טיילונג געווען: פאַר אָדער קעגן קאָאַליציע? אין דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך די מעסיקע און עקסטרעמע דעמאָקראַטיע געטיילט אויף צוויי פאַרביסענע לאַגערן, און קיין מיטל־ליזונג האָט צווישן זיי נישט געקענט זיין. פונקט ווי אויף דער מלוכה־באַראַטונג איז געווען צוועקלאָז צו זוכן אַ מיטל־ליניע צווישן די דאָרט אָנוועזנדיקע לאַגערן פון דער בורזשואַזיע און דער דעמאָקראַטיע, אַזוי איז איצט שוין צו שפּעט געווען צו זוכן אַ מיטל־ליניע צווישן ביידע פליגלען פון דער דעמאָקראַטיע.

אַזאַ קאָמפּראָמיס איז נאָך מעגלעך געווען צו זוכן אין

אויגוסט, פאַרן קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד, אויף אַ דעמאָקראַטישער באַראַטונג, ווען זי וואָלט דעמאָלט צענויפגערופן געוואָרן; איצט איז שוין דער טערמין*) פאַרן דאָזיקן קאָמפּראָמיס אַריבער; פאַר יעדער איינער פון די דאָזיקע צוויי באַראַטונגען זענען דעריבער געשטעלט געוואָרן נישט־לייזבאַרע פּאָליטישע אויפגאַבן. זיי האָבן זיי נישט געקענט לייזן און דעריבער פריי געמאַכט דעם וועג פאַר אַ בירגער־קריג**). נאָך דער מלוכה־באַראַטונג איז געווען אומפאַרמיידלעך די קאָרנילאָוו־באַוועגונג, נאָך דער דעמאָקראַטישער — איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך דער אָקטאָבער-אויפשטאַנד. אין ביידע פאַלן האָבן אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד יענע טיילן פון דער באַראַטונג, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרונט צו באַטראַכטן זיך פאַר שטאַרקער. אין אויגוסט איז געווען אַ בורזשואַזע רעאַקציע. און די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע האָט רעאַגירט אין אָקטאָבער. די מעסיקע דעמאָקראַטיע האָט זיך אין ביידע פאַלן בלויז פאַרטיידיקט, אַרויסגעשטויסן געוואָרן. דאָס איז אַ לעקציע פון דער געשיכטע.

די באַראַטונג האָט געמוזט אָננעמען אַ וואָסער נישט איז באַשלוס. אָבער פאַר דער אָפּשטימונג האָט נאָך די דעמאָקראַטיע דערהערט צוויי שטימען, וועלכע האָבן שאַרף און בגילויש אָפּגעקלונגען אויף דער באַראַטונג. פון איין זייט איז דאָס געווען די שטימע פון דירעקטע פאָרשטייער פון פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט; פון דער צווייטער זייט איז דאָס געווען די שטימע פון אַלטן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער מ י נ אָ ר. דער פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט האָט אין דער פּערזאָן פון זיין רעדנער דערקלערט: „מיר דערקלערן אָפן — די גאַנצע לאַסט פון דער רעוואָלוציע האָבן מיר אויסגעטראָגן אויף אונזערע פּלייצעס... מיר דערקלערן, אַז אַוועקשטעלן די פראַגע ווען

*) אין סעפּטעמבער נאָכן קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד.

**) אויף צו לייזן די אויפגאַבן מיט דער קראַפט פון געווער.

קאָאַליציע — הייסט אַוועקשטעלן די רעוואָלוציע פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ נייער קאָרנילאָווטשינע. מיר פאָדערן אַן איינהייטלעכע מאַכט, וועלכע שטיצט זיך אויף די ראַטן". און מינאַר האָט דערקלערט: „איך זאָג אויף זיכער, אז אָן אַ קאָאַליציע וועט איר זיך נישט באַגיין, דאָס נישט אָנערקענען די קאָאַליציע קען אין בעסטן פאַל דערפירן צו א גאַסן־קאַמף, ווייל די מינדערהייט, וועלכע וועט שטימען קעגן קאָאַליציע, וועט געצוווּנגען זיין ברענגען צום אויסדרוק אירע ווערטער אין מעשים". די דאָזיקע ביידע רעדעס האָבן אָנגעצייכנט די ליניע פון דער נאָענטער צוקונפט. פאַר וועמען־זשע האָט זיך אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע באַראַטונג?

ביי דער אָפּשטימונג איז דער קאָאַליציע־פרינציפּ אָנגענומען געוואָרן מיט אַ נישטיקער מערהייט: מיט 766 שטימען קעגן 688. ווען מ'האָט אָבער אָפּגעשטימט די צווייטע פראַגע וועגן אויסשליסן פון קאָאַליציע־צוזאַמענשטעל די קאַדעטישע פאַרטיי, האָט זיך די מערהייט אַרויסגעזאָגט פאַר דער דאָזיקער אויסשליסונג. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז דורכגעגאַנגען טשערנאָווס פאָרמול, וועלכע האָט אויף אַ פאַרמאַסקירטן אופן אָפּגעוואָרפן די קאָאַליציע. אָט דאָס איז געווען דער פינאַל פון דאָזיקן לעצטן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן די אָפיציעלע פירער האָבן נאָך געהאָפט צו געפינען אַן אָנשפאַר פאַר זייער פּאָליטיק. דאָס האָט באַדייט, אַז די דעמאָקראַטיע, אפילו אַ שטרענג אָפּגעקליבענע און דורכגעזיפּטע, האָט, אין גרונט גענומען, פאַראורטיילט דעם עקסיסטירנדיקן רעזשים. דער באַשלוס, וועלכער איז נאָר־וואָס אַרויסגעטראָגן געוואָרן דורך דעם פאַרשידנפאַרביקן צוזאַמענפאָר, איז אויף אַזוי ווייט געווען פּאָליטיש זינלאָז, אַז אים איז קיין אַנדער זאַך נישט געבליבן צו טאָן, חוץ נאָר אין אַ דריטער אָפּשטימונג אָפּצוואַרפן די גאַנצע רעזאָלוציע חעגן דער „מאַכט־קאָנסטרוקציע" פון אָנהויב ביזן סוף. די רעזאָלוציע איז טאַקע מיט אַן איבערוויגנדיקער צאָל שטימען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די באַראַטונג איז געבליבן אָן אַ שום באַשלוס!

דאָס האָט באַדייט, אַז **אַזאַ** צופעליקע באַראַטונג איז גישט בכּח צו לייזן די פראַגע וועגן דער מאַכט, אַז איר גורל קען בלויז אַנטשידן ווערן אויפן ראַטן-צוזאַמענפאָר. אַזוי האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע די לינקע דעמאָקראַטיע. אָבער די געשאַפענע לאַגע האָט באַדייט אַ טויט-קלאַפּ פאַר די **מעסיקע** פירער פון דער דעמאָקראַטיע. ווי אַזוי-זשע האָט זי געקענט געפינען פון איר אַן אויסוועג? זיי האָבן טאַקע געפונען פון איר אַן „אויסוועג", אָבער אַזאַ, וועלכער האָט נאָר אויפן ערשטן קוק געקענט אויסווייזן אַלס אַזאַ. צערעטעלי האָט פאָרגעלייגט נישט באַשליסן איצט די פראַגע וועגן די פרינציפּן פון בילדן די מאכט, נאָר אָננעמען אָנשטאָט דעם צוויי אַנדערע פרינציפּן: **די פראָגראַם** פון דער נייער רעגירונג און איר **פאַראַנטוואָרטלעכקייט**. אַלס פראָגראַם האָט געדאַרפט דינען די דעקלאַראַציע, וועלכע די דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעגעבן אויף דער מלוכה־באַראַטונג דעם 14-טן אויגוסט. און כדי דורכצופירן אין לעבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מאַכט האָט ער פאָרגעלייגט אויסצוטיילן פון באַשטאַנד פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אַ רעפּרעזענטאַטיוון אָרגאַן („אַ פאָרפּאַרלאַמענט"), וועלכער דאַרף צוזאַמען מיטן פאַקטישן צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג בילדן אַ נייע רעגירונג, אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן דאָזיקן אָרגאַן. „אין פאַל ווען אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג וועלן אַריינגענומען ווערן אויך צענז־עלעמענטן, דאַרף און מוז דער באַשטאַנד פון פאָרפּאַרלאַמענט קאָמפּלעטירט ווערן דורך דעלעגאַטן פון בורזשואַזע גרופּן". — אַזוי האָט געהייסן צום סוף פון דאָזיקן קונציקן פאָרשלאַג. אַזוי אַרום איז די באַראַטונג באַפרייט געוואָרן פון דער אומלייזבאַרער אויפגאַבע צו לייזן דעם פרינציפּ וועגן דער מאַכט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז די צענויפשטעלונג פון דער רעגירונג איבערגעגעבן געוואָרן פערזאָנען, וועלכע וועלן באַזאָרגן די קאָאַליציע אויך מיט קאַדעטן. ווי מיר האָבן געזען, איז די קאָאַליציע געזיכערט געוואָרן סיי אין דער קומענדיקער רעגירונג, סיי אין קומענדיקן געזעצגעבערישן אָרגאַן — אין פאָרפּאַרלאַמענט. די

רעזולטאַטן זענען געווען אומדערהערטע, זיי זענען, אין תוך גענומען, געשטאַנען אין סתירה צום זין פון דער אָפּשטימונג, אָבער צערעטעלי און די רעכטע ס.־ר.־ן האָבן זיך דערפאַר געטרייסט דערמיט, וואָס פון היינט אָן וועט די מאַכט זיין אַ „פאַראַנטוואָרטלעכע”. „שאַפט אַן אָרגאַן פון געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל — האָט געזאָגט צערעטעלי — און דאַן וועט די רעוואָלוציע נישט זיין אָפּהענגיק פון פּערזאָנען”. ווי אַזוי וועט אַן אָרגאַן, וועלכער ווערט פון אינעווייניק צעריסן דורך נישט אויסגלייכבאַרע שטרעמונגען — און נאָר אַזאַ האָט געקענט געשאַפן ווערן דורך דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג — קענען קאָנטראָלירן די רעגירונג, וועלכע איז פון איר זייט אויך געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן?

דער צוזאַמענפאָר, פאַרשעמט פאַר זיין אינערלעכער שוואַכקייט, האָט אָנגענומען אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, וועלכער האָט ווידער מער נישט ווי פאַרפלאָנטערט די לאַגע. די דעמאָקראַטיע האָט אין דער געשטאַלט פון אירע אָפיציעלע פאָרשטייער ווידער באַקומען פרייהייט פון האַנדלען, זי האָט זיך ווידער געקענט נעמען פאַר צוזאַמענאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע.

אָבער גראָד דאָס האָט קערענסקין פאַנאַנדערגעבונדן די הענט. ס'איז קלאָר, אַז ביז איצט איז דער קאַבינעט געווען וואַקלדיק, אָבער איצט, אַרום 23־טן סעפּטעמבער, ביים צענויפשטעלן די נייע מאַכט אין הסכּם מיטן איבערגעשפּיצטן באַשלוס פון צוזאַמענפאָר, האָט ער געקענט רויק אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען אויף דער לאַגע פון דער צוקונפטיקער רעגירונג פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון דעמאָקראַטיע, קאַדעטן און אינדוסטריעלע.

פון זיין רעדע האָבן זיך די מאַסן דערוווּסט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג האָט בדעה צו קאָמפּלעטירן זיך בלויז לויט איר אייגענעם אויסוואַל. אַז די מאַכט ווערט דערקלערט פאַר אומאָפּהענגיק פון וועלכע נישט איז אָרגאַניזאַציעס, אַז אין איר טעטיקייט וועט זיך די רעגירונג ריכטן „בלויז לויט די” פּראָגראַמען, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין איר

סביבה. זי אָנערקענט פאַר צוועקמעסיק עס זאָל ביי איר עק־סיסטירן „אַ ספּעציעלער צייטווייליקער באַראַטונגס־אָרגאַן, וועל־כער קען אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט האָבן קיין פונקציעס און רעכט פון אַ פּאַרלאַמענט אין עכטן זין פון דאָזיקן וואָרט". די דאָזיקע באַראַטונג „וועט באַקומען דאָס רעכט צו מאַכן אָנ־פ ר אַ ג ע ס דער רעגירונג. אויסאַרבעטן געזעצגעבערישע פּראָ־יעקטן און באַהאַנדלען פראַגן, וועלכע וועלן איר דורך דער רעגירונג איבערגעגעבן ווערן צו באַטראַכטן, אָדער וועלכע וועלן אַרויסשווימען לויט איר אייגענער איניציאַטיוו". און, פאַרשטייט זיך, אַז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר קען זיך די רעגירונג נישט באַ־טראַכטן. אָט ס'אַראַ אויסזען עס האָט באַקומען „די פּראָגראַם פון 14־טן אויגוסט", די „פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מאַכט" און דער „פּאָרפּאַרלאַמענט". פאַרשטייט זיך, אַז די קאַדעטן און אינדוסטריעלע האָבן מיט געמיינזאַמע כחות אונטערגעשטיצט קערענסקין. וואָס־זשע האָבן אויף דעם געענטפערט די פירער פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן מיט אים געפירט אונטער־האַנדלונגען? האָבן זיי כאָטש פאַרטיידיקט די באַשלוסן פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג?

זיי האָבן געפירט ויכוחים, זיי האָבן פאַרטיידיקט „די פּראָגראַם פון 14־טן אויגוסט", זיי האָבן אָבער אין אַלץ נאָכ־געגעבן. זיי זענען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז די רעגירונג וועט נישט טראָגן פאַרן פּאָרפּאַרלאַמענט קיין פאָרמעלע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט אין פּאַרלאַמענטאַרישן זין. זיי זענען אויך איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז די רעגירונג זאָל אויסאַרבעטן אויך די קאָנסטרוקציע פון פּאָרפּאַרלאַמענט גופא. עס האָט זיך איבערגעחזרט כמעט דאָסזעלבע בילד ווי אין יולי, בעת מ'האָט קערענסקין איבערגעגעבן אין זעלבן ווינטער־פּאַלאַץ די אומבאַ־גרעניצטע מאַכט.

און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי רעכטע ס.־ר.־ן נעמט אָן נאָך דעם אַזאַ רעזאָלוציע: „דער צ. ק. אָנער־קענט, אַז די אָנגעצייכנטע יסודות פון פאַרשטענדיקונג, כאָטש זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ געוויסע אָפּווייכונג פון די אָנגעווי־

זענע (אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג) פּרינציפּן פאַר דער פאָרמירונג פון דער מאַכט, דאַרפן פונדעסטוועגן ביי די געגע-בענע היסטאָרישע אוןווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען און דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון לאַנד אָנערקענט ווערן פאַר אָנ-גענומען פאַר דער פאַרטיי ס.-ר.-ן". האָט דען די בורזשואַזיע זיך געקענט ווינטשן עפּעס בעסערס?

אָט איז דער צוזאַמענשטעל פון דער גייער רעגירונג, וועלכע איז צענויפגעשטעלט געוואָרן מיטן וויסן און מיט דער ברכה פון די מעסיקע פירער נאָכן קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד: 7 בורזשויען, פון זיי 5 קאַדעטן (וואָס דאָס איז געווען קעגן באַ-שלוס פון צוזאַמענפאָר) און אינדוסטריעלע, און דער רעשט האַלב-סאָציאַליסטן, נישט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר קיין איינער פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. אין דאָזיקן קאַבינעט איז שוין נישט אריינגעגאַנגען אַפילו סקאָבעלעוו. די סאָציאַלע באַזע פון דער נייער רעגירונג האָט מען אין דערדאָזיקער שטורמישער, פון קלאַסן-קאַמף אויפגעטרייסלטער עפּאָכע נישט געקענט אַנ-דעריש אָנרופן ווי אַ משוגעת, אַ פּאָליטישע בלינדקייט. סיי קע-רענסקי און סיי די מעסיקע פירער האָבן זיך, ווי ס'שיינט, גע-שטיצט אויף די אומגעלונגענע אָפּשטימונגען, אויפן מאַנגל פון פעסטע באַשלוסן אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג. זיי האָבן פאַרגעסן בלויז איינס, אַז דידאָזיקע סך-הכלען פון דער באַ-ראַטונג זענען אַרויסגערופן געוואָרן נישט דורך דער פאַרלוירנ-קייט פון דער דעמאָקראַטיע גופא, נאָר דורך דער געקינסטלט-קייט און לעבנסאומפעיקייט פון דעם באַראַטונג-צוזאַמענשטעל. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז קלאָרע באַשלוסן און אַ פעסטן ווילן האָט די דעמאָקראַטיע פאַרמאָגט הינטער די ווענט פון דער באַ-ראַטונג, און אַז אָן איר ווען אַלץ איינס צעפליגן ווערן ווי שטויב אַלע אויסרעכנונגען פון די פירער. אין זייער בלינדקייט האָבן זיי נישט געזען, אַז די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע איז שוין אַ קראַפט, פון וועלכער עס הענגט אָפּ דער גאַנצער ווייַ-טערדיקער גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

דער „פֿאָרפּאַרלאַמענט“

אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נישט ערנסטע, און פֿאַר דער דאָזיקער תּקופֿה ממש אַ חוזק־רעגירונג און פּונקט אַזאַ נישט־ערנסטער פֿאָרפּאַרלאַמענט.

דעם 7־טן אָקטאָבער האָט געזאָלט געעפֿנט ווערן דער דאָזיקער פֿאָרפּאַרלאַמענט, אונטערן נאָמען „ראַט פֿון דער רעפּובליק“. ער האָט באַדאַרפֿט באַשטיין פֿון 555 מיטגלידער איינגעלאַדענע דורך דער צייטווייליקער רעגירונג לויט די אָנווייזונגען פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס“. דער ראַט האָט באַקומען דאָס רעכט זיך ווענדן צו דער רעגירונג מיט פֿראַגן, געזעצגעבערישע פּראָיעקטן, אויף וועלכע די רעגירונג אָנערקענט פֿאַר אומבאַדינגט נויטווענדיק צו האָבן די „החלטה פֿון ראַט“, ווערן אַריינגעטראָגן אין ראַט. דער צוזאַמענשטעל פֿון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעפֿילט געוואָרן מיט פֿאָרשטייער פֿון די זעלבע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אָקאָרשט אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג דערוויזן די אוממעגלעכקייט פֿון זייער פּאָליטישער פֿאַרבינדונג: פֿון די ראַטן, מוניציפּאַליטעטן, קאָאָפּעראַטיוון א. אַז. וו. אָבער צוליב דער בילדונג פֿון אַ קאָאַליציע־רעגירונג איז דער פֿאָרפּאַרלאַמענט קאָמפּלעטירט געוואָרן אויך דורך אַ גרויסע צאָל פֿאָרשטייער פֿון בורזשואַזע גרופּן. די פּאָליטישע סגי־נהורס האָבן אין אָקטאָבער געוואָלט איבערחזרן די אינסצענירונג פֿון דער מלוכה־באַראַטונג אין אויגוסט. ערבֿ די וואַלן צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָבן זיי ווידער אַרויסגערוקט אויף דער אַוואַנסצענע פֿון לאַנד קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כּוחות, געגעבן זיי די מעגלעכקייט פֿון דער טריבונע פֿון גאַנצן פֿאָלק צו פֿירן אַן אָנגריף קעגן דער דעמאָקראַטיע און זיך אָר־

גאַניזירן אויפסניי. נאָך דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג איז דאָס
געווען א גרויסער טריט אויף הינטערזיך. דאָס איז געווען אַן
אַרויספאָדערונג אויפן אַדרעס פון דער דעמאָקראַטיע! אויב
פאַר די מעסיקע פירער האָט דער ראַט פון דער רעפובליק
געדאַרפט פאָרשטעלן מיט זיך די צוקונפטיקע גרינדונגס-פאַר-
זאַמלונג אין מיניאַטור, זי ציטווייליק פאַרבייטן ביז איר צו-
נויפרופונג — איז ער שוין דערמיט אַליין געווען געפערלעך
פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג גופא. וואָרום, אויב די דעמאָ-
קראַטיע וואָלט געהאַט א גרונט אָנצונעמען, אז דער ראַט פון
דער רעפובליק איז א פאָרבילד פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג,
אַז אויך אין דער לעצטער, אַזוי ווי דאָ, וועט די בורזשואַזיע
זיין שטאַרק און השפעה-רייך פאַרטראָטן, אַז אויך אין איר,
אַזוי ווי דאָ, וועט די גאַנצע קראַפט און ענערגיע פון רעוואָ-
לוציאָנערן פאָלק דאַרפן פאַרשווענדעט ווערן אויף צו דערגרייכן
פוסטע קאָמפּראָמיס-פאָרמולן, — וואָלט די דעמאָקראַטיע, נישט
קלערנדיק קיין מינוט, זיך אָפּגעזאָגט פון דער גרינדונגס-פאַר-
זאַמלונג. די זאַך איז אָבער די, וואָס די מאַסן האָבן זיך פאָר-
געשטעלט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין א גאַנץ אנדער גע-
שטאַלט, אַלס אַן אויסשליסלעכע אַרבעטס-פאָלקס-פאַרטרעטער-
שאַפט מיט אומבאַשרענקטער מאַכט. און דער דאָזיקער ראַט
פון דער רעפובליק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אַלס פּרוכט
פון דער אָנמעכטיקייט פון דער מעסיקער דעמאָקראַטיע, האָט
גאַנץ פשוט נישט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון
די מאַסן. אמת, די אָפיציעלע ציטונג פון צענט. אויספיר-קאָ-
מיטעט האָט גערופן די דעמאָקראַטיע „זיך פאַרייניקן אַרום אים״,
אַזוי ווי זי האָט שוין א סך מאָל גערופן צו פאַרייניקונג אַרום
פאַרשידענע צופעליקע אימפּראָוויזאַציעס פון דער רעוואָלוציע.
אָבער די דעמאָקראַטיע האָט זיך גאָר-ווייניק צוגעהערט צו
דער דאָזיקער שטימע, ווייל דער ראַט פון דער רעפובליק איז
בולט געווענדעט געווען מיט זיין שפּיץ קעגן די ראַטן פון די
אַרבעטער-זעלנער- און פויערים-דעפּוטאַטן, מיט וועלכע די מאַסן
זענען געווען צו ענג פאַרבונדן. דער צונויפּמעגנפאַר פון די דאָ-

זיקע ראטן איז באַשטימט געווען אויפן 20־טן אָקטאָבער. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דער ראַט פון דער רעפובליק בלויז געווען אַ צערייצונגס־עלעמענט, אַ לח׳־וטין אָנמעכטיקער אָנצו־פירן מיט דער רעוואָלוציע. אָבער אָפּוועגנדיק די מעסיקע פירער פון דער ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט, האָט דידאָזיקע אינסטיטוציע, פאַרשטייט זיך, גלייכצייטיק געשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַ־טיע. אונטערן דעק־מאַנטל פון דעם רעפובליק־ראַט האָט זיך די בורזשואַזיע געקליבן פירן אין דער רעגירונג איר אויסגע־פרוווטע פּאָליטישע קלאַסן־ליניע, אָבער אונטער זיין שוץ טאַ־קע איז אויך פאָרגעקומען די פּאַקטישע צוגרייטונג פון דער לינקער דעמאָקראַטיע.

אין דער צייט, וואָס אין די הויכע פענסטער פון דער פּאָליטישער סצענע זענען פאָרגעקומען די דאָזיקע אַלע ענדע־רונגען און וואַקלעניש, האָט דאָס לאַנד, אין אַלע זיינע טיילן, איבערגעלעבט פיינלעכע קאָנוואָלסיעס. דער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער, דער טראַנספּאָרט־ און דערנערונגס־חורבן האָט זיך אַלץ ברייטער און טיפער פאַנאַנדערגעוואַקסן. די דערוואַר־טונגען אויפן שלום זענען נישט מקוים געוואָרן; די דערוואַר־טונגען אויף ענטגילטיקע סאָציאַלע רעפאָרמען אויך נישט. צו־ליבן מאַנגל פון גאַנצטע גינסטיקע פּערספּעקטיוון זענען ביי די מאַסן געוואַקסן די געפילן פון אומצופרידנקייט, אַנטוישונג, אומצוטרוי. די מאַסן, פאַרמאַטערט פון וואַרטן, האָבן זיך אַלץ אָפטער גענומען פאַר אַ זעלבשטענדיקער, סטיכישער לייזונג פון זייערע נויטן. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע האָט געפונען פאַר זיך אַ גוטן באָדן. אין אייניקע ערטער זענען שוין פאָרגעקומען יידישע פּאָגראָמען, אין אַ סך ערטער — דערנערונגס־אומרוען. די סתירותדיקע באָדן־פאַראָרדנונגען, די אין אַ סך ערטער פאָרגעקומענע צעטרייבונג פון די ערד־קאָמי־טעטן האָבן אַרויסגערופן אַגראַר־אומרוען. דידאָזיקע, פאַר אַ

רעוואָלוציע, וואָלט זיך געדוכט, אוממעגלעכע סכנה איז אין יענער צייט שוין געוואָרן אזוי בולט, אַז די מאַכט אויף די ערטער, גיכט באַראַטנדיק זיך מיט דער צענטראַלער, נעמט אָן אַנטשלאָסענע מיטלען. אין דער קורער, טאַמבאָווער, וואָראָנע-
זשער און סאַראַטאָווער גובערניעס האָבן די אָרטיקע ראַטן, ביי דער באַטייליקונג פון די רעגירונגס-קאָמיסאַרן און דער געריכטס-
מאַכט, שוין געמאָלדן וועגן איבערגאַנג פון גאַנצן באָדן און אַפילו פון אינווענטאַר אין רשות פון די ערד־קאָמיטעטן. די אַרמיי, פאַר וועלכער ס'איז אויפגעשטאַנען די רעאַלע סכנה פון א פרישער ווינטער-קאַמפּאַניע מיט אירע שרעקלעכע נויטן אין אַ חרובן לאַנד, האָט אַלץ מער און מער פאַרלאָרן איר צוזאַ-
מענגעבונדנקייט. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די פיינט-
לעכע כחות פון דער רעוואָלוציע ווידער אָרגאַניזירט. די רייכע קאָזאַקן-באַאַמטע מיט זייער פירער קאַלעדין בראש האָבן אויפן דאָן געשטעלט אין סכנה די צייטווייליקע רעגירונג. די רעגי-
רונג איז געווען אָנמעכטיק קעגן זיי. צוליב דער אומפעיקייט פון דער רעגירונג צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די באַן-
אַרבעטער איז אויפן סדר־היום פון רעוואָלוציאָנערן רוס-
לאַנד געשטאַנען אַ שטרייק פון די באַן-אַרבעטער, וועלכער איז אויסגעמיטן געוואָרן נאָר א דאַנק די ראַטן, ווייל די רע-
גירונג האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן יעדן אויטאָריטעט.

גלייכצייטיק מיטן דאָזיקן צעשטערערישן פּראָצעס אין לאַנד, מיט וועלכן די רעגירונג האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, איז כמעט אומעטום אָנגעגאַנגען א אייליקע אָרגאַ-
ניזירונג פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט גע-
דראָט דער רעגירונג פון דער צווייטער זייט. דער פּעטראָגראַ-
דער ראַט, די פעסטונג פון די מעסיקע פירער פון אָנהויב רע-
וואָלוציע, וועלכער האָט גענאָסן פון אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן אויטאָריטעט ביי דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, איז איבערגעגאַנ-
גען אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס. די אַלטע אָפּ-
געטער פון דער רעוואָלוציע — טשכעידזע, צערעטעלי, סקאָ-
בעלעוו, טשערנאָוו — האָבן געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר

די פירער פון דער לינקער דעמאָקראַטיע. אלס פּאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער ראַט, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף דער רעאַלער קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט און גאַרניזאָן, איז אויסגעקליבן געוואָרן טראָצקי. דורך דער מערהייט פון זיינע באָלשעוויסטישע און לינקע ס.-ר.-שע מיטגלידער ווערט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „יעדער קאָאַליציע-פּרווו באַדייט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ פולע קאַפּיטולאַציע פון דער דעמאָקראַטיע פאַר די קאָרנילאָוו-לייט. דעם אויסדרוק פון דערדאָזיקער קאַפּיטולאַציע שטעלט פאָר מיט זיך די איצטיקע רעגירונג, אין וועלכער ס'פאַרנעמען אַן אַנטשיידנדיקן אָרט די האַנדלס-אינדוסטריעלע — די פאַרביסענע שונאים פון דער דעמאָקראַטיע". דער פּעטראָגראַדער ראַט דערקלערט: „דער רעגירונג פון בורזשואַזער אַלמעכטיקייט און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער געוואַלט וועלן מיר נישט געבן קיין שום אונטערשטיצונג. דער אַלרוסישער ראַטן-צוזאַמענפאָר שאַפט אַן עכט רעוואָלוציאָנערע מאַכט". אַן ענלעכע שטעלונג האָבן אַלץ מער פאַרנומען אויך די פּראָווינציעלע ראַטן. לויט אינפאָרמאַציעס, למשל, פון דער אָפיציעלער צייטונג פון צענט. אויספיר-קאָמיטעט האָבן פון 165 רעזאָלוציעס פון פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס נישט ווייניקער ווי 115 זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. דאַביי האָבן זיך די זעלנערשע (ד. ה. פויערשע) אָרגאַניזאַציעס אָפטמאָל אַרויסגעוויזן לינקער פאַר די אַרבעטער: ווען די דעלעגאַציע פון רומענישן פראָנט, למשל, האָט זיך דעם 9-טן אָקטאָבער געשטעלט פאַרן פּעטראָגראַדער ראַט, האָט זי דערקלערט, אַז די זעלנער פאָדערן אַ תיכפדיקן שלום און די מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון די ראַטן, אין קעגנפאַל וועט די אַרמיי אַליין שליסן וואָפנשטילשטאַנד און אַוועקלייגן דאָס געווער.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן נייע דראָענדיקע דערשיינונגען אויפן פראָנט. דעם 29-טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן דער דעסאַנט פון דייטשע חילות אויפן באַל-

טישן ים-ברעג, ס'איז אויסגעבראָכן דער קאַמף פאַר די ים-צו-
גענג צו פעטראָגראַד און דער קאַמף אין ריגער איינגוס.
דער שונא האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג און זיך גערוקט פאָרויס.
דאָסמאָל האָט זיך העלדיש פאַרטיידיקט דער באַלטישער פלאָט,
פונקט ווי אין אויגוסט הינטער ריגע האָבן מיט גרויס אויס-
דויער געקעמפט די חילות פון צפון־פראָנט. פונקט ווי די לאַ-
טישן הינטער ריגע, האָבן איצט געקעמפט אין נאָמען פון דער
רעוואָלוציע די מאטראָסן — דיזעלבע, וועלכע וועלן אויך
אָנטיילנעמען אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און וועלן איר
שענקען דעם נצחון. אָבער בעתן דאָזיקן קאַמף זענען די מאַט-
ראָסן געשטאָרבן נישט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער
רעגירונג, וועלכע האָט דעמאָלט עקסיסטירט, נישט אין נאָמען
פון „רוסלאַנדס אָפּמאַך מיט די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן",
נאָר אין נאָמען פון דער צוקונפטיקער אַרבעטער- און פויערים-
רעוואָלוציע, וואָס זייערע חברים איז באַשערט געווען זי דורכ-
צופירן אין לעבן. אין אַ דאָקומענט, וואָס איז וונדערבאַר לויט
זיין קראַפט, האָבן זיי איבערגעלאָזן די שפורן פון זייערע
גרויסע איבערלעבונגען. דעם 5-טן אָקטאָבער האָט דער צווייי-
טער צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פון באַלטישן פלאָט באַ-
שלאָסן צו מאַכן דורכן ראַדיאָ-טעלעגראַף פאָלגנדיקע ווענדונג
צו די אונטערדריקטע פון אַלע לענדער. „ברידער, — האָט גע-
זאָגט די דאָזיקע ווענדונג — אין אַ גורל-שווערע שעה, ווען
עס קלינגט דער סיגנאַל פון שלאַכט, דער סיגנאַל פון טויט
שיקן מיר אייך אַ גרוס און אונזער לעצטע צוואה. אַטאַקירט
דורך גרעסערע דייטשע כחות, גייט אונזער פלאָט אונטער אין
נישט-גלייכן קאַמף. קיין איינע פון אונזערע שיפן וועט נישט
זוכן אויסצומיידן די שלאַכט, קיין איין מאַטראָס וועט נישט
אַראָפּ קיין באַזיגטער אויף דער יבשה. אונזער חוב איז צו
האַלטן פעסט דעם פראָנט און אָפּצוהיטן די צוגענג צו פעטראָ-
גראַד. מיר וועלן דערפילן אונזער חוב. מיר דערפילן אים נישט
אויפן באַפעל פון עפעס אַ נעבעכדיקן רוסישן באָנאַפּארט, וועל-
כער רעגירט בלויז מיטן גנאָד פון דער רעוואָלוציעס

געדולד. מיר גייען אין שלאַכט נישט כדי אויסצופירן די אָפּמאַכן פון אונזער רעגירונג מיט די פאַרבינדעטע. מיר דערפילן דעם העכסטן באַפעל פון אונזער רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין. און אונזער קאַמף מיט די היימישע רויבערס גיט אונז דאָס הייליקע רעכט צו רופן אייך, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, מיט אַ שטימע, וואָס איז פעסט פאַרן פּנים פון טויט, צום אויפשטאַנד קעגן אייערע אונטערדריקער. אין דער שעה, ווען די כוואַליעס פון באַלטישן ים פאַרבן זיך מיטן בלוט פון אונזערע ברידער, ווען די טונקעלע וואַסערן שליסן זיך איבער זייערע טויטע גופים, הויבן מיר אויף אונזער שטימע". נישט געקוקט אויפן דאָזיקן גרויסן העראָיזם האָט דער שונא געהאַלטן אין איין זיגן. ווי אין די אויגוסט־טעג איז אין פּעטראָגראַד ווידער אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות וועגן דעם, אַז די רעגירונג קלייבט זיך צו פאַרלאָזן פּעטראָגראַד און איבערפאָרן קיין מאָסקווע. דער פּאָליטישער זין פון דאָזיקן אָרט־שינוי האָט נישט געקענט ארויסרופן קיין שום ספקות: די רעגירנדיקע אויבערשטע שיכטן האָבן אַזוי אַרום געפּרוווט פּטור ווערן פון רעוואָלוציאָנערן דרוק פון די פּעטראָגראַדער מאַסן. צווישן די מאַסן איז אויפגעקומען די איבערצייגונג, אַז די בורזשואַזיע און די מיליטערישע רעאַקציע האָט זיך געקליבן אָפּגעבן דעם דייטשן אימפּעריאַליזם די „רויטע הויפּט־שטאָט", כדי דערנאָך, אויפן באָדן פון אַלגעמיינער פּאַניק, ווידער אָפּלייגן די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און איינשטעלן איר דיקטאַטור. די מאַסן האָבן מורא געהאַט פאַר דער איבערחזרונג פון קאָרנילאָווס נישט־געלונגענעם פּרווו אין אויגוסט, נאָכן פאַלן פון ריגע.

די דערקלערונגען פון אייניקע רעאַקציע־פירער, פון ראָדזיאַנקאָ, למשל, האָבן געגעבן פאַר דעם אַ גרונט. און די פּאַסיוויטעט פון ענגלישן פלאָט אין דער צייט פון נישט־גלייכן קאַמף פון באַלטישן פלאָט מיטן דייטשן — האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט די דאָזיקע איבערצייגונג. אַזוי אַרום איז די פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד געוואָרן די אוממיטלבאַרע אויפגאַבע

פון פעטראָגראַדער ראַט. דעם 9-טן אָקטאָבער האָט ער טאַקע אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן מחוץ דער רעגירונג, צוליב פאַרטיידיקונגס-צילן, אַ רעוואָלוציאָנערן שטאַב.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען עפנט זיך אויף דעם 7-טן אָקטאָבער דער „ראַט פון דער רעפובליק". די באַציונג צו אים מצד דער לינקער דעמאָקראַטיע איז געווען פאַרשידן. די באָלשעוויקעס האָבן אים גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פאַרלאָזן, דערקלערנדיק אין אַ רעזאָלוציע, אַז צוליב זיין קאָנסטיטוציע איז די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מאַכט ענטגילטיק פאַרפעסטיקט! אַזוי אַרום האָבן זיך די קאַדעטן דערנענטערט צו זייער ציל. ווען די צענז-עלעמענטן וואָלטן זיך געגרייט צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָלטן זיי זיך נישט אינטערעסירט אַזוי שטאַרק מיט דער פראַגע וועגן דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג. ס'איז קלאָר, אַז זייער אויפגאַבע באַשטייט אין אַרונטעררייסן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און אין אַ פאַרברעכערישער אויסערלעכער פּאָליטיק. מיט דער דאָזיקער רעגירונג פון בגידה לגבי דעם פאָלק קען די דעמאָקראַטיע נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס.

די לינקע ס.-ר.-ן אָבער, אַרויסגייענדיק פון דערזעלבער אָפשאַצונג פון אַלע לעצטע געשעענישן, האָבן פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק צו בלייבן אין ראַט פון דער רעפובליק, כדי אויך פון זיין טריבונע צו דעמאַסקירן די נייע מאַכט, כדי נישט דערלאָזן, זי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אויסשליסלעך אין אַ טריבונע פון די בורזשואַזע און מעסיק-דעמאָקראַטישע קרייזן, ביז איר גורל וועט נישט געלייזט ווערן דורכן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן דעם 20-טן אָקטאָבער. שוין אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג האָבן זיי דערקלערט אין אַ דעקלאַראַציע: „די דעמאָקראַטישע באַראַטונג, וועלכע איז קינסטלעך צונויפגעקליבן געוואָרן לויט צופעליקע סימנים, קען נישט לויט איר פּאָליטישן צוזאַמענשטעל פרעטענדירן אויף דעם, אויסצודריקן די אמתע מיינונגען און אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַ-

טיע. דער פּאָרפּאַרלאַמענט, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער דאָזיקער באַראַטונג און שפּיגלט אָפּ אין פולער מאָס די נישט געהעריקע פאָרשטייערשאַפט אויף דער באַראַטונג גופא, ווו דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס האָרעפּאַשנע פויערטום און די אַרמיי האָבן אפילו אויפן קלענסטן גראַד נישט באַקומען קיין פאָרשטייערשאַפט, וואָס זאָל שטיין אין הסכם מיט זייער ראָל און באַדייטונג אין לאַנד און אין דער רעוואָלוציע, — קען נאַטירלעך נישט פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון אַ עכט־פאָלקסטימלעכן רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַן. שטייענדיק אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט, באַטראַכטן די לינקע ס.־ר.־ן, ביים אַריינטרעטן אין פּאָרפּאַרלאַמענט, אַלס זייער הויפּט־אויפגאַבע די מעגלעכקייט אויסצונוצן אים פאַר די צילן פון קאַמף לטובת די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן".

מיט וואָס־זשע האָט זיך פאַרנומען דער דאָזיקער אויסטערלישער אינסטיטוט פון דער רעוואָלוציע? וועלכע פראַגן זענען געשטעלט געוואָרן, וועלכע פּלענער זענען רייף געוואָרן, וועלכע מענטשלעכע געשטאַלטן האָבן דורכגעשוועבט אין דאָזיקן לעצטן אינסטיטוט פון דער אָפּשטאַרבנדיקער בורזשואַזער רעוואָלוציע? באמנות, דאָ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט נישט דאָס לעבן, נאָר די לעצטע קאָנוווּלסיעס פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. פריער פאַר אַלץ, פאַרשטייט זיך, זענען אויפגעשווומען די פראַגן פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק. אָבער די דאָזיקע אויסערלעכע פּאָליטיק האָט געהאַט גאַנץ ווינציק־געמיינזאַמעס מיטן שלום. די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן האָבן אין יענער צייט בדעה געהאַט צונויפצורופן אַ קריגס־קאָנפערענץ, און די רוסישע רעגירונג האָט געהאָפט אויפהויבן אויף איר אויך די פראַגע וועגן רעווידירן די אָפּמאַכן. דאָס איז געווען אַלץ דערזעלבער שאָטן פון אַ קאָנפערענץ, מיט וועלכן אַלע צוזאַמענשטעלן פון דער רעגירונג האָבן איינגעוויגט די דעמאָקראַטיע. ס'איז אָבער נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז יעדער אָפּגערוקטער טערמין פון איר באַשטימונג האָט כסדר פאַרמינערט די האָפנונגען, אַז די אינטערעסן פון דער רוסישער דעמאָקראַ־

טיע וועלן גענומען ווערן אין אכט. די סתירותדיקע דערקלע־
רונגען פון די רוסישע מיניסטאָרן, דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער סטאָק־
האָלמער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, די מפּלות פון דער רו־
סישער אַרמיי אויפן פראָנט האָבן נאָך מער אילוזאָריש גע־
מאַכט דידאָזיקע האָפענונגען. פונדעסטוועגן האָט דער צענטר.
אויספיר־קאָמיטעט, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, זיך איינ־
גערעדט, אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ פון די גרויסמאַכטן קען
נוציק זיין פאַרן שלום, און דעם 8־טן אָקטאָבער נעמט ער אָן
א באַשלוס, אַז: „די רוסישע דעלעגאַציע זאָל זיך אויף איר
באַמיען צו רעווידירן די פאַרבינדעטע אָפּמאַכן אין גייסט פון
די פּרינציפּן, וועלכע זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער רו־
סישער רעוואָלוציע, צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע אָפּמאַכן און
אַרויסצוגעבן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ס׳ווערט אויסגעדריקט
די גרייטקייט תיכף צוצוטרעטן צו שלום־אונטערהאַנדלונגען...
די רוסישע דעלעגאַציע דאַרף אויך פאָדערן אומבאַדינגט ביי
די פאַרבינדעטע רעגירונגען עס זאָלן באַזייטיקט ווערן אַלע
שטערונגען, וועלכע שטייען אין וועג דער צונויפרופונג פון דער
סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ״. פונקט ווי די דעמאָלסטיקע רעגי־
רונג, וואָס האָט אַריינגענומען אין איר צוזאַמענשטעל פּאַרטייען,
וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט די פּאָליטיק פון די פאַרבינדעטע
גרויסמאַכטן, האָט געקענט זיך „איינשטעלן״ פאַר די פּרינציפּן
פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. אַן אומגלויבלעכער
אוטאָפּיזם האָט זיך דאָ פאַרייניקט מיט עפּעס אַ קרענקלעכן
געפיל פון פּאָליטישער זעלבסטנאַרעריי. דער באַוווסטזיין פון
דאָזיקן אוטאָפּיזם איז, ווי ס׳שיינט, נישט פרעמד געווען די פי־
רער פון צענטר. אויספיר־קאָמיטעט, ווייל זיי האָבן אַלס דעלע־
גאַציע־מיטגליד געשיקט אויך זייער פאָרשטייער, סקאָבעלעוון,
און פאַר אים האָבן זיי אויך אויסגעאַרבעט אַן אינסטרוקציע,
אין וועלכער עס זענען מער אָדער ווייניקער געניי באַהאַנדלט
געוואָרן די פּלענער פון אַלגעמיינעם שלום און פון זעלבסטבאַ־
שטימונגס־רעכט פון די פעלקער אין גייסט פון די רוסישע
רעוואָלוציע־פּרינציפּן. אָבער אויך די דאָזיקע נייע „דעראָבע־

רוגג״ פון דער דעמאָקראַטיע האָט געקענט אויסזען אַלס אַזאַ נאָר פאַר אַ נישט-געניטן אויג. וואָרום וואָס פאַרא זין האָט געקענט האָבן די דאָזיקע טאָפּלטע רוסישע פאַרשטייערשאַפט: אַן אָפיציעלע און אַ דעמאָקראַטישע? דער זין דערפון האָט געקענט זיין בלויז דער: די דעמאָקראַטיע פון רוסלאַנד איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון רוסלאַנד, אַלס מלוכה; די שטימע פון דער דעמאָקראַטיע איז אין ראַט פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן דערקלערט געוואָרן בלויז אַלס באַראַטנדיקע, אָבער נישט אַלס באַשליסנדיקע פאַר רוסלאַנד. רוסלאַנד אָבער האָט זיך געפונען אין פאַרקערטע באַדינגונגען: די צילן פון דער מלחמה זענען אין איר דיקטירט געוואָרן נישט דורך דער בורזשואַזיע, נאָר דורך דער זיגרייכער דעמאָקראַטיע. און איינציק-און-אַליין די דאָזיקע צילן האָבן געקענט באַטראַכט ווערן אַלס אָפיציעלע צילן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעפּובליק. די „דעראָבערונג״ פון צענטר. אויספיר-קאָמיטעט איז אין דאָזיקן פונקט געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אומקער צו מיליוקאָווס דיפּלאָמאַטיע.

אָבער אויך דאָס איז נאָך געווען ווייניק. באַלד ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אינסטרוקציע צו סקאָבעלעוון, איז זי דורך דער השפּעה־רייכער פאַרבינדעטער פּרעסע קריטיקירט געוואָרן דורך און דורך, אָנערקענענדיק פאַר אוממעגלעך אָנצושליסן זיך אָן אירע פּרינציפּן. און דער מיניסטער טערעשטשענקאָ אַליין האָט אין זיין אַרויסטרעטונג פאַרן ראַט פון דער רעפּובליק גענוג בולט באַוויזן, ווי אַזוי די רעגירונג באַציט זיך צו די צילן פון דער מלחמה און צו דער אינסטרוקציע צו סקאָבעלעוון. ער האָט דערקלערט, אַז דער ציל פון דער רוסישער סטראַטעגיע איז „ערגעץ-ווו צו זיגן, כדי אַלע זאָלן באַגרייפן, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון פאַרכאַפּונגס-שטרעבונגען קומט נישט פון שוואַכקייט, נאָר דערפון, וואָס דאָס איז דער אידעאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע״. קריטיקירנדיק די אינסטרוקציע צו סקאָבעלעוון האָט ער דערקלערט, אַז „די זעלבסט-באַשטימונגס-רעכט פון פּוילן, ליטע און לעטלאַנד איז

שווער צו פֿאַרשטיין אַנדערש ווי אין זין פֿון אומאָפּהענגיקייט אָבער אָן אַ נישט־פֿאַרפֿירנדיקן פּאָרם אויפֿן באַלטישן ים וועט זיך רוסלאַנד אומקערן צו די צייטן פֿון פּאַר פּיאָטר דעם גרויסן. דערדאָזיקער פּונקט שטייט אין סתירה צו די אינטערעסן פֿון רוסישן פֿאָלק. נייטראַליזירן די דורכגוסן (דאַרדאַנעלן), נישט דורכפֿירנדיק גלייכצייטיק אַ פֿולע אַלגעמיינע אנטוואָפֿנונג, הייסט ווידעראַמאָל גיין קעגן די אינטערעסן פֿון רוסלאַנד. אויף דערדאָזיקער פּראָגראַם איז מען נישט מסכּים אין אַ לע קרייזן פֿון דעמאָקראַטישן רוסלאַנד". אַזוי רעדט אַ דיפּלאָמאַט פֿון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, און ס'איז זיך נישט שווער פֿאָרצושטעלן נאָך דעם אַלעם, וואָס אַזוינס עס וואָלט גערעדט אויף דער קאָנפֿערענץ אין פּאַריז די רוסישע דעלעגאַציע. אויב די מאַסן האָבן זיך נאָך געניוטיקט אין איבעריקע באַווייזן, האָבן זיי געקענט זען, אַז נישט וועגן שלום, נאָר וועגן מלחמה און גרויסמאַכט־אויפֿגאַבן איז דאָ געוועזן די רייד. די ווייטערדיקע דערפֿאָלגן פֿון דער שלום־אַרבעט האָבן געקענט פֿאַרבונדן ווערן בלויז מיטן פֿאַלן פֿון אַזאַ רעגירונג.

דער פֿאָרפּאַרלאַמענט, פֿאַרשטייט זיך, האָט געלייגט אַכט אויף דער פֿ א ר ט ײ ד י ק ו נ ג פֿון לאַנד. ער האָט גערעדט וועגן דעם אַ סך טעג, ער האָט אויסגעהערט אַלע מיינונגס־ניואַנסן, וועלכע האָבן עקסיסטירט אין דערדאָזיקער פֿראַגע. ווען מ'איז אָבער צוגעטראָטן צו שטימען איז ער אין דער דאָזיקער פֿראַגע געבליבן, ווי בשעתו זיין מוטער — די דעמאָקראַטישע באַראַטונג, אָן אַ באַשלוס, אָן אַ רעזאָלוציע. די לאַנד־פֿאַרטיידיקונג און דאָס הויבן די קאַמפּס־פֿעיקייט פֿון דער אַרמיי זענען געווען טעמעס, וועלכע מ'האָט געוואָלט לייזן נישט אין ספּעציעל־טעכנישן זין, נאָר אין זין פֿון די פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פֿאַר זייער פֿאַרווירקלעכונג. די פֿאַרזאַמלונג האָט אַרויסגערוקט נישט ווייניקער ווי 5 פֿאָרמולן*),

*) צווישן זיי אויך די פֿאָרמול פֿון דער פּאַרטיי ס.־ר. (רעכטע), אין וועלכער ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן די מערהייט מיטגלידער פֿון פֿאָרפּאַרלאַמענט.

אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט באַקומען קיין מערהייט. דאָס איז געווען דעם 19־טן אָקטאָבער, שוין נאָך דער ערעפנונג פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע. און אַנדערש האָט מען זיך גאָרנישט געקענט ריכטן ביי יענעם קינסטלעכן צוזאַמענשטעל, וועלכער איז אין איר בכוונה געשאַפן געוואָרן. דאָס אָבער, וואָס דער פאָרפאַרלאַמענט האָט נישט געהאַט קיין מיינונג, האָט פאַנאַנדערגעבונדן די הענט דער רעגירונג.

פון דער אויסגעהאַלטענער לינקער דעמאָקראַטיע איז פאַרטראָטן געווען (אויב מ'זאָל נישט רעכענען די געציילטע מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן) בלויז די גרופע לינקע ס.־ר.־ן, וועלכע איז ארויסגעטראָטן לחלוטין אומאָפּהענגיק פון דער אָפיציעלער פאַרטיי. איר פאָרמול האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט פאָלגנדיקס: „אַן אַרמיי, אין וועלכער די דיסציפּלין פון טויטן צוואַנג איז נאָך ביז היינט נישט פאַרביטן געוואָרן דורך אַן אינערלעכער רעוואָלוציאָנערער פאַרבונדנקייט, איז נישט בכח אָפּט צו שטעלן אַ פעסטן ווידערשטאַנד. אויפן באָדן פון אַנטוישונג צוליב דער פאַרצויגענער מלחמה ווערט צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן אַנטוויקלט אַ דעמאַגאָגישע אַגיטאַציע, וועלכע שטעלט אין סכנה די אָרדנונג גופא פון דער רוסישער רעפּובליק. און די רעגירונג, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך געהיימע אונטערהאַנדלונגען, און וועלכע נעמט אַריין אין זיך אָפענע און געהיימע פיינט פון דער רעוואָלוציע, איז אין דערזעלבער צייט נישט בכח צו אַנטשליסן זיך אויף קיין איינעם פון די ראַדיקאַלע מיטלען, וועגן וועלכע עס שרייט צום הימל דער אַקטועלער מאָמענט פון דער רעוואָלוציע. די דער פאַרבלייבט אין די הענט פון רויבערישן גוט־באַזיצער־קלאַס, שאַפנדיק דורכדעם אַ וועג פאַר די שטראָמען פויערים־אויפשטאַנדן, וועלכע פאַרגיסן דאָס לאַנד. די פאַבריקן און באַטריבן, וועלכע שטייען אין דינסט פון די בלוטיקסטע פאָלקס־באַדערפענישן, פאַרבלייבן ביז אויף היינטיקן טאָג אין אומקאָנטראָלירבאַרן רשות פון די אינדוסטריעלע קרייזן, וועלכע לאָזן אין גאַנג די לאָקאַוטן־סיסטעם און ברענגען דורכדעם צו אַרבעטסלאָזיקייט. די אַרמיי, וועלכע האָט נאָר־וואָס אָפּגעשלאָגן דעם קלאַפּ פון קאָרנילאָוו־

בונט, קען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון דער קאָרנילאָוו-שטשינע, וועלכע צעפרעסט זי פון אינעווייניק, צוליב דער שולד פון דער העכערער מאַכט. די צילן פון דער מלחמה זענען נאָך היינט פאַר דער אַרבעטנדיקער דעמאָקראַטיע נישט ווינציקער געהיים, ווי אין די צאַרישע צייטן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען נישט מעגלעך קיין שום ווירקזאַמע מיטלען, וועלכע זאָלן קענען פירן צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע און צו הויבן די קאַמפּס-פעיקייט פון דער אַרמיי. נאָר די בילדונג פון אַ איינהייטלעכער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וועלכע האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערגעריסן מיט די אינטערעסן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, וועט קענען אַרויספירן די רעוואָלוציע פון בלוטיקן טעמפּן ווינקל פון מלחמה און ווירטשאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע דערנענטערט זיך מיט אַלץ שנעלערע טריט".

פון דער אַלגעמיינער צאָל 279 מיטגלידער פון פאָרפּאַרלאַמענט האָט די דאָזיקע רעזאָלוציע באַקומען 38 שטימען.

כדי זיך פאָרצושטעלן דעם אמתן פּרצוף פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע איז גענוג צו דערמאָנען, אַז איינער פון די קאַדעטישע רעדנער, סטרווע, האָט אויף דער פראַגע פון לינקס: „ווער איז קאָרנילאָוו?" געענטפערט: „קאָרנילאָווס נאָמען האַלטן מיר פאַר לחלוטין ערלעך, און פאַרן דאָזיקן ערלעכן נאָמען וועלן מיר אָפּגעבן אויך דאָס לעבן". ביים דערמאָנען קאָרנילאָווס נאָמען האָבן אַלע „דעמאָקראַטישע" קרייזן פון פאָרפּאַרלאַמענט, אָנהויבנדיק פון די זעמצעס, קאָזאַקן, קאַדעטן ביז די פאָרשטייער פון האַנדלס-אינדוסטריעלע קרייזן איינשליסלעך, אויסגעבראַכן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. צי דאַרף מען זיך דען וווּנדערן ביי אַזאַ שטימונג פון דער „געזעצגעבערישער" אינסטיטוציע, וואָס די רעגירונג האָט נישט געקאָנט דולדן אין אירע רייען אַ מיניסטער — אַ דעמאָקראַט, דעם קריגס-מיניסטער ווערכאָווסקי. דערדאָזיקער מיניסטער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט דורך זיינע האַנדלונגען אין די קאָרנילאָוו-טעג, וועלכער האָט אַרויסגערופן ביי דער דעמאָקראַטיע צוטרוי דורך זיינע פּלענער צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי, האָט אָבער דערקלערט, אַז כדי אויפצולעבן די אַרמיי איז

קודם כל נויטיק אן ערלעכע און אנטשלאָסענע שלום-פּאָליטיק. דערפאַר איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די רעגירונג.

און צולעצט, אויך מיט דער פראַגע וועגן באָדן האָט זיך פאַרנומען דער פאַרפאַרלאַמענט. ווי אַזוי אָבער האָט ער זיך מיט איר פאַרנומען? אין יענער צייט האָט זיך די כוואַליע פון אַגראַר-אומרוען איבערגעגאָסן פון איין גובערניע אין דער צווייטער, איבערגייענדיק ערטערווייז אין אויפשטאַנדן. דער קלאַסן-קאַמף אין דאָרף האָט זיך אַלץ ברייטער פאַנאַנדערגעוואַקסן. אין דער צייט, וואָס די פּויערים האָבן אייגנמעכטיק, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף דער אַלגעמיין-מלוכהשער לייזונג פון דער פראַגע, איבערגעגעבן דעם באָדן אין רשות פון די ערד־קאָמיטעטן, האָבן די רעגירונגס-קאָמיסאַרן פון אַ סך ערטער מיט אַלערליי מיטלען באַקעמפּט די דאָזיקע „אַנאַרכיע". למשל, דער קאָמיסאַר פון דאָנער ארמיי-געגנט, דער קאַדעט וואָראָנקאָוו, האָט געבעטן ביי דער רעגירונג אַ פּ צ ו ש ט ע ל ן די טעטיקייט פון די ערד-קאָמיטעטן! דער איינציקער מיטל אויף צו באַרויקן דעם אויפגעבראַוזיטן פּויערשן ים וואָלט אָבער געווען די תיכפדיקע פאַרעפנטלעכונג פון אַ געזעץ וועגן איבערגעבן די ערד־שטחים אין רשות פון די ערד-קאָמיטעטן. ווי מיר ווייסן האָט וועגן דאָזיקן געזעץ אָן דערפאָלג זיך באַמיט טשערנאָוו. איצט איז ער באַאַרבעט געוואָרן דורכן נייעם מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט, דעם רעכטן ס.-ר. סעמיאָן מאַסלאָוו. אָבער די צייטווייליקע רעגירונג האָט אויך דאַסמאָל, צוליב איר קאָאַליציע-צוזאַמענשטעל, נישט דורכגעלאָזן דעם דאָזיקן געזעץ. זי האָט גערופן צו הילף איר באַליבטן מיטל; זי האָט אים איבערגעשיקט פון איין קאָמיסיע אין דער צווייטער. דעם 20-טן אָקטאָבער. האָט דער לינקער ס.-ר. קאָלעגאַעוו גערעדט אין ראָט פון דער רעפּובליק: „נעכטן איז דידאָזיקע פראַגע באַטראַכט געוואָרן אין דער רעגירונג, מ'האָט זי אָבער ווידער איבערגעשיקט אין דער צייטווייליקער קאָמיסיע אויף „אויסצובעסערן". ס'איז אומבאַקאַנט ווען און אין וואָסער פאָרם זי וועט ווידער אַרויסשווימען פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, ווייל מ'שניידט פון איר אָפּ כסדר אַלץ נייע שטיקער". דער פאַרפאַרלאַמענט האָט גאָרנישט

געקענט טאָן, כּדי צוצואײַלן די דורכפירונג פון דאָזיקן געזעץ.

דערפאַר אָבער האָט זיך דאָס לאַנד דערוווּסט, מיט וועלכע מיטלען די רעגירונג רעכנט צו באַקעמפן די פויערשע און די איבעריקע „אַנאַרכיע". דער מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, „דער נישט־פאַרטייאישער סאָצ.־דעמאָקראַט" ניקיטין, האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו די קאָמיסאַרן אוף דער פּראָווינץ אַ צירקוליאַר, אין וועלכן ער האָט אויפגעפאָדערט זיך געבן מי, כּדי צו פאַרייניקן די געזונטע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג פאַרן קאַמף קעגן דער אַנאַרכיע". וועמען־זשע האָט די רעגירונג אין יענער עפּאָכע באַטראַכט פאַר „געזונטע עלעמענטן"? ניקיטין האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון: „איך לייג אייַך פאָר" — האָט זיך פאַרענדיקט זיין צירקוליאַר — „צו בילדן ביי זיך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אויף צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע, אין וועלכן עס זאָלן אַריינגיין פאַרשטייער פון מוניציפּאַליטעט, דער שעף פון אָרטיקן גאַרניזאָן און אַ פאַרשטייער פון דער געריכטס־מאַכט". ווי מ'זעט, האָט די רעגירונג געהאָפט צו פאַרוואַלטן מיטן לאַנד אָן די ראַטן און אין תוך גענומען — קעגן די ראַטן, ווייל ווי מיר דערמאָנען זיך — נאָך דער אונטערדריקונג פון דער קאָרנילאָווּשטשינע איז אין זייער האַנט פאַרבליבן נישט נאָר די מאָראַליש־פּאָליטישע, נאָר אויך די פיזישע קראַפט: לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז אין די קרייזן פון פאָרפּאַרלאַמענט גופא איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פּראָיעקט צו געבן אויסערארדנטלעכע פולמאַכטן די מוניציפּאַליטעטן (אָבער נישט די ראַטן) פאַר דעמזעלבן קאַמף מיט דער „אַנאַרכיע".

צי דען קען מען זיך פאָרשטעלן אַ מער אויסטערליש בילד פון פּאָליטישער בלינדקייט? די דאָזיקע בלינדקייט און אָנמעכטיקייט האָבן געבילדעט דעם כאַראַקטער־שטריך אויך פון דער לעצטער צייטווייליקער רעגירונג און פון פאָרפּאַרלאַמענט, וועלכער האָט ביי איר עקסיסטירט. דער אָקטאָבער־אויפשטאַנד האָט זיי ביידן צוגעגרייט אַ געמיינזאַמען גורל.

ערב דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע

אין יענער צייט האָבן זיך כסדר געמערט די סימנים פון דער אַנוואַקסנדיקער פאָלקס-באַוועגונג. דעם 11-טן אָקטאָבער איז אין פּעטראָגראַד פאָרגעקומען דער קרייז-צוזאַמענפאָר פון די צפון-ראטן, אויף וועלכן עס זענען פאָרטראָטן געווען אַלע גרעסערע ראַטן פון פינלאַנד און פון צפון-קרייז, וואָס ליגט נאָנט צו פּעטראָגראַד.*) אַלע דעלעגאַטן האָבן נאָך דער ריי נאָך דערקלערט וועגן דער פעסטער אַנטשלאָסנקייט פון זייערע ראַטן צו קעמפן פאַרן תיכפדיקן איבערגאַנג פון דער מאַכט צו דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. דער דעלעגאַט פון באַלטישן פלאָט האָט מודיע געווען, אַז דער פלאָט זאָגט זיך אָפּ צו דערפילן די באַפעלן פון דער צייטווייליקער רעגירונג, און אַז אויב די מאַכט וועט נישט איבערגיין צו די ראַטן, וועלכע וועלן פירן אַן אַקטיווע פּאָליטיק אויף צו שליסן שלום, וועט דער פלאָט געצוווּנגען זיין אַליין אָנצונעמען שריט אויף צו שליסן וואַפנשטילשטאַנד. דער העלסינגפאָרסער און קראָנשטאַטער ראַטן האָבן דערקלערט, אַז פאַקטיש באַזיצן זיי שוין די אומבאַשרענקטע מאַכט און אַז קיין שום פאַראָרדנונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג ווערט נישט דערפילט אָן דער סאַנקציע פון די ראַטן.

די רעוואָלוציאָנערע שטימונג און קאַמפס-גרייטקייט פון דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן, אַזוי אַרום, שוין נישט דערוועקט קיין שום ספקות. די רעזאָלוציע, וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, האָט געפאָדערט, אַלס איינציקן מיטל צו מציל זיין דאָס לאַנד, תיכף איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פון די רעוואָלוציע-אָרגאַנען — צו די ראַטן אין צענטר

---

*) צוויי-דריטל צוזאַמענפאָר זענען געווען באָלשעוויקעס, דער רעשט דעלעגאַטן זענען געווען לינקע ס.-ר.-ן.

אין אויף די ערטער. „אַ ראַטן-רעגירונג" — האָט געזאָגט די דאָזיקע שרעקלעכע רעזאָלוציע — „וועט תּיכף פֿאַרלייגן אין רוסלאַנדס נאָמען אַ וואַפֿנשטילשטאַנד אויף אַלע פֿראָנטן און אַ ערלעכן דעמאָקראַטישן שלום אַלע פֿעלקער, זי וועט תּיכף איבערגעבן אַלע ערד-שטחים און דעם לעבעדיקן אינווענטאַר די ערד-קאָמיטעטן ביז דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג, און וועט צונויפֿרופֿן אין באַשטימטן טערמין אַ געוויילטע גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג". „די צייט פֿון ווערטער איז אַוועק" — איז געוואָרן צום סוף פֿון דער דאָזיקער רעזאָלוציע, וועלכע האָט געדאַרפֿט דינען אַלס קאַמף-סיגנאַל אין מאָמענט, ווען ס'וועט געעפֿנט ווערן דער ראַטן-צונויפֿפֿאָר דעם 20-טן אָקטאָבער.

דעם 19-טן אָקטאָבער האָט דער מאָסקווער ראַט אָנגענומען אַ באַצייכנענדיקן באַשלוס. אין שייכות מיטן שווערן קלאַסן-קאַמף, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין מאָסקווער אינדוסטריע-געביט צווישן די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, באַשליסט דער ראַט: „די קאַפּיטאַליסטן שאַפֿן אַ גראַנדיעזן לאָקאַוט, אַרבעטסלאָזיקייט. די רעגירונג שטיצט נישט אונטער די אַרבעטער, נאָר זי טרעט אַרויס אָפֿן קעגן זיי. דער ראַט, אַרויסגייענדיק פֿון דאָזיקן פֿאַקט 1) *דעקרעטירט* צו באַפֿרידיקן די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער אין די אינדוסטריע-צווייגן, ווו עס גרייט זיך, אָדער עס קומט שוין פֿאָר אַ שטרייק; 2) פֿאָדערט אויף די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרייניגן צו פֿאַרווירקלעכן במעשה די פֿאַראָרדנונגען פֿון די דעקרעטן אין די באַטריבן און פֿאַבריקן; 3) שטעלט די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע סאַבאָטירן די פּראָדוקציע, אונטער דער דראָונג פֿון אומפֿאַרמיידלעכן אַרעסטירט ווערן דורך די ראַטן; 4) נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל ביים שאַפֿן *קאַמפּס-אָרגאַנען* אויף איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פֿון דער דעמאָקראַטיע". אין דאָזיקן באַשלוס איז צום ערשטן מאָל פֿאַרווירקלעכט געוואָרן „די מאַכט פֿון די ראַטן": זיי האָבן שוין דאָ נישט געקעמפֿט פֿאַר מאַכט, זיי האָבן שוין געהאַנדלט ווי אַ מאַכט. דער דאָזיקער באַשלוס האָט זיך אונטערשיידט פֿון אַלע ביז איצטיקע פֿעטראָגראַדער רעזאָ-

לוציעס דורכדעם, וואָס ער האָט זיך שוין פֿאַרנומען נישט נאָר מיטן פּאָליטישן קאַמף, נאָר ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק דעם סאָציאַלן ווילן פֿון די האָרעפּאַשנע קלאַסן. די עקסטרעמע דעמאָקראַטיע האָט דאָ שוין מער נישט אָנגענומען באַשלוסן, נאָר דעקרעטירט. דאָס איז געווען דער ערשטער בליץ פֿון אָנקומענדיקן אָקטאָבער־שטורעם.

און וואָס האָט אין יענער צייט געטאָן דער רעוואָלוציאָנערער פּעטראָגראַד? ער האָט זיך געגרייט צום ראַטן־צוזאַמענפֿאָר. אָבער די פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער דעמאָקראַטיע האָבן זיך געגרייט צו אים פֿאַרשידן. די מענשעוויקעס און רעכטע ס.־ר.־ן האָבן געפֿירט קעגן אים אַ פֿאַרשטאַרקטע קאַמפּאַניע. די אָפֿיציעלע צייטונג פֿון צענט. אויספֿיר־קאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן אַרטיקל, אין וועלכן זי האָט באַוויזן, אַז די ראַטן, אַלס פּאָליטישע אָרגאַנען, האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט. די מוניציפּאַליטעטן אויף די ערטער דאַרפֿן פֿאַרנעמען זייער אָרט; און די ראַטן דאַרפֿן זיך פֿאַרוואַנדלען אויסשליסלעך אין פּראָפֿעסיאָנעל־פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען פֿון די אַרבעטס־קלאַסן. אין צענטר אָבער דאַרף די מלוכה־מאַכט ביז דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג געהערן דער רעגירונג און דעם פֿאָרפּאַרלאַמענט. דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט, אַז די ראַטן זאָלן זיך אַליין באַזייטיקן איז, פֿאַרשטייט זיך, געשטאַנען אין אַ שאַרפֿער סתירה צו זייער צענויפֿגערופֿענעם צוזאַמענפֿאָר אויפֿן 20־טן אָקטאָבער, ווייל דער צוזאַמענפֿאָר האָט, אדרבה, געדאַרפֿט פֿאַרשטאַרקן זייער פּאָליטישע השפּעה. פֿאַרן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר האָבן די מעסיקע סאָציאַליסטן שטאַרק מורא געהאַט, ווייל ביי דער הערשנדיקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פֿון די ראַטן — האָט קיין ספֿק נישט געקענט זיין וועגן זיינע פּאָליטישע באַשלוסן. קעגן דער קאָאַליציע, וועלכע ווערט מיט געוואַלט אָנגעוואָרפֿן דעם לאַנד, וואָלט דער ראַטן־צוזאַמענפֿאָר, פֿאַרשטייט זיך, בולט, שאַרף און מיט אויטאָריטעט פֿאָרמולירט די פֿאָדערונגען פֿון דער דעמאָקראַטיע וועגן אַן איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער רעגירונג און אַ רעוואָלוציאָנע-

דער פּאָליטיק. קעגן אזא באַשלוס וואָלט נישט געקענט בײַשטיין די פּאָליטישע סיסטעם, וועלכע איז קינסטלעך געשאַפן געוואָרן דורך די מעסיקע סאָציאַליסטן. אָט פאַר דעם טאַקע האָבן זיי מורא געהאַט און דעריבער מיט אַלע מיטלען געקעמפט קעגן צענויפרופן דעם צוזאַמענפאָר און דערנאָך קעגן זײַן מאָראַלישער באַדײַטונג. זייער הויפט־מאָטיוו איז געווען דער, אז דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר וועט שטערן צענויפצורופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

פון דער צווייטער זייט האָבן די באָלשעוויקעס זיך געגרייט אויפן ראַטן־צוזאַמענפאָר נישט נאָר צו באַהאַנדלען די לאַגע פון לאַנד און אָננעמען א רעזאָלוציע, נאָר אויך איבערצוגעבן די מאַכט די ראַטן. דער 20־טער אָקטאָבער איז בײַ זיי געווען א טערמין פאַר דער מלוכה־איבערקערעניש. און אַזוי ווי מ'האָט געקענט פאָרויסזען, אַז קערענסקיס רעגירונג, זיך שטיצנדיק אויפן פאָרפּאַרלאַמענט, וועט זיך אָפּזאָגן אונטערצוואַרפן דעם באַשלוס פון צוזאַמענפאָר, האָבן די באָלשעוויקעס זיך פאַקטיש געגרייט צו א באַוואָפנטער מלוכה־איבערקערעניש. מיר האָבן שוין געזען סימנים פון דער דאָזיקער צוגעגרייטער געשעעניש אין די רעזאָלוציעס פון צפון־צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. אין זייערע צאָלרייכע אַרויסטרעטונגען פאַר די מאַסן האָבן די באָלשעוויסטישע פירער נישט באַהאַלטן זייערע כוונות. „דער בירגער־קריג — האָט טראָצקי דערקלערט דעם 18־טן אָקטאָבער — ליגט אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון אונזער געזעלשאַפט. ווען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך צוריקגעצויגן פון בירגער־קריג, טאָ וואָלט דער רעכטער פליגל געמאַכט אַן אָנגריף אויף דער רעוואָלוציע און דאָס וואָלט אַרויסגערופן דעם בירגער־קריג. די בורזשואַזיע רייסט אַרונטער די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דער פּראָלעטאַריאַט, די אַרמיי און דאָס פויערטום קענען קעמפן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נאָר דורך איבערנעמען די מאַכט. מ'דאַרף דאָס באַגרײַפן און זאָגן, אַז דער בירגער־קריג איז אומפאַרמײַדלעך. מ'דאַרף אים נאָר אָרגאַניזירן אין די

אַרבעטער-אינטערעסן, אָבער נישט מורא האָבן". לענין האָט אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען באַוויזן די רעכטצייטיקייט פון אַ אויפשטאַנד. בלויז אַ געוויסע טייל באָלשעוויקעס האָט זיך אין יענער צייט ארויסגעזאָגט פאַר די מאַסן קעגן אַן אויפשטאַנד. די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס איז, הייסט עס, געווען אַזאַ: אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד, צוגעגרייט צום ראַטן-צוזאַמענפאָר, אויף צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין נאָמען פון די אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע קלאַסן, און, אגב אורחא, כדי צו זיכערן די צענויפרופונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

די לינקע ס.-ר.-ן זענען נישט מסכים געווען נישט מיט דער ערשטער, נישט מיט דער צווייטער פּאָזיציע. קעגן פּאַק-טישן באַיקאָט פון די ראַטן, וועלכן די מעסיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געפירט, האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו דערקלערן די מאַסן וועגן דער נויטווענדיקייט צענויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר פון די ראַטן און זיי איבערגעבן די מאַכט. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, מיט דער פאַרטיפונג פון פּאָליטישן באַוווסטזיין ביי די האָרעפּאַשנע קלאַסן איז די ראָל פון די ראַטן נישט נאָר נישט קלענער געוואָרן, נאָר זיך נאָך פאַרגרעסערט.

אָבער רופנדיק די מאַסן צום ראַטן-צוזאַמענפאָר און צום קאַמף פאַר איבערגעבן די גאַנצע מאַכט די ראַטן, זענען די לינקע ס.-ר.-ן גלייכצייטיק געווען קעגנער פון באַשטימען דעם אויפשטאַנד אויפן דאָזיקן מאָמענט. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, געוווסט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון די מאַסן, זיי האָבן אָבער נישט געוווסט, ווי אַזוי די מאַסן וועלן זיך אָפּרופן אויפן רוף צום אויפשטאַנד. זיי האָבן געזען די קאַמפס-גרייטקייט פון די גרויסע שטעט, פון די הויפּט-שטעט, פון אַ טייל אַרמיי, זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק געוווסט, אַז דער דערפאָלג פון אויפ-שטאַנד הענגט אָפּ פון דער פּראָווינץ. לויט דער דערפאַרונג פון 3—5-טן יולי האָבן זיי, און צוזאַמען מיט זיי אויך אַ טייל באָלשעוויקעס, מורא געהאַט, אַז דער דורכפאַל פון אויפשטאַנד וועט ווידער אָפּוואַרפן די רעוואָלוציע צוריק, וועט ווידער ברענ-

עגן צו די כחות די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון לאַנד־
„ווען מיר וואָלטן געהאַלטן — האָט דערקלערט קאַמקאַוו —
אַז די לאַגע פון דער רעוואָלוציע איז האָפנונגסלאָז, אַז ס׳בלייבט
מער נישט איבער ווי אָדער אַלץ פאַרלירן, אָדער ווירדיק אומ־
קומען, וואָלטן מיר זיך נישט אָפּגעזאָגט — לויטן ביישפּיל פון
דער פּאַריזער קאָמונע—אַריינצושרייבן אין דער געשיכטע דאָס
דאָזיקע העראָישע זייטל. אָבער די לאַגע איז גראָד א פאַר־
קערטע. די דעמאָקראַטיע דאַרף אויפנעמען דעם קאַמף ביי די
גינסטיקסטע באַדינגונגען פאַר איר, און דידאָזיקע באַדינגונ־
גען זענען נאָך איצט נישטאָ. זי וועט זיך איצט פעסטיקן אויף
איר ראַטן־צוזאַמענפאָר און זי וועט דעם קאַמף צוגרייטן צו
יענעם מאָמענט, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, מיט
וועלכער עס זענען פאַרבונדן די גרעסטע און לעצטע דערוואַר־
טונגען פון די האָרעפּאַשנע, און באַזונדערס פון די פּויערישע
מאַסן, וועט אָדער אָפּנאַרן, אָדער זי וועט זיך נעמען וואַקלען
אין איר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, אָדער ביים בילדן די מאַכט.
הייסט דאָס דען אָבער, אַז ביז דאַן וועט די דעמאָקראַטיע
דולדן די בגידה פון די פאָלקס־אינטערעסן מצד דער איצטיקער
„רעגירונג”? חלילה! דער ראַטן־צוזאַמענפאָר וועט ביזן גרונט
דעמאַסקירן די דאָזיקע רעגירונג, און דאַן וועט מען אויף די
ערטער אָננעמען נאָר די פון די רעגירונגס־פאַראָרדנונגען,
וועלכע וועלן נישט שטיין אין סתירה צו די אמתע פאָלקס־
נויטבאַדערפעניש; אלדאָס איבעריקע וועט אָפּגעוואָרפן ווערן”.

צוליב דידאָזיקע מאָטיוון האָבן זיך די לינקע ס.־ר.־ן
אַרויסגעזאָגט קעגן אַ תיכּפדיקן (ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג)
אויפשטאַנד, אויף איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פון
פאָלק. ס׳פאַרשטייט זיך אָבער, אַז סיי זיי אַליין, סיי די באָל־
שעוויקעס זענען געווען זיכער, אַז אין פאַל ווען דער אויפ־
שטאַנד וועט פאָרט אויסברעכן, וועלן זיי אָנטיילנעמען אין אים,
מיטווירקן און העלפן צו זיין נצחון, וואָס זיי האָבן טאַקע דער־
נאָך דערוויזן. די פראַגע וועגן אויפשטאַנד איז, אַזוי אַרום,
געווען פאַר זיי אַ פראַגע נישט פון פּרינציפּ, נאָר אַ פראַגע

וועגן פּאָליטישער און טעכנישער רעכטצייטיקייט. זייערע ספקות האָט געטיילט אויך א טייל באָלשעוויקעס.

אין דערזעלבער צייט, ווי ס'זענען אָנגעגאַנגען דידאָזיקע אידעען־שטרייטן צווישן דער דעמאָקראַטיע, האָט איר עקסטרעמער פליגל ממשיך געווען זיינע רעוואָלוציאָנערע, צוגרייטנדיקע האַנדלונגען. ווי מיר געדענקען, האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט באַשלאָסן צו נעמען אין זיינע הענט די פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט פון דער רעוואָלוציע, נישט געטרויענדיק די האַנדלונגען פון דער רעגירונג און פון דער העכסטער אַרמיי־קאָמאַנדע. פונקט אין דערדאָזיקער צייט האָט דער קאָמאַנדיר פון צפון־פראָנט, וועלכער איז געוואָרן באַזונדערס עמפּינדלעך נאָך די לעצטע דייטשע נצחונות, געפאָדערט מ'זאָל אַרויספירן אויפן מלחמה־פראָנט דעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן. דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר אן אָנפאַל מצד דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין פאַל פון זיין פאַרלאָזן פּעטראָגראַד, האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם קאָמאַנדע־באַפעל און איבערגעגעבן די אַנטשיידונג פון דער פראַגע דעם פּעטראָגראַדער ראַט. היות די אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס פון צפון־פראָנט האָבן אויך געוואָלט אָנטיילנעמען ביים אנטשיידן די דאָזיקע פראַגע, איז דעם 17־טן אָקטאָבער אין פסקאָוו פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון קאָמאַנדיר־שטאַב, פון די אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס און פון די פאָרשטייער פון פּעטראָגראַדער ראַט. די ערשטע האָבן געטענהט, אז די פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד גייט אַריין אין אַלגעמיינעם פאַרטיידיקונגס־פּלאַן פון צפון־פראָנט און דעריבער דאַרף דער פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן זיך אונטערווארפן דער פאַראָרדנונג פון דער קאָמאַנדע. די צווייטע, ווי מיר ווייסן, האָבן געהאַט זייערע פּאָליטישע ספקות און א גאַנצע ריי אַנדערע אויסרעכנונגען. קיין שום באַשלוס איז דאָ נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן.

פון דער צווייטער זייט האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט שוין דעם 12־טן אָקטאָבער אָנגענומען א פּלאַן צו אָרגאַניזירן דאָס פּעטראָגראַדער מיליטער אין שייכות מיט דער פאַרטייד־

קונג, און ער האָט באַשלאָסן צו בילדן אַ קריגס־רעוואָלוציאָ
נערן קאָמיטעט. דעם דאָזיקן אָרגאַן איז אין אַ קורצער צייט
אַרום באַשערט געווען צו ווערן דער אָרגאַן פון אויפשטאַנד.
דעם 22־טן אָקטאָבער האָט דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמי־
טעט באַשטימט אין אַלע פעטראָגראַדער מיליטער־טיילן זיינע
קאָמיסאַרן. גלייכצייטיק דערמיט האָט ער פאַרעפנטלעכט די
פאָלגנדיקע מעלדונג צו דער פעטראָגראַדער באַפעלקערונג: „אין
די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע־פאַרטיידיקונג האָבן מיר
באַשטימט קאָמיסאַרן ביי די מיליטער־טיילן און אין באַזונדערס
וויכטיקע פונקטן פון דער הויפּטשטאָט און איר אומגעגנט. די
באַפעלן און פאַראָרדנונגען, וועלכע נעמען אַרום דידאָזיקע
פונקטן, דאַרפן אויסגעפירט ווערן ערשט נאָך זייער באַשטעטי־
קונג דורך די קאָמיסאַרן. די קאָמיסאַרן, אַלס פאַרשטייער פון
ראַט, זענען אומבאַריר לעך".

דאָס איז געווען אַן אָפענע קריגס־דערקלערונג דער צייט
ווייליקער רעגירונג, ווייל דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט
האָט גערופן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רעגירונג און ער
האָט פאַקטיש באַזייטיקט פון מלוכה־אַרבעט אירע פאַרשטייער.
קערענסקיס רעגירונג האָט טאַקע אַזוי אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן
אַקט. און דעריבער האָט זי באַשלאָסן תיכּף צו אונטערדריקן
די אַנטשטאַנענע באַוועגונג. דעם 24־טן אָקטאָבער איז קערענ־
סקי דערשינען אין ראַט פון דער רעפּובליק און געפאָדערט צו־
שטימען צו די שריט פון דער רעגירונג, וועלכע זענען אָנגע־
נומען געוואָרן אין קאַמף מיטן פעטראָגראַדער ראַט, און אין
דער ערשטער ליניע צו אַרעסטירן די מיטגלידער פון קריגס־
רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. און דאָס אינטערעסאַנטסטע איז באַ־
שטאַנען אין דעם, וואָס אפילו אין דערדאָזיקער אינסטיטוציע,
וועלכע האָט, לויטן פּלאַן פון אירע שעפער, געדאַרפט עקסיס־
טירן ביי דער רעגירונג, האָט קערענסקי נישט געפונען קיין
אונטערשטיצונג. זיין רעגירונג און ער גופא האָבן זיך שוין
אויף אַזוי וויַיט אָפּגעריסן פון דער דעמאָקראַטיע (אפילו פון דער
מעסיקער), צו יענער צייט האָט זיך שוין זיין מאַכט אויף אַזוי

ווייט פאַרוואָגלט אין אַ מאַסקע פון דער בורזשואַזער מאַכט, אַז ער האָט נישט געקענט געפינען קיין געמיינזאַם לשון אפילו מיטן דאָזיקן אומבאַשטימטסטן, אומאַנטשלאָסנסטן, איבערגעשראָקנסטן אינסטיטוט פון דער רעוואָלוציע. אַלס ענטפער אויף דער פאָדערונג פון צוטרוי און אומבאַשרענקטע פולמאַכטן אויף אָפּצורעכענען זיך מיט דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, פאַר אַ בירגער־קריג, האָט ער באַקומען די רעזאָלוציע פון פאָרפּאַרלאַמענט, אין וועלכער ס'איז געפאָדערט געוואָרן פון דער רעגירונג אַן אַקטיווע קריגס־פּאָליטיק און דאָס איבערגעבן די ערד־שטחים אין רשות פון די ערד־קאָמיטעטן. אַזוי אַרום האָט די רעגירונג פון דער מעסיקער דעמאָקראַטיע באַקומען אַן אָפּזאָג אין אונטערשטיצונג; דערפאַר האָט זי פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיע, וועלכע איז פאַרטראָטן געווען אין פאָרפּאַרלאַמענט, דערהערט יענץ וואָרט, מיט וועלכעס עס איז דורכגעדרונגען געווען די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער פון לאַנד. דער לינקער ס.־ר. קאַמקאָוו האָט אין נאָמען פון ראַטעווען די רעוואָלוציע געפאָדערט, אַז אַלע פאָרשטייער פון דער איצטיקער רעגירונג זאָלן תיכף דעמיסיאָנירן פון די פאַרנומענע פאָסטנס. „אין דעמיסיע״—האָט ער אויסגערופן צום סוף פון זיין וואָרנענדיקער רעדע.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די רעגירונג האָט נישט קיין שום אָנשפאַר אין לאַנד. דאָס האָט באַדייט, אַז דאָס לידל פון דער בורזשואַזער קאָנטער־רעוואָלוציע אין לאַנד איז אָפּגעזונגען. אין אָוונט פון זעלבן 24־טן אָקטאָבער האָט זיך אין פּעטראָגראַד אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד, דער אָקטאָבער־אויפשטאַנד.

אויסבליק

„די גאַנצע מאַכט — די ראַטן!"

זיך אומקוקנדיק איצט אויפן גאַנצן וועג, וועלכן די רעוואָלוציע האָט דורכגעמאַכט פון מערץ ביז אָקטאָבער, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז דער אָקטאָבער איז געווען אומפאַרמיידלעך, ווי א נאַטירלעכע נויטווענדיקייט. דער אָקטאָבער איז, אמת, פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף אונזערע אויגן דורך די האַנדלונגען פון אַ באַשטימטער פאַרטיי, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער צוגעגרייט געוואָרן דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן ביז אים. זיין דערפאָלג איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם. די אַרמיי, וועלכע איז אויסגעמאַטערט געווען דורכן האָפנונגסלאָזן דורשט נאָך שלום, און וועלכע האָט פאָרויס געזען אַלע שרעקן פון אַ נייער ווינטער־קאַמפּאַניע, האָט געוואַרט אויף אַן אַנטשלאָסענער ווענדונג אין דער פּאָליטיק. דאָס פויערטום, וועלכעס האָט געלעכצט נאָך דער באַפרייטער ערד און האָט מורא געהאַט זי צו פאַרלירן אין די פאַר אים אומפאַרשטענדלעכע אָפּשלעפּענישן, האָט געוואַרט אויף דער דאָזיקער ענדערונג. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געזען לאָקאַוטן, אַרבעטסלאָזיקייט און דעם חורבן פון דער אינדוסטריע, וועלכער האָט געטרוימט וועגן נייע סאָציאַלע אָרדנונגען, וואָס האָבן געדאַרפט געבוירן ווערן פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם, און וועלכן ער איז געווען דער אוואַנגאַרד, האָט געוואַרט אויף דער דאָזיקער ענדערונג. און, צולעצט, די גרויסע, אומצאָליקע באַפעלקערונגס־קרייזן, וואָס זייער נאָמען איז: „קליינבירגער", וועלכע האָבן זיך געשטיקט אין דער אַטמאָספער פון פּאָליטישער און מיליטערישער אומבאַשטימקייט, האָבן אויך אָפּגעוואַרט די אויסלאַדונג פון דער דאָזיקער אַטמאָספער. נישט נאָר ריין־סאָציאַליסטישע אידעאַלן אַליין האָבן באַגייסטערט די אַלע, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט און צוגעגרייט דעם אָקטאָבער־שטורעם: די פאָדערונג צו באַפרידיקן די עלעמענטאַרע דעמאָקראַטי-

שע הנחות פון דער רעוואָלוציע (דאָס שליסן שלום, איבערגעבן דעם באָדן, אַ קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע) האָט אין אַ קאָלאָסאַלער מאָס פאַרגרעסערט די מאַסן, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט דער גאָנצער איבערקערעניש. די אָקטאָבער־פּראָגראַם, וועלכע מיר האָבן כאַראַקטעריזירט אין אָנהויב פון אונזער אַרבעט אַלס קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציע, האָט אין אירע גרונט־יסודות אַלעמען באַפרידיקט. און דעריבער, ווען פּעטראָגראַד איז אויפגעשטאַנען צום קאַמף, האָט ער דערזען דאָס גאַנצע האַרעפּאַשנע לאַנד אין זיין סוויטע. פּונקט ווי אין 1905, ווי אין מערץ 1917, האָט פּעטראָגראַד אויך אין אָקטאָבער אויסגעדריקט די פאַרבאָרגענע מחשבות און האָפנונגען פון אַלע רוסישע שטעט און דערפער. אָנגעהויבן האָט דער פּראָלעטאַריאַט און אַ טייל אַרמיי, אָבער דאָס האַרעפּאַשנע פּויערטום און די גאַנצע איבעריקע אַרמיי האָט זיי אונטערגעשטיצט. אָנגעהויבן האָט פּעטראָגראַד, אָבער דאָס גאַנצע לאַנד האָט אים אונטערגעשטיצט. אמת, די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט אַראָפּגעשליידערט פון זייערע פּיעדעסטאַלן אַ סך אַפּגעטער, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר הייליק און טייער אין דער פאַר־אָקטאָבער עפּאָכע. דאָס איז אָבער אַן אומפאַרמיידלעכער פאַקט יעדעס מאָל, ווען די געשיכטע מאַכט נאָך אַ טריט פאָרויס. די פירער פון דער מעסיקער דעמאָקראַטיע, וואָס זייער טעטיקייט האָבן מיר נאָכגעפאָלגט אין די ערשטע 8 חדשים פון דער רעוואָלוציע, וועלן אַריינטרעטן אין איר נייער עפּאָכע שוין מיט אַ קלענערן אויטאָריטעט ווי דער, וועלכן זיי האָבן גענאָסן ביז אַהער. פון זייער אויפפירונג בעת די אָקטאָבער־געשעענישן וועט אָפּהענגיק זיין, צי זיי וועלן בכלל בלייבן מיט דער דעמאָקראַטיע, אָדער זיי וועלן זיך פּלוצלונג געפינען מחוץ איר. אָבער אויך די אינסטיטוציעס וועלן איבערגיין אין דער נייער עפּאָכע מיט אַן אַנדער, געענדערטער באַדייטונג די ראַטן, וועלכע האָבן 8 חדשים געקעמפט פאַר זייער באַדייטונג, וועלן זיך דערשלאָגן צו דערדאָזיקער אָנפירנדיקער ראָל אין דער רעוואָלוציע. דערפאַר אָבער די גרינדונגס־פאַר־

זאַמלונג, וועלכע איז געווען אַן אידעאַל און אַ ליידנשאַפטלעך־דערוואַרטער ציל אין ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, וועט שוין איצט ווערן איבעריק. זי וועט שוין זיין אַן אָפּגע־לעבטער, הינטער זיך געלאָזענער שטאַפּל... מ׳האָט זיך געקענט באַציען נעגאַטיוו צו דער רעכטצייטיקייט פון אויפשטאַנד אין אָקטאָבער, אָבער קוים איז ער שוין געשען — האָט ער איינ־געשטעלט אַ נייעם, אומבאַשטרייטבאַרן היסטאָרישן פאַקט: די מאַכט פון די ראַטן אין צענטער און אויף די ערטער. און פון איצט אָן האָבן שוין אַלע איבעריקע אינסטיטוטן פון דער רעוואָלוציע זיך געמוזט רעכענען מיטן דאָזיקן פאַקט, זיי האָבן נישט געקענט אויסמיידן, אָדער איגנאָרירן אים. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז געווען דער אידעאַל און דער איינערלעכער סטימול פון גאַנצן גאַנג פון דער ביז־אָקטאָבערשער רעוואָלוציע. וואָלט זי צונויפגערופן געוואָרן אין דעראָזיקער ערשטער עפּאָכע, וואָלט זי געקומען אין מאָמענט פון אָנגעשטרענגטן פאָלקס־קאַמף (אין מאַי, יוני, יולי, אויגוסט), וואָלט זי געוועסט דורכגיין אונטערן צייכן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, וואָלט זי דאַן דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ סיי דער בורזשואַזער אָרדנונג, סיי דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זי וואָלט, וואָר־שיינלעך, געוואָרן די רעאַלע פאַרקערפּערונג פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק. אָבער אין דער נייער אָקטאָבער־עפּאָכע האָט זיך שוין דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק צוזאַמענגעשמידט און קאָנצענטרירט אין אַ אַנדער אָרגאַן זיינעם — אין די ראַטן, און די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג איז דורכדעם גופא געוואָרן איבעריק. געקו־מען צו שפּעט, וועט זי נישט קענען זעלבשטענדיק באַשטימען איר ראָל, נאָר זי וועט געצוווּנגען זיין צו זיין אָפּהענגיק פון אַן אַנדערער, אָקאָרשט אַנטשטאַנענער, מעכטיקער קראַפט: זי וועט אָפּהענגיק זיין פון איר פעיקייט זיך צוצופּאַסן צו די ראַטן. אמת, די אָקטאָבערשע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אויך לטובת דער צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אָבער זי איז פאָרגעקומען נישט נאָר צוליב דעראָזיקער צונויפ־רופונג. דער אָקטאָבער האָט געשאַפן אַ מאַכט, וועלכע איז

תיכף צוגעטראָטן צו לייזן אַ גאַנצע ריי וויכטיקסטע פראַגן פון
דער פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציע, אָבער דורכדעם גופא
איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעפאַלן יעדע באַדייטונג פון דער גרינ־
דונגס־פאַרזאמלונג. די, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרייניקן די
פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע־פּראָגראַם מיטן היסטאָריש־
נאָנטן באַגריף פון דער גרינדונגס־פאַרזאמלונג, האָבן זיך גע־
דאַרפט צוזאַיילן מיט דערדאָזיקער פאַריייניקונג. דער אָקטאָ־
בער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די פעלערן פון מערץ.
דאָס, וואָס מערץ האָט נישט געקענט שאַפן, האָט געשאַפן אָק־
טאָבער, אָבער שוין אָן יענער פאַריייניקונג פון דער פּראָגראַם
מיט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אַזוי טייער געווען
דעם מערץ.

אַ רעוואָלוציע איז תמיד אַ מאַיעסטעטישע דערשיינונג אין
דער געשיכטע. אָבער, צוזאַמען מיט דעם, איז אַ רעוואָלוציע תמיד
אויך אַ גרויסע טראַגעדיע, אין וועלכער סיי דער העלד, סיי
דער קרבן איז אָפטמאָל — דאָס פאָלק. ווען מ׳נעמט נאָך אַמאָל
און אָבער אַמאָל אַרום מיטן גייסטיקן בליק די דאָזיקע טראַגישע
חדשים פון מערץ ביז אָקטאָבער, איז נישט ווילנדיק פרעגסטו זיך:
צי דען האָבן זיי געמוזט דורכגיין גראָד אַזוי, און נישט אַנדערש?
צי דען האָט זיך דאָס פאָלק נאָך ווינציק אָנגעליטן אין די לאַנגע
יאָרהונדערטן פון פאַנשטשינע ביים צאַר, ביים פּריץ, אין דער
פאַבריק, צי דען האָט עס אָפּגעגעבן ווינציק בלוט און טרערן
פאַר די דריי יאָר אומגעטשלעכער מלחמה? צי דען האָט עס
נישט געקענט שוין באַלד פון די ערשטע פריילינגדיקע, ריחותדיקע
טעג פון זיין רעוואָלוציע אַנטשלאָסן און אויף תמיד אַ סוף
מאַכן צו אַלע זיינע יאָרהונדערטער־לאַנגע ליידן? צי דען איז
נויטיק געווען, עס זאָל אַזוי פיל האָפן און אַזוי פיל פאַרלירן,
עס זאָל גלויבן אין תיכפדיקן נס פון גאולה און אין דערזעלבער
צייט דורכלעבן סיי הונגער, סיי רייסעניש, סיי דעם המשך פון
מלחמה און אַנטוישונגען? ווער טראָגט די שולד דערפאַר? צי
זענען שולדיק בלויז זיינע בלינדע און אומפעיקע פירער, אָדער
אויך דאָס פאָלק גופא איז שולדיק? די געשיכטע וועט, מסתמא,

ענטפערן אויף דעם, אַז קיינער פון זיי איז נישט שולדיק, אָדער זיי זענען שולדיק אַלע צוזאַמען. אין דעם באַשטייט דאָך טאַקע די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע, וואָס דאָס פאָלק קומט צו זיין ציל בלויז פּאַמעלעך און בהדרגהדיק. די רעוואָלוציע גיט אים די גרעסטע דערפאָלגן, אָבער דער וועג צו זיי פירט איבער ליידן און אנטוישונגען. דעם פאָלק קומט אויס צו קעמפן נישט נאָר מיט זיינע אָפענע פיינט, -ער האָט אין דער רעוואָלוציע נאָך אַן ערגערן שונא. דאָס איז זיין נאַיוועָר, קינדישער גלויבן אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלוציע, דאָס איז זיין בלינדע באַגייסטערטע איבערגעבנקייט צו יענע מענטשן און אידעען, וועל-כע באַהערשן פריער פאַר אַנדערע זיין אויפמערקזאַמקייט און זיין ליבע. דאָס זענען זיינע טעותן, פון וועלכע ער באַפרייט זיך בלויז פּאַמעלעך און ערשט נאָך די ביטערסטע אַנשוילעכע לעקציעס פון דערפאַרונג.

די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס כדי צו דערפילן זיינע גרעסטע אויפגאַבן רוקט דאָס פאָלק צו-ערשט אַרויס די מעטיקע פּאַרטייען און טרויט זיך זיי אָן, וואָס בלויז טריט נאָך טריט לערנט עס זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין זיינע פירער און וועג-ווייזער, וואָס כדי דאָס צו דערגרייכן מוז עס אַליין אריינלייגן די פינגער אין די אייגענע וווּנדן. די טראַ-געדיע באַשטייט אין דעם, וואָס ווען עס דערשלאָגט זיך, סוף כל סוף, צו זען קלאָר זיין לאַגע, איז שוין אָפטמאָל צו שפּעט צו פאַרריכטן דאָס דורכגעלאָזענע, אָנצוהאָלטן דאָס פאַרלאָרענע. די טראַגעדיע איז נישט אין דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט בלינדע פי-רער אין דער רעוואָלוציע, — די טראַגעדיע איז אין דעם, וואָס דאָס פאָלק אַליין מ אַ כ ט זיי פאַר זיינע פירער, וואָס אין זייער פּערזאָן קעמפט עס אומגעשיקט פאַר זיין אייגן גליק. די דאָזיקע טראַגעדיע האָט איבערגעלעבט אויך די רוסישע פאַר-אָקטאָבער־רעוואָ-לוציע. זי האָט געהאַט אַ סך ריינע און איבערגעגעבנע פירער, דאָס פאָלק האָט געהאַט קלאָרע פאָדערונגען, וועלכע זענען אַרויס-געפלאָסן פון זיינע ליידן — און פונדעסטוועגן האָט דאָס פאָלק אומבאַרחמנותדיק ווייטער געליטן גאַנצע אַכט חדשים. צו דער אָק-

טאָבער-רעוואָלוציע איז דאָס רוסישע האָרעפאַשנע פאָלק צוגעקומען מיט צעוווּנדעטע פיס.

אָבער נישט מיט קיין צעבראָכן האַרץ! ווייל עס האָט פאַר אים פאָרט געשיינט פונדערווייטנס די באַפרייאונג. אין אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, וועלכע האָט געעפנט פאַרן פאָלק נייע, אומגעזעענע וועגן. דאָס פאָלק האָט געטראָגן אין דער נשמה אַ גרויסן דורשט צום לעבן (קעגן מלחמה), אַ בענקשאַפט נאָך אַ ריינער און גערעכטער ארבעט (די באַפרייונג פון באָדן און פון דער אינדוסטריע), אַ דראַנג צו דער אַלגעמיינער גלייכהייט פון מענטשן — און די נייע רעוואָלוציע האָט אים דאָס צוגעזאָגט צו געבן. ווייל דאַסמאָל האָט די רעוואָלוציע געדאַרפט אַוועקשטעלן ביי דער מאַכט אַרבעטער און פויערים. פון היינט אָן וועט אויפן פאָלק ליגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. דאָס פאָלק וועט נאָך האָבן איבערצולעבן אַ סך פיין. דערפאַר אָבער וועלן שוין מער נישט זיין פאַרמאַכט פאַר אים די וועגן צו שעפערישער טעטיקייט. און עס וועט ווערן דער בעל-הבית פון זיין אייגענעם גורל. אַזוי האָבן די מאַסן געגלויבט, אַנטיילנעמענדיק אין די אָקטאָבער-געשעענישן.

די שפּאַנונג איז אַמטמאָל טיפער, ווי עס מיינט דער שפּפער. אויך רעוואָלוציעס טוען און געבן אַמטמאָל מער, ווי מ׳רעכנט אין זייער התחלה. אַזאַ איז אויך געוועזן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אין אַ גרויסער מאָס איז זי אַ רעזולטאַט פון דער אומפעיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע רעגירונגען זיך אַן עצה צו געבן מיט די דעמאָקראַטישע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע. קוים איז זי אָבער געבוירן געוואָרן, איז זי שוין געוואָרן אַ מיטל פון סאָציאַליסטישע רעפאָרמען. דערהויבנדיק צו דער מאַכט די האָרעפאַשנע קלאַסן פון רוסלאַנד, וועט זי דורכדעם גופא דינען אַלס רוף-סיגנאַל פאַר די האָרעפאַשניקעס פון גאַר דער וועלט.

ווער ווייס? די מענטשהייט, קען זיין, וועט אַמאָל בענטשן אויך דעם מערץ פון דער רוסישער רעוואָלוציע; ווייל אָן זיינע פעלערן און זיינע ליידן, וואָלט, אפשר, נישט געקומען אויף דער וועלט דער אָקטאָבער.

קלאַרענס, נאָוועמבער 1918